STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09095

SHRIFTEN

David Edelstadt

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד עדעלשטאַדט.

דוד עדעלשטאדט

שריפטען

מיט א פארעדע איבער דאס לעבען און שאפען פון דעם דיכטער,

פון

ם. קאטץ

ארויסגעגעבען פון

פארלאג „ארבייטער פריינד" און „פרייע ארבייטער שטימע"

לאנדאן, 1909—ניו יארק, 1925

„פרייע ארבייטער שטימע" דרוקעריי, 48 קאנעל סט., נ. י.

דוד עדעלשטאדט.

אַ גראַדע פיגור פון מיטעלער הויך, סימעטריע אין דעם געבוי פון די גליעדער; אַ ליכטיגער פנים מיט איידעלע, צאַרטע געזיכטס-ציגע, אויף וועלכע עס איז אויסגעגאָסען אַ חן פון הויכער אינטעליגענץ און פון טיעפען געפיהל; אַ פאָר ווייט צועפענטע, קאַרע אויגען בעזויימט מיט אַרקען-פאָרמיגע שאָטען-ברעמען — אויגען, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך שטענדיג אָב אַ פראַגע און אויסרוף, אַ מין פערוואונדערונג, ווי זיי וואָלטען שטענדיג אייך זאָגען:

„אָה מענש, פאַר ליעבע, גליק און לעבען
איז די נאַטור, די וועלט בעשאַפט;
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבען,
און איצט איז ערד און מענש פערשקלאַפט."

אַזוי שטעהט עד היום פאַר מיינע אויגען די געשטאַלט פון'ם לאַנג פערשטאָרבענעם און נאָך לאַנג אונפערגעסליכען דיכטער. ווער עס זעהט איין מאָל אַזאַ פנים, ביי יענעם ווערט וואַרעם אין האַרצען און דאָרט ווערט איבערגעלאָזען אַן איינדרוק אויף אייביג — אַן איינדרוק פון אַ קריסטוס-געזיכט, אַזוי ווי ערשיענען אויף דער וועלט אָבצוקומען פאַר די זינד פון די פער-בלאָנדזשעטע מענשען-קינדער.

ניט אומזיסט האָט זיך די געשטאַלט פון דעם דיכטער איינגעפרעגט טיעף אין די הערצער פון אַלע, וועלכע האָבען איהם געקענט און מיט איהם די מינדעסטע מגע ומשא געהאַט, און ניט

אומזיסט האָט זיך וועגען איהם דער קלאַנג פערשפּרייט ווייט און ברייט, וואו נור עס זיינען פאַראַן ליידענדע און אונטערדריקטע אידישע פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען דורך דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדאַ געקומען צום בעוואוסטזיין; ניט אומזיסט איז ביי אַלעמען די פאָרשטעלונג פון'ם פּאָעט בעקרוינט מיט דעם קראַנץ פון אַ מאַרטירער; ניט אומזיסט האָבען זיך ביי אונזערע ליידענדע פּראָלעטאַריער־ברידער אין די רוסיש־אידישע שטעדט געבילדעט לעגענדעס *) וועגען דעם **לעבען און שאַפען פון דוד עדעלשטאַדט.**

מען זאָגט געוועהנליך, אַז קיין צדיק איז ניט אַ צדיק פאַר זיין שטעדטעל. און באמת: אָפט פּאַסירט עס, אַז מענשען, וועגען וועלכע עס געהען אַרום קלאַנגען ווי וועגען הייליגע, מענשען, וועלכע מען אַכטעט, שעצט און פאַר וועלכע מען איז בעגייסטערט, צו פערדאַנקען די דערצעהלונגען וועגען זיי און וועגען זייערע גוטע מעשים, אָדער צו פערדאַנקען זייערע שריפטען, וואָס מאַכען אויף מענשען אַ טיפען איינדרוק, פערלירען אָבער אין אונזערע אויגען פיעל פון זייער ווערטה, ווען מיר דערקענען זיי נעהנטער, ווען מיר לעבען צוזאַמען מיט זיי און בעאָבאַכטען זיי אין אַלע זייערע קעהרונגען און ווענדונגען. וואָרום נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענש פון פלייש און בלוט תמיד אַ בשר־ודם, אַ פּשיטא שוין אונטער די אומשטענדען, אונטער וועלכע מענשען קומט אויס צו לעבען

---

*) „ביי אונז אין רוסלאַנד — האָט מיר איבערגעגעבען אין אַ געשפּרעך אברהם רייזען — רעדט מען פון עדעלשטאַדט, ווי וועגען אַ הייליגען. עס געהען זאַגאַר אַרום פערשידענע לעגענדעס וועגען זיין לעבען, און אַרבייטער ריידען וועגען איהם און זינגען זיינע לידער מיט טרערען אין די אויגען."

אין דער היינטיגער וועלט, און בפרט אונטער די אומשטענדען אין דער אַמעריקאַנער בורזשואַזנער אַטמאָספֿערע, וואו די נסיונות זיינען אַזוי גרויס און וואו דער אידעאַליזם ווערט בטל בששים פֿון דער אַרומרינגלענדער „לעבען־מאַכעריי" אין אַ געשעפֿטס־וועלט. ווי אָפֿט זיינען די ענטוישונגען, ווען מען בעקענט זיך נעהנטער מיט אַ בעריהמטהייט, מיט אַ שרייבער, מיט אַ פּאָעט, מיט אַ רעדנער, מיט אַ געליבטען און פֿערגעטערטען כלל־טהוער.

וואָס פֿאַר אַן אויסנאַהם עס איז דעריין געווען דער דיכטער, ווי אַנדערש איז געווען דער פֿאַל מיט איהם! מיר, זיינע חברים, וועלכע זיינען געווען אַזוי נאָהענט נעבען איהם אין דער צייט פֿון זיין שאַפֿען, אין דער צייט פֿון זיין טהעטיגקייט אויף יענער ערשטער שטופֿע פֿון פֿערשפּרייטען, פּראָפּאַגאַנדירען סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע אידעען צווישען די איינגעוואַנדערטע אידען אין דער נייער וועלט און שאַפֿען אַן אַרבייטער-בעוועגונג, וועלכע זאָל קעמפּפֿען פֿאַר אַ בעסערע וועלט — מיר ווייסען, אַז וואָס נעהנטער מען האָט געקענט איהם, וואָס אָפֿטער מען האָט פֿערקעהרט מיט איהם און געזעהן איהם אין אַלע זיינע פֿיהרונגען און בענעהמונ־גען, אַלץ מעהר רעספּעקט האָט מען געמוזט פֿיהלען פֿאַר איהם, אַלץ וואַרעמער איז מען געוואָרען צוגעבאַקען צו איהם, אַלץ ליעבער האָט מען איהם בעקומען, אַלץ העכער האָט זיך אויפֿ־געהויבען פֿאַר די אויגען זיין גייסטיגע פֿיגור.

עדעלשטאַדט'ס צויבער־קראַפֿט איז בעשטאַנען אין דער ריינקייט פֿון זיין נשמה, אין דער זויבערקייט פֿון זיין גאַנצען וועזען — אַ מאָראַלישע קראַפֿט, וואָס האָט אונבעוואוסט געווירקט מיט איהר זיטליכקייט, מיט די גוטע מידות, מיט דעם מזג טוב, מיט יענע וואונדערליכע אייגענשאַפֿטען, וועלכע אַ מענש קען זיך ניט ערווערבען סיידען דורך יסורים, וואָס לייטערן זיין נשמה,

אָדער דאָס זיינען איינגעבאָרענע אייגענשאַפטען, אין וועלכע ער אַליין איז ניט שולדיג, אַזוי ווי עס איז ניט שולדיג דאָס שעהנע קינד, וואָס זיין פּנים איז אַזוי ליעבליך, אַזוי אָנציהענד און דערמאָנט אונז אָן דער געשטאַלט פון אַ מלאך; אַזוי ווי עס איז ניט שולדיג די בלום, וואָס זי גיט אַרויס פון זיך אַזאַ בשמים־ריח. אייגענשאַפטען, פון אַ העכערער מדרגה מענש האָט די נאַטור אַליין ערצויגען אין דעם דיכטער.

עס זיינען פאַראַן מענשען, וואָס זיינען פון דער נאַטור אַנאַרכיסטען-קאָמוניסטען; דאָס זיינען זעלטענע מענשען. און ווען אפילו קיין טהעאָריע פון אַנאַרכיזם און קאָמוניזם וואָלט אויף דער וועלט ניט געווען, און ווען אפילו זיי וואָלטען ניט בעקענט ווערען מיט פאַטענטירטע אידעאַלען, וועלכע לייגען אַרויף אַ בעשטימטע סיגנאַטור, זיי וואָלטען אין זייער עצמיות געבליבען דיזעלביגע, ניט ווימענדיג אפשר ווי מען רופט דאָס. דאָס זיינען מענשען, וועלכע קענען ניט פערטראָגען אַ הערשאַפט איבער זיך; אפילו דער מינדעסטער קאָמאַנדאָ־טאָן, אַ בעפעהלענדעס וואָרט בלויז, בעליידיגט זיי אויף דאָס טיעפסטע. עס איז פאַר זיי אָרגאַניש און פסיכאָלאָגיש אונערטרעגליך דער טאָן פון אַ בעפעהל אָדער אַ קאָמאַנדירענדער בליק; זייערע צאַרטע נערווען קענען דאָס ניט פערליידען, זייער עמפפינדליכע נשמה ווערט אויפגעבראַכט. און פונקט אַזוי, און אפשר נאָך מעהר, ווי זיי קענען ניט פערטראָגען אַ קאָמאַנדאָ־וואָרט איבער זיך, איז דערווידער זייער נאַטור צו בעפעהלען דעם צווייטען, אַ הויכען קאָמאַנדירענדען קול אויפהויבען געגען אַן אַנדערען. דאָס איז פאַר זיי אויך אָרגאַניש און פסיכיש אונמעגליך. אַזעלכע מענשען קענען ניט הייסען, זיי קענען אָבער האַסען! פון זייער נאַטור אויס האַסען זיי דעם בעפעהלהאָבער און פעראַכטען די שקלאַפּישע נשמה, דעם שמייכלער, דעם

חניפה׳ושניק. ביי זיי פעהלט דאָס געפיהל פון „מיינע" אין איינענטהום, ווייל זיי קענען קליינליך ניט זיין, און אויב זיי פעהלט די לוסט הנאה צו האָבען פון „דיינע", פעראַכטען זיי אָבער דעם „דיין", ווי דעם הונד אויף זיין ביין.

פרופּט צו אַזאַ נאַטור צוגעבען יענעם מזג טוב, יענע האַר־ציגע גוטסקייט און יענע איינדרוקספולע ווייכקייט און זאַנפטקייט, וועלכע ווערט געריהרט פון דעם מינדעסטען אויסדרוק פון ליידען אויף אימיצענס פנים — אַ גוטסקייט, וועלכע איז אויך אין זיי אַ נאַטירליכע, אינסטינקטיווע, ניט אַן אויסגעלערענטע פון מאָראַל־ביכער, און איהר וועט האָבען פאַר זיך אַ פערזאָן, וואָס צייכענט זיך אויס מיט איהר גאַנצקייט, וואו דער ווילען, די געפיהלען און די געדאַנקען געפינען זיך אין אַ וואונדערליכער האַרמאָניע. דאָס האַרץ פון אַזאַ מענשען נעהמט אויף ווייך, אַזוי ווי וואַקס, די איינדריקע, און איינמאָל אויפגענומען אַן איינדרוק, ווערט ער שוין ניט פערגלעט, וואָרום אין דער טיעפער, געפיהלפולער נאַטור געשטאַלטעט זיך דער איינדרוק צו אַן איבערצייגונג, וואָס ווערט אַזוי פעסט, ווי אין גאָלד אויסגעקריצט. מען רופט דיזע מענשען מאָראַלישע מענשען, אָבער מען מאַכט אַ טעות, ווען מען מיינט, אַז דאָס איז אַ מאָראַל פון דרויסען אין זיי אַן איינגעווירקטע, — ניין, דאָס איז אַ זיטליכע נאַטור, אַ מין אַסקעטען־נאַטור, אין וועלכער די ריינהייט גופא, די גוטסקייט גופא, די אָברופונג גופא אויף דעם צווייטענס יסורים און די פעראַכטונג צו דער הערשזוכט און צו דער אונטערטהעניגקייט ווערט אַ ליידענשאַפט, אַ פייעריגע ברענענדע ליידענשאַפט, אַ שטענדיגער פלאַם, וואָס פערצעהרט אין זיי אַלע אַנדערע ליידענשאַפטען. אָט דאָס איז געווען די גייסטיגע געשטאַלט פון דוד עדעלשטאַדט. און דערמיט ערקלעהרען זיך אויך יענע חסרונות, וועלכע ליטעראַטור־קריטיקער מוזען געפינען,

וויאין די ניט געקינצעלטע אויסערליכע פֿאָרמען, אַזוי אין דעם ניט־וואַריאירטען, אָפּט מאָנאָטאָנעם אינהאַלט פֿון זיינע אידישע געדיכטע. עדעלשטאַדט'ס וועלט־שמערץ איז דער שמערץ פֿון די עניים און אביונים, דער וועלט־שמערץ פֿון אַ ישעיה הנביא; עדעלשטאַדט'ס וועלט־דראַמאַ איז דער קאַמפּף פֿון קאַפּיטאַל און אַרבייט; דאָס שפּיעל פֿון ראַנגלענדע נאַטור־קרעפֿטען, דער יצר טוב און דער יצר הרע, דאָס שטעלען איהם פֿאָר די ווילדע כוחות פֿון די וועלט-שלינגער און דער שטייגענדער בעוואוסטזיין פֿון די, וואָס ווילען אויפֿהערען זיין פֿערשלונגענע. אָנגעהויבען האָט עדעלשטאַדט'ס מוזע זינגען איהם אין דער רוסישער שפּראַך.

און אָנגעהויבען זינגען האָט זי, ווי ביי יעדען פּאָעט, פֿון דער נאַטור און איהרע שעהנקייטען און פֿון אַלעס, וואָס קען רייצען דעם יונגען מענשען'ס פֿאַנטאַזיע, פֿון אַלעס, וואָס עס שפּיגעלט זיך אָב אין זיין נשמה פֿון דער אַרומיגער וועלט. וואָס מעהר אָבער עס ווערט רייף זיין נאַטור, אַלץ מעהר גיט אַרויס זיין לירע די טענער פֿון פראָטעסט געגען אונטערדריקונג, ביז ער הערט אויף ליריש צו זיין; אַלע סטרונעס פֿון זיין לירע גיבען אַרויס איין האַרץ־רייסענדען געשריי, איין מאָטיוו, איין ליעד—

דאָס ליעד פֿון קאַמפּף
וואָס קלינגט ווי קייטען
פֿון'ם פֿערשקלאַפּטען קריסט און איד.

דער פֿלאַמענדער מאָטיוו פֿון קאַמפּף האָט פֿערשלונגען אַלע אַנדערע מאָטיוון און דאָס רויט אַלע אַנדערע קאָלירען פֿון זיין טאַלאַנט, ווי די פֿערשיעדענאַרטיגע קאָלירען אין דעם קאַמפּף פֿון מאָרגען־אויפֿגאַנג געגען פֿינסטערע נאַכט ווערען בענאָסען מיט איין איבערוועלטיגענדען פּורפּור־רויט, מיט וואָס עס ווערט בעלויכטען דער גאַנצער האָריזאָנט, איידער עס קומט דער ליכטיגער טאָג.

שוין אין זיינע רייפֿע רוסישע געדיכטע קרעכצט דעם פּאָעט'ס לירע:

„איך בין ניט געבאָרען פֿאַר זיסע אַריען,
פֿאַר ליעבעס-טראַנק און שעהנהייטס-בלומען;
ד'בין ניט אַ פּאָעט, ד'בין אַ פּראָלעטאַריער,
אַ קינד פֿון אָרעמקייט, פֿון קאַמפף אַ טרוימער.
דער קאַמפף פֿאַר ברויט, דאָס'ז מיין מוזע,
דער פֿאַבריק-גיהנום איז מיין פּאַרנאַס,
די קראַנקע ברוסט אונטער אַרבייטס-בלוזע
איז דער זיסער נעקטאַר פֿון אונזער גאַס."

איז ער ווירקליך ניט געבאָרען געוואָרען פֿאַר זיסע מעלאָדיען? ווען מען לעזט זיינע יוגענד-ליעדער אין רוסיש, וועלכע זיינען אפשר אונבעדייטענד, אַלס דער פּראָדוקט פֿון אַ טרוימערישען קינד, זעהט מען אָבער יענעם איינגעבאָרענעם טאַלאַנט, וועלכער וואָלט אונטער גינסטיגע אומשטענדען געדאַרפֿט ענטוויקלען זיך צו עטוואָס קינסטלעריש גלענצענדעס. עס מעג זיך זיין אַ בעזונדער פֿראַגע, אויב ער וואָלט זיין פֿאָלק און זיינע ליידענס-ברידער בריינגען דאַן אויך יענע נוצען, וועלכע זיינע פּראָדוקטען האָבען געבראַכט אין וועקען דעם בעוואוסטזיין פֿון די אָרעמע, ווען ער האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין גאַנצען אין אַ פּאָעט-אַגיטאַטאָר, אויב מען קען מיט איין וואָרט בעצייכנען זיין גאַנצע שאַפֿונג, ווי עס ערשיינט אין דעם פֿאָרליגענדען בוך. אָבער—ערקלעהרט ער אונז אַליין:

„פֿריה זיינען געשטאָרבען מיינע האָפֿנונגען זיסע,
פֿריה האָב איך דערזעהען דעם ווילדען קאָנטראַסט,
דאָס אַרבייטער פֿאָלק אין אַ פֿינסטערער תפיסה
און שווינדלער און רויבער אין רייכען פּאַלאַסט..."

* * *

עדעלשטאַדט איז געבאָרען געוואָרען פֿון ניט רייכע עלטערן אין דער עכט־רוסישער שטאָדט קאַלוגאַ דעם 9טען מאַי 1866. זיין פֿאָטער אַ פּראָסטער, גוטהאַרציגער, שטילער מענש, זיין מוטער, אַ שעהנע פּשוט'ע אידישע פֿרוי, וועלכע האָט געמוזט זיין די בעל־פּרנסה'ניצע, די עקרת הבית. זיין אידישע ערציהונג איז געווען אַ קנאַפּע. מען קען זיך פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ מלמד ער האָט געמוזט האָבען אין אַ קאַלוגאַ, וואוהין אַ פֿער־וואַנדערטער אָרעם־בחור, וואָס איז מסתמא געווען אַן עם הארץ אין זיין ישיבה, איז אַוועק אַ פּרנסה מאַכען פֿון מלמד'עווען מיט די קינדער פֿון ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטען און וואו אַ שוחט האָט מסתמא געשפּיעלט די ראָלע פֿון אַ רב, אַ בעל־קורא, אַ חזן און אַ מסדר־קדושין. אַ קנאַפּע לוסט האָט ער געהאַט צו געהן אין חדר.

אָבער דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַ גוטען רוסישען לעהרער; דאָס איז דאָך געווען די השכלה־צייט, דער פּעריאָד פֿון „פּראָס־וועשטשעניע" אין רוסלאַנד. ניט קיין גרויסע בילדונג האָט ער געקענט געניסען אויף די געצעהלטע גראָשענס פֿון ניט רייכע עלטערן, אָבער ער האָט ליעב געהאַט פֿיעל צו לעזען, און שוין אַלס קינד פֿיעל צו שרייבען און בעשרייבען. אָט קומט ער פֿאַר פֿאַר מיינע אויגען, לויט דערצעהלונגען, אַלס אַ שטילער, געלאַ־סענער אינגעלע פֿון אַ יאָהר אַכט, מיט גרויסע פֿערטראַכטע אויגעלאַך. די גאַנצע פֿאַמיליע זיצט ביים טיש; מען רעדט, טהוט, עסט אָדער דערצעהלט מעשיות, און דאַווידקע פֿער'גנב'עט זיך אין אַ ווינקעלע און שילדערט, פֿערפֿאַסט, שרייבט אַ „סאָטשי־נעניע". זיין לוסט צו שילדערן, צו בעשרייבען האָט געמוזט אין איהם זיין ליידענשאַפֿטליך פֿון פֿריהער קינדהייט אָן. נאָך אַלס נײַן־יעהריגער אינגעל איז ער געווען שטאַרק בעגייסטערט פֿון

טהעאַטער. די גרויסע אַקטריסע זאַרינאַ גאַסטראָלירט אין קאַלוגאַ, און אין דער פּראָווינציעלער שטאָדט איז דאָס אַ גאַנצע עראייגניס, אַ גרויסע פּאַסירונג. דאָס טהעאַטער איז ניט ווייט פון הויז און דוד׳ל לויפט אַלע אָבענד אַהין. ער היט אָב אין שטאָדטישען גאָרטען, ווען די קינסטלערין געהט שפּאַצירען, זייגע אויגעלעך צופּענען זיך, ער קוקט איהר נאָך, שלינגט איהרע בעוועגונגען, און דאָ טאַקע תיכף שרייבט ער אַ ליעד, בעזינגט זאַרינאַ׳ן. אַ „קוואַרטאַשקע" געהט פערביי, אָרדנונג מוז מען אויפהאַלטען, בפרט ווען די אַקטריסע אַליין געהט שפּאַצירען; ער דערזעהט אַ אינגעל שפּירט נאָך די „זוועזדאַ" און שרייבט עפּעס: סטייטש, וואָס איז דאָס? צו עפּעס ניט אַ סכנה פאַר׳ן „פּאָריאַדאָק"? ער פּאַקט דעם בונטאָווטשיק, נעהמט דאָס פערשריבענע פּאַפּירעל און ווערט נתפעל: גראַמען וועגען זאַרינאַ. ער פערשרייבט דעם נאָמען און אַדרעס פון דעם געפּאַקטען בעל-עבירה, שיקט רופען דעם פאָטער און איז איהם מתרה: — „עדעלשטאַדט, דיין זוהן וועט זיין אַ גרויסער פּאָעט. ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדערער, וואָלט איך איהם בעשטראָפען דערפאַר". וואָס פאַר אַ מערקווירדיג שפּיעל פון שיקזאַל! אַ פּריסטאַוו ענטדעקט עדעלשטאַדט׳ס טאַלאַנט און איז איהם מוחל די עבירה, וואַהרשיינליך צו פערדאַנקען דעם אומשטאַנד, וואָס דאָס איז געווען נאָך דער רעפאָרמען-צייט אין רוסלאַנד, די רעפאָרמען פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

אין הויז רעדט מען שוין וועגען דוד׳לס געדיכטע. אַן אָפיצער אַ שכן איז אַן איינגעהער אין הויז, ער קומט אַריין פערברייננגען מיט די עלטערע ברידער פון׳ם קינד-פּאָעט. מען טרינקט טהעע און מען צורעדט זיך וועגען פּאָליטיק, וועגען דעם פּסק פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען, אַזוי ווי דאָס איז געווען נאָך דער דייטש-

פֿראַנצויזישער מלחמה און נאָך דער קאָמונע אין פֿראַנקרייך. דער אָפּיצער ווייזט היסטאָריש אויף, אַז ד ר ײ י איז אַ סכנות'דיגע צאָהל, און ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער וועט ווערען קיסר, וועט מסתמא אויך אַן אונגליק פּאַסירען. דער יונגער אינגעל הערט זיך צו און עס ווערט שוין בעשאַפֿען ביי איהם אַ געדיכט „ראָקאָוואָיע טרי" — מען לעזט עס פֿאָר, דער לעהרער, דער אָפּיצער, די ברידער, די שכנים, און דאָס ווערט צוטראָגען איבער דער שטאָדט; מען לויבט דעם קינד-פּאָעט. זיין גאַנצע גייסטיגע נאַהרונג בעקומט דער אינגעל פֿון לעזען פֿיעל.

ער איז שוין אַלט לערך צוועלף יאָהר. אין שטאָדט פּאַסירט אַ וויכטיגע עראייגניס. עס איז געשטאָרבען דער גרויסער דאָקטאָר איוואַראָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער גו־בערניע; ער איז געווען אַ פּוילישער פֿערשיקטער אין קאַלוגאַ, אַ טיכטיגער אַרצט און אַ גוט-האַרציגער מענש. פֿון רייכע האָט ער געריסען, אָרעמע פֿלעגט ער היילען אומזיסט און נאָך געבען מזומן אויף אַ רפֿואה. דאָס הערצעל פֿון'ם יונגעל-פּאָעט ווערט גערידהרט פֿון דעם פֿריה־צייטיגען טויט פֿון דעם גוטען מענשען, וועלכער איז געווען אַ פֿאָטער און בעשיצער פֿאַר די אָרעמע, און ער בעוויינט איהם אין אַ נעקראָלאָג. די קאַלוגא'ער איינציגע צייטונג, די „גובערנסקיאַ וועדאָמאָסטי" דרוקט דעם פּראָדוקט פֿון דער יונגער פֿעדער און דאָס ווערט געלעזען און געלויבט. אפילו דער גובערנאַטאָר אַליין ווערט אויפֿמערקזאַם דערויף.

אין קאַלוגאַ איז דאַן געווען גובערנאַטאָר באַראָן פֿאָן שעוויטש*).

---

*) אַ ברודער פֿון דעם בעוואוסטען סאָציאַליסטישען שריפֿטשטעלער און אַגיטאַטאָר ס. ש ע װ י ט ש, וועלכער איז פֿריהער געווען טהעטיג אין דייטשלאַנד, האָט געהייראַט מיט דער בעוואוסטער געליעבטער פֿון פֿ. לאַסאַל,

דער גובערנאַטאָר האָט זיך פֿעראינטערעסירט צו וויסען, ווער איז דאָס דער ערעלשטאַדט, און האָט איהם געשיקט רופֿען. ווי איבעראַשט איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דערזעהען פֿאַר זיך נאָך גאָר אַ יונג קינד. ער האָט איהם אָנגעקושט, געגלעט איבערן קעפּעל: „דו וועסט זיין אַמאָל אַ שעהנער פּאָעט, און ווייטער ווען דו וועסט וואָס אויפֿשרייבען, ברייננ דאָס צו מיר, איך וועל זעהר גערן זיין.“

אָבער קאַלוגאַ איז געווען שוין צו ענג פֿאַר דעם אינגעל־פּאָעט. דאָס הערצעל האָט געצויגען אין דער גרויסער וועלט, און ער פֿאָהרט קיין קיעוו, וואו ער האָט געהאַט אַ ברודער. קיעוו האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף דער פּאָעטישער נשמה; אַן אוניווערזיטעט-שטאָדט, דער ברייטער דניעפּער, די אַרומיגע בערג, די „הייליגע“ לאַווּרעס. אָבער קיין ברייטע בעקאַנטשאַפֿט האָט ער ניט געהאַט, זייענדיג אַזוי יונג און אַזוי בעשיידען פֿון דער נאַטור, און ער פֿערברייננט זיינע טעג און מאָנאַטען אין לעזען, אין זיצען אויף די בערג און טרוימען און שילדערן די שעהנע נאַטור. מיר האָט זיך געמאַכט אמאָל צו לעזען אַ קליינעס געדיכט זיינס אַ רוסישעס, פֿון די ערשטע, וועלכע ער האָט געשריבען צו יענער צייט: „דווע יאָלקי“ — מיר דוכט, אַז צו וועלכען מבין אין האַנד אַזאַ געדיכט וואָלט ניט אַריינפֿאַלען, וואָלט ער, אויף דעם גרונד פֿון דיזען קליינעם פּראָדוקט אַליין, אָהן שום ספק אַרויסטראָגען די מיינונג, אַז דאָס ענטוויקעלט זיך אַ בעדייטענדע קראַפֿט, אַ זיכערער טאַלאַנט.

העלענאַ פֿאָן ראַקאָוויץ, און איז נאָך ביסמאַרק׳ס אויסווייזונג-געזעץ געקומען נאָך אַמעריקאַ און רעדאַקטירט די סאָציאַליסטישע טעגליכע „פֿאָלקס-צייטונג“.

אוּן דאָ אין קיעוו פּאַסירט יענע שווידערליכע קאַטאַסטראָפע, וועלכע איז פערשריבען מיט בלוט אין די אַנאַלען פון רוסישען יודענטהום. עדעלשטאַדט איז דאַן אַלט געווען פופצעהן יאָהר. ער געהט איין טאָג אויף פאַדאָל און פאַלט אַריין אין אַ צורייצטער מאַסע גראַמילעס, וועלכע מאַרשירען צו סאָלאָמינקע חרוב מאַכען אידישע האָב און גוטס, שטורמען אידישע הייזער. קוים אַ לעבעדיגער רייסט ער זיך אַרויס פון זייערע הענד, כאַפּט אַ דראָשקע און יאָגט זיך אַהיים, וואוהין ער פאַלט אַריין מיט אַ וואַרנונג־געשריי: בעשיצט זיך — אַ פּאָגראָם! און אַ פיבער־היץ לייגט איהם אַוועק צו בעט. אויף מאָרגען האָט מען איהם שוין געמוזט אָבפיהרען אין האָספיטאַל. די האָספיטעלער זיינען געווען פול מיט קראַנקע, און דעם יונגען פּאָעט קומט אויס צו ליגען אין די צייטיגע פּאַלאַטעס פאַר קראַנקע אויף פּעטשאַרסק, וואו סטודענטען פון קיעווער אוניווערזיטעט האָבען אויף זיך גענומען די וואָהלטהעטיגע אַרבייט אַרומצוגעהן אַרום די חולאים. זייער אויפמערקזאַמקייט ווערט געצויגען אויף פיעל געשריעבענעס פון דעם קראַנקען. זיי בעקענען זיך מיט איהם נעהנטער, בעפריינדען זיך מיט איהם, בעקומען איהם ליעב, און ווען ער ווערט געזונד, לאַדען זיי איהם איין צו זיך, ווערן מיט איהם חברים, שלאָגען פאָר צו פערפערטיגען איהם צום אוניווערזיטעט.

אין יענער צייט האָט דאָס דער יונגער דיכטער געמוזט בעקענען זיך מיט די בעסטע שריפטען פון דער רוסישער ליטעראַטור, ווי מיט די ווערקע פון בעלינסקי, פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, שעלגונאָוו און הויפּטזעכליך מיט די געדיכטע פון ניקיטין און נעקראַסאָוו, וועלכע האָבען אויף איהם געמאַכט אַ געוואַלטיגען איינדרוק. ער איז דאָס צו יענער צייט, ווי עס שיינט, בעקאַנט געוואָרען מיט די אידעען פון סאָציאַליזם, ווי די לעזער וועלען דאָס געפינען

אין זיין בילד פֿון לעבען „ווערא", וואָס עס האָט שוין אויף אימער אַ ווענד געטהאָן זיין לעבען, און דאַן זיינען שוין זיינע געדיכטע (אַלץ אין רוסיש) געוועזן די שילדערונג פֿון אַרבייטער-לעבען, דאָס בעזינגען פֿון אַ גלייכהייטס און פֿרייהייטס-אידעאַל.

די פֿריינדליכע סטודענטען שטעלען איהם פֿאָר דעם בעריהמטען אידישען כלל-טהוער, ראַדיקאַלען נאַציאָנאַליסט, פֿילאַנטראָפּ און דערנאָך פּיאָניר פֿון טעריטאָריאַליזם, דר. מאַנדעלשטאַם. ער ווערט אַ שטענדיגער איינגעהער אין דר. מאַנדעלשטאַם'ס הויז; די צוויי גוטע נשמות ווערן צוגעצויגען איינע צו דער צווייטער. מאַנדעלשטאַם בעהאַנדעלט איהם ווי אַן אייגען קינד; דער יונגער פּאָעט העלפֿט איהם אין זיין קאָמיטעטסקע אַרבייט פֿאַר די קרבנות פֿון פּאָגראָם און דער גרויסער כלל-טהוער וויל זאָרגען פֿאַר זיין צוקונפֿט, ער זאָל שטודירען, ערררייכען אַ צוועק. אָבער דאָס אַפּעלירט ניט צו דער עמפּפֿינדליכער נאַטור; צופֿיעל זעהט ער זיך אָן די יסורים, ערנידריגונגען און בעליידיגונגען אין דער מדינה פֿון מאָנאַרכישער דעספּאָטיע. דאָס יונגע האַרץ בעגעהרט פֿרייהייט, די גליהענדע פֿאַנטאַזיע מאָהלט בילדער פֿון אַ בעסערער וועלט, און די נשמה בייגקט, ציהט צו נייע וועלטען. וויט ערגעץ, אין מרחקים, איבער ימים און יבשה, אַהין, וואו פֿון ווייטען דוכט זיך, אַז דער הימעל איז אַזוי נאָהענט פֿון דער ערד.

גרופּען בילדען זיך אויסצוּוואַנדערן פֿון דער פֿערשאָלטענער רוסלענדישער מדינה, וואו די יסורים פֿון די פֿעלקער האָבען זיך צוגאָסען ברייטער, איידער די וואָלגאַ און דער דניעפּר פֿערפֿלייצען די פֿעלדער אין פֿריהלינגס-צייט. עס בילדעט זיך די גרופּע „עם עולם", צו וועלכער עס שטעהט צו דעם פּאָעט'ס ברודער, און דער יונגער דיכטער שליסט זיך אָן אָן דעם „עם עולם" — דאָרט אין דער נייער וועלט איז ניטאָ קיין אונטערשיעד פֿון קריסט און

איד; דאָרט וועט מען קענען צוטוליען זיך צו דעם טרייען בוזים פֿון דער מוטער נאַטור, און דורך עהרליבע אַרבייט, דורך לאַנד־אַרבייט געמיינשאַפֿטליך לעבען אויף דעם יסוד פֿון ברידערליכקייט. אַזוי האָט געהאָפֿט די גרופּע „עם עולם", אויסוואַנדערענדיג פֿון רוסלאַנד, און ענדע 1882 איז דער איגגעל־פּאָעט שוין געווען אין אַמעריקאַ.

אָבער ווייט איז דאָ דער הימעל פֿון דער ערד. אָנשטאָט ערד־אַרבייט און געמיינשאַפֿטליכען לעבען ווערט דער פּאָעט מגולגל אין אַ פֿאַבריק־אַרבייטער, און ביי וועלכער אַרבייט? ביי דער קנעפּ־לעכער מאַשין — אַ שווערע, האָרעפּאַשנע אַרבייט:

שנעל לויפֿען די רעדער
ווילד רוישען די מאַשינען
אין שאָפּ אַזוי שטיקענד, אַזוי הייס...

און דאָ פֿערזוכט דער דיכטער דעם אמת'ען טעם פֿון ביי־טער־שווערען אַרבייטער־לעבען. אין די פֿעראייניגטע שטאַאַטען איז אָבער צו יענער צייט געווען אַ זעהר ראַדיקאַלער שטראָם פֿון אַ סאָציאַלער בעוועגונג. דער טרייד־יוניאָניזם אין דער מעכטיגער אָרגאַניזאַציאָן פֿון די „ריטער דער אַרבייט" *) האָט געהאַט אַ ראַדיקאַלען רעוואָלוציאָנערן פֿליגעל; די אידעען פֿון הענרי דזשאָרדזש, די געדאַנקען פֿון זיין ווערק „פּראָגרעס און אָרעמקייט" **) האָבען זיך פֿערשפּרייט אין די מאַסען; דאָס האָט זיך פֿערמישט מיט די שטראָמען איינגעוואַנדערטע אירלענדישע רעבעלען און אויסגע־וויזענע דייטשע סאָציאַליסטען לויט דעם ביסמאַרק־געזעץ, מיט די רוסלענדער אידישע פֿאָרטגעשריטענע יונגע־לייט פֿון'ם פּעריאָד

*) נאַיטס אָוו לייבאָר.

**) „פּראָגרעס ענד פּאָווערטי".

פֿון נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ. פּאַול גראָטקאָ, ס. שעוויטש, האַססעלמאַן און על כולם דער פֿייעריגער רעבעל יאָהאַן מאָסט זיינען אָנגעקומען אַהער, און דער לעצטער איז אויפֿגענומען געוואָרען פֿון די איינגעוואַנדערטע ראַדיקאַלע עלעמענטען, ווי דער פּראָמעטעאוס פֿון יענעם זייט אָקעאַן, וועלכער קומט שטירצען דעם צעאוס אויך פֿון דעם זייט ים, — די לופֿט איז געווען אָנגעלאָדען מיט קאַמפּף. האָט דאָס אַלץ ניט געקלונגען אַזוי האַרמאָניש מיט די נאַראָדאָוואָלטשעסקע אידעען, וועלכע זיינען געווען פֿאַר דעם האַרצען פֿון יונגען פּאָעט אַזוי היימיש, אַזוי טהייער?

נאָך דער שווערער אַרבייט דעם גאַנצען טאָג אין שאָפּ, קומט דער גייסטיגער גענוס, וועלכער פֿערשלינגט אַלעס אַנדערע; מען שלינגט די רוסישע ליטעראַטור, וועלכע איז אין דערהיים געווען פֿערבאָטען; די שריפֿטען פֿון סטעפּניאַק, פֿון קראָפּאָטקין; מען בעקענט זיך מעהר מיט דער שפּראַך פֿון לאַנד, וועלכע שיינט פֿון אָנהויב אַזוי טרוקען, אַזוי קאַלט, ווי די נשמה פֿון דעם יענקי, און אַזוי האַרט, אָבוואָהל מיט אַ שעהן-קלאַנג, ווי דער זילבערנער דאָלאַר גופא, אָהן וועלכען עס איז אַזוי שווער צו לעבען. אָפֿט געהט מען אויף די פֿערזאַמלונגען, וואו די אַטמאָספֿערע איז אַ גליהענדע, פֿול מיט דעם צינד-מאַטעריאַל פֿון פֿרייע געדאַנקען, און נאָך וועלכע מען זעצט פֿאָרט די דיסקוסיאָן צוזאַמען מיט די אַנדערע נאָהענטע פֿריינד.

אָבער ביי אַלעם דעם לעבט דער יונגערמאַן־פּאָעט אויך זיין אייגענעם טיעף־אינערליכען געפֿיהלס־לעבען און זיינע עמפּפֿינדונגען, געפֿיהלען און שטימונגען ווערן אויסגעגאָסען אויף'ן פּאַפּיר— אַלץ אין רוסיש. אינטימע פֿריינד לעזען עס, דעקלאַמירען, ווערן בעגייסטערט, און דאָס גיט דעם פּאָעט אַ שטיקעל בעפֿריעדיגונג. בעזאָנדערס, ווען די גאַנצע פֿאַמיליע, עלטערן, ברידער און אַ

יונגע שוועסטער קומען אַריבער אויך אין דער נייער וועלט — די אייגענע, וועלכע ליעבען איהם אַזוי צערטליך און וועלכע ער אַליין ליעבט מיט דער גאַנצער ווייכקייט פֿון זיין געפֿיהלפֿולער נאַטור. נאָר וואָס איז דיזע ליעבענדע אַטמאָספֿערע? זי צונעהמט נאָך מעהר דאָס האַרץ, זי דערוועקט נאָך מעהר בייקשאַפֿט נאָך אַ וועלט, וואו אַלע מענשען זיינען ברידער און שוועסטער, וואו מען זאָל ניט זעהען די ליידען נעבען זיך און וייט אַרום.

עס שפּיעלט זיך אָב אין 7־1886 די טראַגעדיע פֿון שיקאַגאָ, די היי־מאַרקעט קאַטאַסטראָפֿע, דער אַרעסט און דער אורטהייל פֿון די אַכט אַנאַרכיסטען און סאָציאַליסטען, וועלכער איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אַלס דער „פּראָצעס פֿון די שיקאַגאָ'ער אַנאַר־כיסטען" און ענדליך דער זעלבסטמאָרד פֿון דעם העלדישען לואיס לינג און די הינריכטונג פֿון די פֿיער שיקאַגאָ'ער מאַרטירער — יענע פּאַסירונג, וועלכע איז אַ שוואַרצער בלאַט אין דער געשיכטע פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון נאָרד־אַמעריקאַ. עדעלשטאַדט, וועלכער האָט מיט זיין פֿאַמיליע געוואוינט אין סינסינעטי, נעהנטער צו דער הויפּטשטאָדט פֿון וועסט, וואו די געשיכטע האָט זיך אָבגעשפּיעלט, לעבט אינטענסיוו דורך אַלע פֿאַזען פֿון דער פּאַסירונג. אַלע פֿיברען פֿון זיין נשמה ווערן אָנגעצונדען; זיין פּלאַץ אויף דעם סאָציאַלען שלאַכטפֿעלד איז בעשטימט — ער איז אַנאַרכיסט, קיינע קאָמפּראָמיסען מיט דער הערשענדער גע־וואַלט, קיין פּאַרלאַמענטאַרישע קאָקעטסוואָ מיט'ן פֿיינד — ער איז רעוואָלוציאָנער. און די ליעבע־פֿולע, האַרציגע, צאַרטע, איין־זיך־לעבענדע אמת'ע דיכטער־נאַטור ווערט פֿייעריג מיט דער לוסט צום קאַמפּף. דאָס לאָזט ניט רוהען, דאָס לאָזט ניט איינזיצען דעם דיכטער אין דער פֿערהעלטניסמעסיג שטילער פּראָווינץ־שטאָדט סינסינעטי; עס ציהט קיין נויאָרק — אין דער אינטערנאַציאָנאַלער,

קאָסמאָפּאָליטישער וועלט־שטאָדט פֿון דעם צווייטען האַלב־קוגעל, אין דער בבל־צומישעניש פֿון לשונות און אומות און צופֿלוס פֿון תמיד נייע מענשען־שטראָמען פֿון דער אַלטער וועלט. דאָרט, אין דעם גרויסען נויאָרק, קאָכט זיך, בעוועגט זיך; דאָרט זיינען קאָלאָניען רוסיש־אידישע; דאָרט זיינען אידעען־חברים און קאַמפֿפֿס־גענאָסען; דאָרט זיינען אויך איינינע אינטימע פֿריינד, ווי חבר זאָלאָטאַראָוו, מיט וועמען דער פּאָעט איז געוועזען אַם נאָהענטסטען פֿון דעם ערשטען מאָמענט בעטרעטען דעם אַמעריקאַנער באָדען; דאָרט זיינען אידישע אָרגאַניזאַציעס, רוסישע אָרגאַניזאַציעס און הויפּטזעכליך די אידישע אַנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע „פּיאָנירען פֿון פֿרייהייט".

און דאָ, ביי זאָלאָטאַראָוו'ן אין הויז, האָב איך זיך צום ערשטען מאָל בעקענט מיט דעם פּאָעט אין זומער פֿון 1888טען יאָהר. וואָס פֿאַר אַ צויבער־ליעבליכען איינדרוק ער האָט געמאַכט גלייך פֿון דער ערשטער מינוט! ווי אַן איידעלער קוויט, וועלכער איז אין פֿלוג אַזוי איינפֿאַך און דאָך אַזוי ערקוויקענד. און קיין מאָל וועל איך ניט פֿערגעסען יענע פֿאָראַהנונג, וועלכע איך האָב עפּעס אינסטינקטיוו דערפֿיהלט אין איינינע וואָכען אַרום, ווען ער האָט אונז פֿאָרגעלעזען איינע פֿון זיינע ערשטע ליעדער אין אידיש, (ער האָט נאָך דאַן אפילו ניט אַלע אידישע אותיות גוט געדיינקט און פֿלעגט אָפֿט פֿערבייטען אַ „ף" אויף „ץ") — דאָס ליעד „מיין צואה".

אַ מעלאָדיע פֿון אַ רוסיש ליעד האָבען מיר צו איהר צוגעפּאַסט, און אַזאַ האַרציגקייט, אַזאַ כלית־הנפש האָט זיך געפֿיהלט, ווען מיר פֿלעגען עס זינגען ניט אין זיין אָנוועזענהייט, אַז טרערע פֿלעגען אָנלויפֿען אין די אויגען. איך האָב עפּעס שוין דאַן טומאַנע געפֿיהלט, פֿאָרגעאַהנט, אַז מיר וועלען איהם ניט לאַנג האָבען

צווישען זיך. אָבער ניט זיין פיזישער אָנבליק האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ איינדרוק און אויך ניט זיין שטימונג, וואָרים ער איז געווען פון אַ מונטערע, אָבוואָהל אַ שטילע, אין זיך פערטיעפטע נאַטור, האָט אויסגעזעהען געזונד, מוטהיג און שטאַרק, אין פולער בליהונג פון כוחות און יאָהרען. אָבער עס האָט זיך געאהנט, אַז אַ צו ריינער, אַ צו איידעלער קוויט איז דאָס, וועלכער ווערט בעוועגט פון דעם מינדסטען זעפיר-ווינטעל, אַ צו פיהלענדעס הארץ, וואָס איז אַזוי ניט אָנגעפּאַסט צו דער גראָבער, קאַלטער, רויער, בורזשויסקער אַטמאָספערע,—

אַ דיכטער, וועמעס האַרץ ווערט פערביטערט
פון אַ צוטראָטענער בלום אויף דער גאַס,—
אַ זיפץ פון אַ בעטלער, ווערט ער פערציטערט,
אַ קלאַנג פון אַ קייט מאַכט איהם בלאַס...

די „פיאָנירען פון פרייהייט" האָבען דאַן אָנגעהויבען אַרויסגעבען די ערשטע אידישע אַנאַרכיסטישע צייטונג „וואַרהייט". אין איהר זיינען ערשיענען זיינע ערשטע אידישע געדיכטע, און נאָך דעם ערשטען פערזוך צו שרייבען אין אידיש, האָט ער שוין אָנגעהויבען צו שיקען אויך אין לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד", וועלכער איז אין יענע יאָהרען געווען דער איינציגער לעהרער און וועג-ווייזער פאַר די אידישע פראָפּאַגאַנדיסטען ווי אין אייראָפּאַ אַזוי אין אַמעריקאַ. אין אַ קורצער צייט אַרום איז ערשיענען די „זנאַמיאַ" אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע רוסישע צייטונג אין נויאָרק, אַרויסגעגעבען פון ל. ע. מיללער, און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס צווישען די אַנאַרכיסטען און סאָציאַל-דעמאָקראַטען זיינען דאַן אָנגעגאַנגען פאַרטייאישע קריגערייען, האָט ער געלאָזט דרוקען אין דער „זנאַמיאַ" איינינע פון זיינע רוסישע געדיכטע. אַ שמערצליכער פערגעניגען איז דאָס געווען פאַר איהם: שמערצליך, וואָס

זיי ערשיינען אין אַ געגנערישער פּאַרטיי־צייטונג און אַ פֿערגעניגען, וואָס צום ערשטען מאָל האָט ער דערזעהן זיינע רוסישע געדיכטע געדרוקט. ווארים מען דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז אידיש האָט דער פּאָעט, ווי אַלע רוסישע אינטעליגענטען, גערעכענט דאַן פֿאַר אַ שטיף־קינד, אָדער בעסער צו זאָגען — אַ שפּראַך בלויז אויף־דער־וויילע, אַ שפּראַך, וועלכע איז פֿעראורטהיילט אויפֿצוהערען אַמאָל.

שווער איז געווען פֿאַר איהם איינצולעבען זיך אין דעם טומעל־קאָך פֿון נויאָרק און נאָך אַ געוויסער צייט אָבקומענעס דאָ ביי דער שווערער אַרבייט אין שאָפּ, האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק אין סינסינעטי, פֿון וואַנען ער האָט נאָך דעם אונטערגאַנג פֿון דער „ווארהייט“ *) צוגעשיקט זיינע געדיכטע און סקיצען אין דער צייטונג „מאָרגענשטערן“ **), אונטערגעשריבען „פּאַסקאַרעל“. ער האָט שוין בעמייסטערט די אידישע שפּראַך און זיינע פּראָדוקטען פֿלעגען ערשיינען אָפֿט אין דיזער צייטונג און אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד“.

ענדע 1889 האָבען די אַנאַרכיסטען ווידער אָנגעשטריינגט זייערע כוחות און אַרויסגעגעבען די ערשטע „פֿרייע אַרבייטער שטימע“, אָבער אויך די האָט ניט געהאַט קיין זיכערע עקזיסטענץ, און ווען נאָך אַ ווייטערע בענייאונג פֿון כוחות, נאָך אַ קאָנווענציאָן אין 1890, אויף וועלכער דער פּאָעט איז געקומען אַלס דעלעגאַט, האָט מען אויף דאָס ניי אָנגעהויבען אַרויסגעבען די צייטונג, איז ערעלשטאַדט איינשטימיג אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס איהר רעדאַקטאָר און ער איז פֿערבליבען אין נויאָרק. זיין גאַנצע קראַפֿט

*) זי האָט עקזיסטירט ניט מעהר ווי עטליכע חדשים.

**) אַן אונפּאַרטייאישע, אונטער דער רעדאַקציאָן פֿון דר. ברעסלוי.

און ענערגיע האָט ער אַריינגעלייגט אין יענער „פרייע אַרבייטער שטימע“. ביז דאַן האָט דער פּאָעט קיינמאָל פאַר די פּראָדוקטען פון זיין פעדער קיין גראָשען ניט בעקומען. ווער האָט דען גע־טראַכט וועגען פּרנסה פון שרייבען, פון אַגיטירען, פון פּראָפּאַ־גאַנדירען? אָבער אַ רעדאַקטאָר האָט דאָך שוין מיט קיין אַנדער זאַך ניט געקענט בעשעפטיגען זיך. אַ געהאַלט האָט ער דאָך געמוזט בעקומען. נאָמינאַל איז געווען דער געהאַלט צעהן דאָלאַר אַ וואָך, דוכט זיך. טהאַטזעכליך אָבער איז דער רעדאַקטאָר געווען דער לעצטער, וועגען וועמעס געהאַלט מען האָט געזאָרגט, און דער פּאָעט אַליין האָט דאָס אויך גערעכענט פאַר דער לעצטער זאָרג, די הויפּט-זאַך איז געווען, אַז די צייטונג זאָל קענען עקזיס־טירען, די צייטונג, וועלכע איז פאַר איהם געווען אַ מלאכת הקדש — אַן אַרבייט וואָס מען דאַרף טהאָן מיט מסירת נפש. די גע־נאָסען, מעהרסטענטהיילס אַרבייטער, האָבען דאַן אַליין ענגליך געלעבט, און ניט אין דעם דיכטער׳ס איידעלען כאַראַקטער איז דאָס געווען צו דערמאָנען וועמען, אַז אַ דיכטער דאַרף אויך עסען, דאַרף האָבען אויף דירה-געלד, דאַרף האָבען אויף אַ פּאָר שיך. און ווער ווייס וויפיעל פון זיינע לייט-אַרטיקלען, פון זיינע געדיכטע, פון זיינע בילדער, וועלכע זיינען געשריבען געוואָרען מיט אַזאַ תמימות, מיט אַזאַ איבערצייגונג, מיט אַזאַ שטורעם פון געפיהלען, ממש מיט דעם בלוט פון זיין האַרצען, זיינען געשריבען געוואָרען הונגעריגער־הייט, אין אַ קאַלטען צימער און מיט פערנעצטע פיס פון רעגען!

פיעלייכט איז זיין אָרגאַניזם געווען נאָך בעזונדער אונפּאַסיג פיזיש צו ראַנגלען זיך מיט הונגער, קעלט און דחקות, אָבער ברעכען האָט דאָס געקענט אפילו אַ פיזיש געזונדערן אָרגאַניזם, און בפרט אַזאַ, ביי וועלכען די ליידען פון אַ מענשהייט זיינען געווען בפועל ממש זיינע ליידען! אַנפאַנג זומער פון 1891 האָט

מען שוין געמערקט, ווי דער פּאָעט ווערט מיט יעדע וואָך בלייכער און בלייכער. עס האָבען זיך שוין געוויזען די סמנים פון יענער לונגען־קראַנקהייט, וועלכע האָט איהם אָבגעריסען פון דער וועלט. אומזיסט האָבען פריינד צו איהם גערעדט, אַז ער מוז פאָהרען אין אַן אַנדער קלימאַט. וועט ער דען אַוועקפאָהרען און לאָזען די צייטונג אונטערגעהן? זיין לעבען איז געווען אין געפאַהר, ער האָט געבלוטעט, און אין יוני פון יענעם יאָהר האָב איך, זייענדיג אין באָסטאָן, ערהאַלטען פון איהם אַ קורצען אולטימאַטום, אַז איך מוז קומען איבערנעהמען די אַרבייט, אַניט וועט ער פון זיין הייליגען פּאָסטען ניט אָבטרעטען ביז דעם לעצטען מאָמענט...

איך בין געקומען קיין ניו־יאָרק... געזעהען דעם ליעבען פּאָעט דאָס לעצטע מאָל. מיר האָבען געהאָפט, אַז דער קלימאַט פון קאָלאָראַדאָ וועט איהם פיעלייכט ראַטעווען. אַהין איז ער געפאָהרען.

מאָנאַטען לאַנג איז ער געווען אין קאָלאָראַדאָ; אַ צערטליכע שוועסטער איז ביי זיין זייט געווען; ראַנגלען זיך האָט זי איהם געהאָלפען מיט דער ביטערער נויטה און מיט דער שווערער קראַנקהייט; מיט די לעצטע כוחות האָט ער אויך דאָרט געדיכטעט און די לעצטע טראָפּענס האַרץ־בלוט אין זיינע ליעדער אריינגעגעבען. אָבער ניט דער קלימאַט פון קאָלאָראַדאָ, ניט די ליעבע פון זיינע נאָהענטע און ניט די צערטליכקייט פון אַ שוועסטער האָבען איהם שוין מעהר געקענט ערהאַלטען אין לעבען. אַ טריבער טאָג איז יענער געווען, אַזוי ווי דער הימעל וואָלט פערגיסען, טריפען טרערן און דער ווינד וואָלט צוגעטראָגען צו אונז דעם געוויין — דאָס האַרצברעכענדע ליעד:

אַה, מוזע, רוף מיך ניט! מיט דיינע צוויבער פינגער
וועק ניט די סטרונעס פון מיין קראַנקעס האַרץ—

פֿער'משפט איז צום טויט דיין בלייבער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליעד פֿון קאַמפֿף און שמערץ...

און אַ קורצע צייט נאָך דעם קומט די שרעקליכע נאַכריכט פֿון זיין טויט, אויף דעם זיבען־און־צוואַנציגסטען יאָהר פֿון זיין לעבען.

* * *

עדעלשטאַדט'ס שאַפֿען בעלאַנגט צו דעם רעוואָלוציאָנערען ראָמאַנטיציזם, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקען, — צו יענעם יונגען פעריאָד, ווען די רעוואָלוציאָן האָט פֿאָרגעשוועבט אַלס די בעפֿרייאונגס־געטין, אין וועלכער דאָס יוגענדליכע האַרץ איז געווען מיט דעם גאַנצען ברען פֿון ליידענשאַפֿט פֿערליעבט, און זייענדיג אין איהר פֿערליעבט, געבליבען איהר טריי אין יעדע מינוט פֿון לעבען, מיט יעדען פֿאָדים פֿון דער נשמה, מיט יעדען הויך פֿון אָטהעם.

צו פֿערדאַנקען דיזער טרייהייט פֿון ליעבע, וועלכע אָטהעמט פֿון דעם דיכטער'ס יעדע שורה, קומט אַרויס יענע גאַנצקייט, מיט וועלכער עס איז דורכגעדרונגען אַלעס, וואָס איז אַרויס פֿון זיין פֿעדער, הגם פֿאַר דער קאַלטער לאָגיק פֿון אַנאַליז קען שיינען דעריין אַן איינזייטיגקייט, וואָס דער קריטיקער קען רעכענען פֿאַר אַ חסרון. אָבער עס זיינען פֿאַראַן חסרונות, וואָס זיינען אונז ליעב; ווי פֿאַראַדאָקס אַזאַ געדאַנק זאָל ניט קלינגען. איך עראינער זיך אויף דעם גרויסען רוסישען דיינקער'ס, ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי'ס, ווערטער וועגען דעם רוסישען שריפֿטשטעלער גלעב אוספּענסקי:

עס זיינען פֿאַראַן אונמעסיגע פֿיזיאָנאָמיען, וועלכע געפֿעלען אונז בעסער איידער געמאָהלטע שעהנהייטען. עס פּאַסירט אויך אָפֿטערס, אַז אַ געוויסער אויגענשיינליכער חסרון אין'ם פנים פֿון אַ געליעבטע פעראָזן ווערט אונז בעזונדער טהייער, און טאַקע

דערפֿאַר ווייל דאָס איז די אייגענטהימליכקייט פֿון דעם געליעבטען מענשען, איינער פֿון יענע סמנים, וועלכער צייכענט איהם אויס, זונדערט איהם אָב, דעם טהייערען, פֿון אַלע אַנדערע, וועלכע מיר זיינען גלייכגילטיג... אויף אַן אַנדערן'ס פּנים קען דאָס זיין אַ חסרון, אָבער ניט אויף זיינעם. און די ערקלעהרונג דערפֿון געפֿינט זיך אַמאָל אין אייך אַליין, וועלכער ליעבט, און אָפֿט אין דעם אַלגעמיינעם אויסדרוק פֿון דעם ליעבען פּנים, אין וועלכען עס איז אויסגעדריקט דאָס, וואָס עס האָט אין אייך ערוועקט ליעבע.

עדעלשטאַדט האָט ניט געשליפֿען זיינע ליעדער, האָט ניט קאָקעטירט, ניט גע'חן'דעלט זיך מיט קינצלען סטאַנצעס און מיט פּוצען ריטהמען, אָבער אַ שטראָם פֿון הייסער ליעבע פֿליסט געטליך אַרויס פֿון דעם ניט-קינצלען — די זויבערע, טרייע, איבערגעבענע אַסקעטען-נאַטור, האָט גערעכענט פֿאַר אַן איבעריגען וואוילטאָג, פֿאַר צופֿיעל נעהמען זיך נחת אין קינצלען און גלאַנצירען אין אַ וועלט, וואו אַזוי פֿיעל טרערן פֿליסען, וואו אַזוי פֿיעל לעבענס דאַרבען, וואו עס געהט אַן אַזאַ קאַמפּף פֿון בלוט און טרערען. און דיזע תמימות, דיזע גאַנצקייט און טיעפֿעס פֿיהלען מאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק — יענעם איינדרוק, אָהן וועלכען קונסט איז קיין קונסט ניט.

וואָס איז דער וואונדער, אַז ווערטער, וואָס האָבען אַרויסגעשטראָמט פֿון אַזאַ ליעבעס-קוואַל, רופֿען אין אונז אַרויס אַזאַ האַרציגקייט, אַזוי פֿיעל געפֿיהלען, ווען מיר לעזען זיי, און אַז נאָך לאַנג וועלען זיי וועקען מענשען און דערוועקען אין זיי ליעבע און איבערגעבענהייט צום קאַמפּף פֿאַר אַ בעסערער וועלט!

מ. קאַטץ.

ניו־יאָרק, אַפּריל 15—1909.

צום אנדענקען פון דוד עדעלשטאדט.

(געשריבען אין דעם טאָג פון זיין טויט.)

זיסע זונן, פערבאָרג זיך איצטער,
וויקעל איין דיין שטראַהלענפּראַכט
אין אַ ברייטער, ברייטער כמאַרע
שוואַרץ און פינסטער, ווי די נאַכט...

כ'וויל דיין שיינען איצט ניט זעהן,
ווען פערפינסטערט איז מיין האַרץ,
ווען איהר יעדער, יעדער ווינקעל
איז געפילט מיט זעעלען-שמערץ.

זאָל פערציהען זיך דער הימעל
מיט אַ וואָלקען רונד און רום,
כ'וויל נאָר איצטער טרויער טרעפען —
טרעפען טרויער אומעטום.

אויף די בוימער זאָלען פייגעל
זיצען טרויעריג און שטום,
צו דער ערד זאָל זיפצענד בויגען
זיך אין פעלד די שעהנע בלום.

וואו איך וועל זיך קעהרען, ווענדען,
זאָל איך טרעפען טרויער היינט,
זאָל נאַטור מיר העלפען קלאָגען
אויף אַ וואַהרען מענשענפריינד...

* * *

דאָרטען, אין אַן אָרעמען שטיבעל
ליגט פערגליווערט אויף'ן בעט
איצט די לייכע פון אַ קעמפפער —
פון אַן אַרבייטער-פּאָעט.

נאָך די פיעלע, פיעלעליידען
אין זיין קורצער לעבענסצייט,
נאָך די זאָרגען, נאָך די צרות
האָט דער טויט איהם איצט בעפרייט

קאַלט און שטום און איינגעפראָרען
שטעהט זיין האַרץ אין זיין ברוסט—
יענעס האַרץ, וואָס האָט געשלאָגען
און געגליהט מיט פרייהייטס-לוסט...

יענעס האַרץ, וואָס האָט בעדויערט
אַלע אָרעמע, שוואַכע קנעכט,
וועלכע האָבען ניט קיין פרייהייט
און קיין ביסעל מענשען-רעכט—

יענעס האַרץ, וואָס האָט געשאָלטען
וויט און ברייט דאָס קאַפּיטאַל,
וועלכעס האָט די ערד פערוואַנדעלט
אין אַ פינסטערען יאָמערטהאַל·

יענעם הארץ, — נאָר אַך, וואָס רייד איך!
פיעל צו שוואַך איז נאָך מיין פען
אָבצומאָהלען אַזאַ מוסטער
ווי זיין הארץ איז וואהר געווען.

צוגעקוקט האָט ער די פעהלער
פון דער שלעכטער פאַלשער וועלט,
און מיט ליעבע צו דעם שוואַכען
האָט ער זיך אין קאַמפף געשטעלט.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס
פאַר זיין הייליגען פרינציפ,
און די וואַהרע מענשענלעהרע
איז געפלאָסען פון זיין ליפּ.

אויפגעאָפּפערט האָט ער אַלעס
זיך, זיין גאַנצע הויזגעזינד—
רוהיג זיצען פון דער ווייטען
איז געווען ביי איהם אַ זינד...

ניט געקוקט אויף פערגניגען
האָט ער אין דער שלעכטער צייט,
פערגניגען האָט געהייסען,
פאָרטצווזעצען נאָר דעם שטרייט.

ווען פערפראָרען זיינען געוועזען
גראָב מיט אייז אין שטוב די ווענד,
דאַמאָלס האָט די מענשענליעבע
אין זיין הארצען שטאַרק געברענט.

שפעט ביי נאַכט — ניט אויסגעשלאָפען,
דאָרשטיג, הונגעריג און מיעד,
איז ער שטיל אַליין געזעסען,
שרייבענדיג זיין פרייהייטס-ליעד.

יענעם ליעד, וואָס יעדע שורה
איז אַ שטאַרקער קריעגס-סיגנאַל
אויפצוּואוועקען אַלע שקלאַפען,
קעמפפען געגען קאַפּיטאַל.

טרערען, וואַרעמע הייסע טרערען
פלעגען פליסען אימער פאָרט
פון זיין אויג אויף יעדעס בלעטעל
און אויף יעדעס, יעדעס וואָרט.

ניט געאַרט האָט איהם דאָס בילען
פון דער באַנדע ווילדע הינד...
מיט אַ זיפץ פלעגט ער דאָס לאָזען,
עס זאָל אַוועקגעהן מיט׳ן ווינד.

דאָך געפאַלען איז דער קעמפפער
צווישען אַלע אויף׳ן פעלד,
יאָ, געפאַלען — דאָך געשטאָרבען
איז ער ווי אַ וואַהרער העלד.

„גלויב אין זיך ניט ביז דיין ענדע"
זאָגט אַ שפּריכוואָרט, קלוג און וואָהר.
ועהט! זיין ענדע איז געקומען,
זאָגט איצט עדות פאַר דערפאַר...

זאָגט איהם פריינד און פיינדע,
אַז געשטאָרבען איז ער בראַוו;
נישט געביטען זיין אידעע:
די בעפרייאונג פון׳ם שקלאַף!

נישט געביטען — ביז געקומען
איז דער טויט און האָט פערמאַכט
זיינע אויגען איהם אויף אייביג
פאַר דער אייביג פינסטערער נאַכט...

עדעלשטאַדט! דו ביזט געשטאָרבען,
פיהלסט נישט מעהר דעם וועלטענשמערץ,
דאָך דיין טויט האָט פערוואונדעט
שרעקליך, שרעקליך מיר מיין האַרץ.

ביזט געשטאָרבען... דאָך איך טרייסט זיך,
וויל עס לעבט דיין גרויסער גייסט,
ווען איך וועל דיין ליעד נאָר זינגען
וועט עס זיין פאַר מיר אַ טרייסט...

און איך וויים, די צייט וועט קומען
מיט דעם פרייהייטס-פולען גלאַנץ,
דאַן וועט יעדער איינער לייגען
אויף דיין גראָב אַ בלומען-קראַנץ.

י. באַוושאַווער.

17טען אָקטאָבער, 1892.



דוד עדעלשטאַדט
אַ פּאָר יאָהר נאָך זיין אָנקומען קיין אמעריקא.

אינהאלטס־פערצייכניס.

ליעדער און געדיכטע.

צו מיינע לעזער — 1
צו מיין פעדער — 3
נאַטור און מענש — 5
אין קאַמפף — 7
צו די אַרבייטער פרויען — 9
דער פריהלינג — 11
צום אידישען פראָלעטאַריער — 13
מיין פריהלינגס-ליעד — 15
צו מיין שוועסטער — 17
איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פלאַם — 20
יציאת מצרים — 22
אַ טרויעריגער געלעכטער — 25
די טאַגעס-פראַגע — 26
היינטיגע מענשען — 27
בלומען און שטערען — 28
וואהרע און פאַלשע העלדען — 30
דער וואַנדערער — 32
פריי נאָך היינע — 34
צו די אידישע שריפטשטעלער — 37
דיכטער און מוזע — 38
צוויי דיכטער — 41
טרערען — 44

מיין מוח — — — — — — — 45
דער דיכטער — — — — — — — 46
דער אגיטאטאר — — — — — — 47
1891 — — — — — — — 48
צו די גענאָסען — — — — — — 49
צורוף צו דער „וואהרהייט" — — — — — 51
דער וועקער — — — — — — 52
צורוף צו „די פרייע ארבייטער שטימע" — — — 54
פאָרווערטס — — — — — — — 57
אונזער אידעאל — — — — — — 59
אויף דער וואך — — — — — — 61
וואכט אויף! — — — — — — 62
ניט אייביג — — — — — — — 63
דער רויטער זעגעל — — — — — — 64
צו א פריינד — — — — — — — 66
א גוט וואָרט — — — — — — 67
צום פעראייניגטען קאמפף — — — — — 68
קעמפף ביז'ן סוף! — — — — — — 70
די פרייהייטס-געטין — — — — — 71
דער בעליידיגטער העלד — — — — — 73
דער וואמפיר — — — — — — 76
די צווייפיסיגע חיה — — — — — — 79
פון פינסטערניש — — — — — — 82
צו די פילאָזאָפישע רעוואָלוציאָנערען — — — — 85
צוויי פאבעלס — — — — — — 88
פאלשע דיכטער — — — — — — 90
צוויי מאלער — — — — — — 91
וואס זאגט איהר צו איהם — — — — — 92
אנארכיע — — — — — — — 94

צום אַרבייטער — — — — — — — 96
ביי אַ טענעמענט הויז — — — — — 97
דער פּאַל פון דער באַסטיליע — — — — 99
מערץ בילדער — — — — — — 101
דער 13-טער מערץ — — — — — 103
דער קומענדער שטורם — — — — — 104
דער 11-טער נאָוועמבער — — — — — 107
שפּאַניען — — — — — — 108
שרעקליכע געסט — — — — — — 110
סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ — — — — — 113
לואיזע מישעל — — — — — — 116
דזשאָן בראַון — — — — — — 118
אַלבערט פּאַרסאָנס — — — — — — 120
לואיס לינג — — — — — — 122
אויגוסט שפּיעז — — — — — — 125
צום אָנדיינקען פון ניקאָליי וו. טשעלגונאָוו — — — 126
צום אָנדיינקען פון ק. גאַללאָפּ — — — — 128
צום „משוגענעם פילאָזאָף“ — — — — 129
מיין אַנטוואָרט צו ישראל בן עולם — — — — 130
דער יונגער העלד — — — — — — 133
זייט איהר פּערהייראַטה? — — — — — 135
מיין טרוים — — — — — — 137
מיין לעצטע האָפנונג — — — — — 139
עלענד — — — — — — 141
אויף'ן שלאַכט-פעלד — — — — — 142
דער אָבענד גלאָק — — — — — 143
דער קוילענגרעבער — — — — — — 144
דער יתום — — — — — — 147
דער קינדער-מערדער — — — — — 149

דער אַרבייטער — 154
אויף אַ באַל — 157
זינג מיט לוסט — 158
פֿרעמדעס ברויט — 162
בעסער הונגערן איידער בעטלען — 162
מיין לעצטער וואונש — 163
פֿון מיין טאָג-בוך — 164
צום קעניג „טויט“ — 166
דער פֿערוואונדעטער אָדלער — 167
אין נאַטור׳ס טעמפעל — 168
די פֿערשאָלטענע — 170
דער לעצטער סטרייק — 172
דער שניידער — 175
אַ ביטערער מזל — 177
במאַרע און זונענשיין — 178
טרערען — 181
אַ ראָמאַנס — 181
אַן אַלטע געשיכטע — 182
די הונגעריגע און די זאַטע — 184
אַ וויסענשאַפֿטליכער מאָרד — 185
מוטער און קינד — 188
אַ שטיקעלע ברויט — 189
דער „עלפֿטער“ און דער פֿרעמדער — 191
פֿון „אַלבערט פּאַרסאָנס ליעדער“ — 192
1789 — 194
די רעוואָלוציאָן — 196
די פֿאָלקס-שטימע — 197
אמת׳ער פּאַטריאָטיזמוס — 200
וואָס איז אַ דיכטער — 202

אונשטערבליכקייט — — — — — — — 203
צו דער מוזע — — — — — — — 204
פראַגמענט — — — — — — — 206
* * * — — — — — — — 208
אונזער „פרייהייט" — — — — — — — 208
דער פּראָפּעט — — — — — — — 209
דאָס פאַבריק־קינד — — — — — — — 210
אַ ניט געענדיגטע דראַמאַ — — — — — 213
וואו איז דער אונטערשיעד — — — — — — 214
דאָס צייט־ליעד — — — — — — — 216
צו די גאָטספאָרכטיגע בירגער — — — — — 219
צו די פינסטערע בטלנים — — — — — — 222
די געפאַלענע — — — — — — — 223
* * * — — — — — — — 226
דער אַלטער שמיעד — — — — — — — 227
עס טאָגט — — — — — — — 228
מיין צוואה — — — — — — — 230

ערצעהלונגען און בילדער

ווער איז שולדיג? — — — — — — 235
דער קאַר־קאָדוקטאָר — — — — — — — 243
די באַמערקע — — — — — — 254
געלד און לעבען — — — — — — — 264
דער פערברעכער — — — — — — 282
די אונדאַנקבאַרע נעגערין — — — — — — 293
וועראַ — — — — — — — 299
אַ בריעף פון אַ זעלבסטמערדער — — — — — 323

הונדערט יאָהר שפּעטער — — — — — — 332
דער מאַהלער — — — — — — 341
צווישען נױיאָרקער ראַדיקאַלען — — — — — 352
די ביאָגראַפיע פון דער לבנה — — — — — 362
מוזיק — — — — — — — 373

ארטיקלען

פּרינציפּענלאָזיגקייט פון דער ושאַרגאָנישער ליטעראַטור אין אַמעריקא 381
ושאַרגאָנישע דיכטער — — — — — 386
רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק — — — — — — 392
אַנאַרכיזם-קאָמוניזם — — — — — 396

לידער און געדיכטע

צו מיינע לעזער.

ליעבע לעזער! שוועסטער און ברידער!
איך וואָלט אייך אַמאָל געוואָלט
פאַר מיין דיכטער־אַרבייט, פאַר מיינע ליעדער
ווערען ביי אייך בעצאָהלט!

איך וויל נישט קיין רענדלאַך, איך וויל קיין דוקאַטען,
איך פערקויף נישט מיין מוזע פאַר גאָלד!
מיט ליעבע צו פרייהייט, מיט הייליגע טהאַטען
מיט ביטערן האַס, ברידער, בעצאָהלט!

ווען איהר לעזט מיין געדיכט קענט איהר הערען,
ווען איהר ווערט זיך נור איינהערען גוט,
ווי עס רוישט דאָרט אַ טייך פון מענשליכע טרערען,
צומישט מיט דעם דיכטער'ס בלוט!

יעדע מענשליכע טרער איז דאָרט אַ שליח
פון אַ געפייניגטען האַרץ,
וואָס פרעגט: ווען קומט שוין דער פרייהייטס-משיח—
די ענדע פון הונגער און שמאַרץ?

און ווילט איהר די לעצטע האָפנונג נישט טויטען
אין דער ברוסט פון'ם ליידענדען קנעכט,—
זעהט, די הייליגע לעהרע פערברייטען
פון פרייהייט און מענשענרעכט!

מיין ליעד וועט אייך העלפֿען; איך האָב עס געשריבען
נישט פֿאַר דעם שמוציגען מאַרק;
אויב ניט וואָלט איך לאַנג שוין פֿערטריבען
מיין הייליגע מוזע אין זאַרג!

איך שרייב פֿאַר אייך, מיינע גוטע קאַמעראַדען,
וואָס ליידען אי הונגער אי קעלט;
און בויען אַליין די שלאַכט-באַריקאַדען
אין קאַמפּף פֿאַר אַ פֿרייע וועלט!—

וואָס מוזען אַליין אַקערן, זעען
און פּפלאַנצען די גאָלדענע פּירות,
וואָס מיט דאַנקבאַרקייט וועלען פֿערדייען
די פֿרייע, די גליקליכע דורות!

איך שרייב פֿאַר אייך, און האָף: מיינע ליעדער
וועלען נאָך ווערען בעצאָהלט—
מיט דער פֿרייהייט פֿון מיינע פֿערשקלאַפּטע ברידער
און נישט מיט גערויבטען גאָלד!

מיט דעם הייליגען קוש פֿון דער פֿרייהייט-געטין,
מיט איהר זיסען און הימלישען בליק,
וועלכער איז נישט נור אַליין פֿאַר פּאָעטען
דאָס העכסטע מענשליכע גליק.

אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דעם אַרבייטערס גלידער
אין שקלאַפּען-קעטען געשמידט,—
אין פֿרייהייטס-קאַמפּף, מיינע שוועסטער און ברידער,
רופּט אייך מיין שטורם-ליעד!

צו מיין פעדער.

מיין פעדער, מיין ליעבלינג, מיט דיר נור אליין
ווייס איך פון זיסע מינוטען;
נור דו שטילסט איין מיין הארצענס געוויין
און לאזט איהם ניט פארבלוטען.

איך אטעם פריי אין דיינע שריפטען,
איידער עס דרוקט זיי דאס בליי,
איידער די וועלט הויבט זיי אן פערגיפטען
מיט צינישער היוכלעריי.

די וועלט, ביי וועלכער דאס געלד איז נור מהייער,—
זעלבסטזיכטיג, גייסטלאז, פערפראָרען,—
ווי קען זי בעגרייפען דעם הייליגען פייער,
וואס האט דיינע שריפטען געבאָרען?

וואס געהט איהר אן, אויב דו שרייבסט מיט טינט,
אדער מיט הייסע טרערען?
וואס איז א דיכטער? — א טרוימער, א קינד,
פערליעבט אין בלומען, אין שטערען!

מיין פעדער, דו ביסט מיין גייסטיגעס שווערד,
איך שטעה מיט דיר אויף דער וואכע;
אלע ליידענדע קינדער פון דער ערד
רוף איך צום קאמפף און צו ראכע!

וואָס וואָלט איך געטהאָן אָהן דיר אויף דער וועלט?
ווענען וואָלט איך אַזוי ליעבען?
די וועלט מיט איהר זעלבסטזוכט, שווינדעל און געלד
וואָלט שנעל מיך אין קבר פערטריבען!

וואָס וואָלט איך טהאָן, איך אונפּראַקטישער יונג,
טרוימעריש און נאַאיוו?
וואָס אויפ׳ן לונג, דאָס אויפ׳ן צונג,
פון „ביזנעס" קיין בעגריעף?

א טרוימער, וואָס זיין האַרץ פערביטערט
א צוטראָטענע בלום אין גאַס;
ועהט ער אַ בעטלער, ווערט ער פערציטערט,—
א היימלאָזעס קינד מאַכט איהם בלאַס.

וואָס וואָלט איך געטהאָן אין דעם פראַקטישען שמוץ,
וואו טויזענדער אַנדערע לעבען?
וואָס וואָלט איך געבראַכט דער וועלט פאַר אַ נוץ?
וואָס וואָלט איך די ליידענדע געבען?

ווי וואָלט איך געלעבט אָהן דיין הייליגען צויבער,
מיין פעדער, מיין איינציגער פריינד!
ווי וואָלט איך געבראַנדמאַרקט די מערדער און רויבער,
דער פרייהייט׳ס ביטערע פיינד?

מיט דיר בין איך שטאַלץ, מיט דיר בין איך מונטער:
איך פיהל, אַז איך אַרבייט און לייסט.—
עס פאַלען די אייזערנע קייטען אַרונטער,
עס שטייגט צו דעם הימעל מיין גייסט!

נור דער טויט וועט אונז צושיידען!—
אין ווען צוברֹאכען, פערפֹאלגט,
פֹאל איך... דאַן וועסט דו פֹאַר מיר ריידען
צום פֹאלק, צו דעם ליידענדען פֹאלק!

נאַטור און מענש.

די זֹאל איך, ברידער, פרעהליך זינגען,
ווען האַס און קריעג איז איבעראַל?
עס שיינט מיר: טיעפֿע שמערצען קלינגען,
אויך אין'ם ליעד פֿון דער נאַכטיגאַל!

עס שיינט מיר, אַז דער מֹאנד און שטערען,
די זילבערווייסע ליליענבלום,
זיינען פֿול מיט הייסע מענשענטרערען
און זיינען פֿון שרעקען בלאַס און שטום...

ווען מענשען ליידען, קלֹאגען, זֹארגען,
קען די נאַטור דען פרעהליך זיין?
ניין, טרערען בלוטיגע פֿערבֹארגען
זיינען אין איהר רויטען זונענשיין!

זי זעהט ווי איהרע מענשענקינדער
האָבען פערוויסט די שעהנע וועלט,
און איהרע ליבלינגע, ווי רינדער,
ווערען געשעכט, פערקויפט פאַר געלט...

און די נאַטור גיסט פערלטרערען
און מיט איהר ווײנט דער בלומענטהאַל;
עס ווײנט די זונן, לבנה און שטערען
און טרויעריג קלאָגט די נאַכטיגאַל...

עס קלינגען אָפּ די שמערצען-ליעדער
אין ברוסט פון ליידענדען פּאָעט,
און פאַר דער מענשהייט קניעט ער ניעדער
מיט הייסע טרערען און געבעט—

אָ, מענש! פאַר ליעבע, גליק און לעבען
איז די נאַטור, די וועלט געשאַפט;
דיר איז אַ פרייע ערד געגעבען—
דאָך איצט איז ערד און מענש פערשקלאַפט!

ווער זיינע ברידער קען פערשקלאַפען,
פערגיסען בלוט — דער איז אַ העלד.
און אָט די הענקער זיינען די גראַפען,
מאָנאַרכען, קעניגע פון דער וועלט!

פאַראַן אויך פרייע רעפּובליקען,
וואָס זיינען נור פריי אויף דעם פּאַפּיער;—
און פול מיט קנעכט זיינען דאָרט די פאַבריקען,
און יעדער הערשער — א וואַמפּיר.

איך רוף צו אייך, פֿערשקלאַפּטע ברידער,
וואַכט אויף! פֿעראייניגט מוטה און קראַפֿט
און שטירצט די ווילדע הערשער ניעדער,
דאַן לעבט און ליעבט, געניסט און שאַפֿט!

דאַן וועט נאַטור אויך פֿרעהליך זינגען,
און פֿריי וועט אָטמען דעם דיכטער'ס ברוסט,
און זיינע ליעדער וועלען קלינגען
מיט פֿרייער ליעבע, גליק און לוסט!

אין קאמפף.

מיר ווערען געהאַסט און געטריבען,
מיר ווערען געפּלאַגט און פֿערפֿאָלגט—
און אַלץ נור דערפֿאַר, ווייל מיר ליעבען
דאָס אָרימע שמאַכטענדע פֿאָלק.

מיר ווערען דערשאָסען, געהאַנגען;
מען רויבט אונז דאָס לעבען און רעכט,
דערפֿאַר ווייל מיר אמת פֿערלאַנגען
און פֿרייהייט פֿאַר אָרימע קנעכט!

אָבער אונז וועט ניט דערשרעקען
געפּענגנים און טיראַניי;
מיר מוזען די מענשהייט דערוועקען
און מאַכען זי גליקליך און פריי.

שמידט אונז אין אייזערנע קייטען,
ווי בלוטיגע חיות אונז רייסט;
איהר וועט אונזער קערפּער נור טויטען,
נאָר קיינמאָל אונזער הייליגען גייסט!

* * *

טיראַנען! איהר קענט איהם ניט טויטען,
דאָס איז אַן אונשטערבליכע בלום;
זיינע שמעקענדע, רייצענדע קווייטען
בליהען שוין איצט אומעטום!

זיי בליהען אין דענקענדע מענשען,
וואָס ליעבען גערעכטיגקייט, ליכט;
אליין די נאַטור טהוט זיי בענשען
צום קאַמפף, צו דער הייליגער פּפליכט —

בעפרייען די אָרימע שקלאַפען,
וואָס שמאַכטען אין הונגער און קעלט
און פאַר דער מענשהייט בעשאַפען
א פרייע, אַ ליכטיגע וועלט,

וואו ס'זאָל זיך ניט גיסען קיין טרערען,
ניט פליסען אונשולדיגעם בלוט;

נאָר מענשען ווי גלענצענדע שטערען,
זאָלען שיינען מיט ליעבע און מוטה!

* * *

איהר קענט אונז ערמאָרדען, טיראַנען!
נייע קעמפפער וועט ברייננען די צייט—
און מיר קעמפפען, מיר קעמפפען ביז וואַנען
די גאַנצע וועלט וועט ווערען בעפרייט.

צו די ארבייטער פרויען.

(געווידמעט דער „ארבייטער פרויען אָרגאַניזאַציאָן".)

ארבייטער פרויען, ליידענדע פרויען!
פרויען, וואָס שמאַכטען אין הויז און פאַבריק,
וואָס שטעהט איהר פון ווייטען? וואָס העלפט איהר ניט בויען
דעם טעמפעל פון פרייהייט, פון מענשליכען גליק?

העלפט אונז צו טראָגען דעם באַנער דעם רויטען
פאָרווערטס, דורך שטורם, דורך פינסטערע נעכט!
העלפט אונז דעם אמת און ליכט צו פערברייטען
צווישען אונוויסענדע, עלענדע קנעכט!

העלפֿט אונז די וועלט פֿון איהר שמוץ צו ערהויבען!
אָפּפֿערט, ווי מיר, מיט אַלץ וואָס אייך איז ליעב;
מיר'ן קעמפּפֿען צוזאַמען, ווי מעכטיגע לייבען
פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר גלייכהייט, פֿאַר אונזער **פּרינציפּ!**

ניט איין מאָל האָבען שוין נאָבעלע **פֿרויען**
געמאַכט ציטערען היינקער און טראָהן:
זיי האָבען געצייגט, אַז מען קען זיי **פֿערטרויען**
אין ביטערסטען שטורם די הייליגע פֿאָהן.

דערמאָנט זיך אָן אייערע רוסישע שוועסטער,
ערמאָרדעט פֿאַר פֿרייהייט פֿון צאַר, דעם **וואַמפּיר,**
פֿערמאַטערט ביז טויט אין די שטיינערנע **נעסטער,**
בעגראָבען אין שניי פֿון דעם וויסטען **סיביר.**

געדענקט איהר די נעמען, די הייליגע נעמען:
פּעראָווסקאַיאַ, העלפֿמאַן, גינזבורג און **נאָך**
טויזענדע, וואָס פּלעגען זיך שעמען
צו טראָגען געהאָרכזאַם דעם שקלאַפֿעניאָך?

זיי זיינען אין שטורם אַזוי העלדיש **געשטאַנען,**
געטראָגען אין פֿינסטערניש האָפֿנונג און **ליכט!**
ראַבע גענומען פֿון ווילדע **טיראַנען,**
שטאָלץ געקוקט דעם טויט אין **געזיכט!**

געדענקט איהר זיי? דאַן זאָל זייער **לעבען**
בעגייסטערען אייך! איהר זאָלט מיט ערפֿאָלג
לערנען און דענקען, קעמפּפֿען און שטרעבען
צו פֿרייהייט און גליק פֿאַר דעם אַרבייטער־פֿאָלק!

דער פריהלינג.

דער פריהלינג איז געקומען;
די זונן גלאַנצט העל און לאַכט;
הערליך שמעקען די בלומען,—
אַלץ האָט אויפגעוואַכט.

די נאַכטיגאַל זינגט. די שטערען
בעלייכטען די שעהנע נאַכט.
אין פריהלינג טרוימט זיך אַזוי גערן—
איך וואַנדער אַרום און איך טראַכט.

איך טרוים ניט, ווי גליקליכע דיכטער,
פון וויין און פון ליעבע אין מיי:
אָהן וויין זיינען מיר ניכטער,
אָהן ליעבע זיינען מיר פריי.

איך טראַכט פון די שקלאַפען-געצעלטען,
וואו אַלעס איז חשך און שטום;
וואו מען זעהט אפילו זעלטען
אַ קראַנקע, פערוועלקטע בלום...

וואָס ווייסט מען דאָרט פון פריהלינג,
פון הייליגער לעבענספרייד?
מען שלאָגט זיך אַרום פאַר אַ שילינג,
מען עסט דאָרט פערגיפטעטעס ברויט.

קיין גאָלדענע פֿריהלינגס-שטראַהלען
קומען אַהין ניט אַריין;
אין פֿינסטערניש לעבען און פֿאַלען
די קינדער פֿון הונגער און פיין.

נאַכטיגאַל, וונענשיין, בלומען,
הייליגע, שעהנע נאַטור!
ווי זאָל איך בעגריסען דיין קומען,
ווען דו ביסט פֿאַר דעם רייכען נור?

ווען דו וואָלסט קענען אויפֿבליהען
יעדעס מענשליכע האַרץ אַרום מיר,
איך וואָלט מיט טרערען דאַן קניען,
הייליגע געטין, פֿאַר דיר!

דיינע שטראַהלען און פֿאַרבען
וואָלט איך בעזונגען מיט לוסט;
איך וואָלט אויך גליקליך שטאַרבען
אויף דיין שטאָלצער, מילדער ברוסט!

דאָך איצט, ווען טרערען פֿליסען
און דער גאָט מאַמאָן
האָט מיט זיין שווערד צוריסען
דעם פֿאָלקס הייליגע פֿאָהן;

ווען קייטען באַרבאַרישע קלינגען
אין דער „פֿרייער רעפּובליק“—
זאָג, ווי קען איך זינגען
דאָס ליעד פֿון פֿרייהייט און גליק?

צום אידישען פראלעטאריער.

(געזונגען מיט'ן מאָטיוו פון דעם רוסישען רעוואָלוציאָנערען ליעד „ווי זשערטוואי פאלי...")

ברידער, מיר טראָגען אַ דרייפאַכע קייט—
אַלס אידען, אַלס שקלאַפען, אַלס דענקער;
מיר ווערען געיאָגט און געמאַטערט צום טויט
פון אַנטיסעמיטען און הענקער!

עס דריקט אונז אין רוסלאַנד דער ווילדער קאַצאַפּ,
און דאָ, אין דער פרייער מדינה,
פערקערקערט מען אונז אין דעם פינסטערען שאַפּ,
וואו מיר בלוטען ביי דער מאַשינע!

די בלימעלאַך יונגע, וואָס פאַנגען ערשט אָן
צו לאָזען די איידעלע קוויטען,
ווערען צוטראָטען פון געלדזועק און טראָהן,
פערמאַטערט אין שקלאַפען-קייטען!

מען מאַכט אונז פאַר בעטלער, מען מאַכט אונז פאַר קנעכט
מען ווערגט אונז, מען בויגט אונז אין דרייען;
מען זאָגט אונז: אַלעס דאַרף זיין פאַר אייך רעכט,
און רויבט מען אייך — טאָרט איהר ניט שרייען!

דאָך, ברידער, עס לעבט נאָך דער הייליגער גייסט,
וואָס מאַכט פאַר אַ העלד אויך דעם שלאַפען;
וואָס וואַרפט אום די קערקערס, די קייטען צורייסט
און בעפרייט די פערמאַטערטע שקלאַפען!

ער וועט אונז העלפען, פון דרייפאַכען פלוך
די אַרבייטער מאַסע ערלעזען;
נור דאַן וועט די מענשהייט איהר טאָגע-בוך
אָהן טרערען, אָהן שאַנד קענען לעזען!

ברידער, מיר מוזען די ליידענדע ערד
פון קייטען, פון טרערען בעפרייען!
שולטער-אָן-שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קעמפפענדע רייהען!

וואָס שווערער דער קריעג, אַלץ זיסער דער זיעג,
אַלץ פראַכטפאָלער זיינען די פירות!
און ווער עס פאַלט אין פרייהייטס-קריעג,
דער לעבט אין די קומענדע דורות!

וואָס טויג אונז דאָס לעבען אָהן פרייהייט, אָהן רעכט,
אונטערן בייטש פון טיראַנען!
ביז וואַנען וועלען מיר בלייבען נאָך קנעכט,
היימלאָזע שקלאַפען — ביז וואַנען?!

ברידער, שווערט: די פערבלוטיגטע ערד,
דאָס פאָלק פון טיראַנען בעפרייען!
שולטער-אָן-שולטער, מיט פאַנצער און שווערד,
פאָרווערטס אין די קומענדע רייהען!

מיין פריהלינגס־ליעד.

איך הער, מען זינגט פון דער פריהלינגס זונן,
פון דער זיסער נאַכטיגאַל,
און איך זעה נור קאַלטע פערפראָרענע הערצער
און הער קייטען־מוזיק איבעראַל...

וואָס איז מיר פריהלינג, וואָס זיינען מיר בלומען?
זיי געניעסט איצט נור דער טיראַן!
ער לאָזט נור איבער גיפטיגע דערנער
פאַר דעם אָרעמען אַרבייטסמאַן!

וואָס ווייסט אַ שקלאַף פון זיסען פריהלינג?
פאַר איהם איז נור שטורם און פרעסט,
נישט מיט געזאַנגען, — מיט זיפצען און קרעכצען
איז פול יעדער אַרבייטער־נעסט!

ס'וועט אויך אַמאָל קומען דעם אַרבייטער'ס פריהלינג,
דער פריהלינג פון פרייהייט און ליכט,
ווען אַ שטראַהל פון גליק וועט אויך פרעהליך שפּיעלען
אויף דעם אַרבייטערס בלאַסען געזיכט!

ווען אויך פאַר איהם וועלען בליהען די רויזען
און זינגען די נאַכטיגאַל,
און זיס וועלען רוישען די גריגע וועלדער,
און דער זילבערנער וואַסערפאַל...

ווען אויך דעם אַרבײטערס פֿרוי און קינדער,
—און נישט דעם רײכען׳ס נור—
װעלען געניסען דעם זיסען גן־עדן
פֿון דער שעהנער, רײכער נאַטור!

ווען יעדעם מענשליכע האַרץ וועט בליהען
מיט ליעבע, מיט הומאַניטעט!
אַך, יענעם פֿריהלינג וועל איך בעזינגען
שוין נישט ווי אַ טרערען־פּאָעט!

איך וועל איהם בעגריסען ווי די ערשטע ליעבע
אַ ליעבענדעס האַרץ בעגריסט,
איך וועל איהם בעזינגען, ווי עס קען נור בעזינגען
אַ דיכטער און סאָציאַליסט!

איך וועל איהם בעגריסען, און וועל גערן קושען
זײן יעדען הײליגען טריט...
און אין יעדען האַרץ וועט אַן אָבקלאַנג געפֿינען
מײן ליעבע, מײן פֿריהלינגס־ליעד!

צו מיין שוועסטער.

(געווידמעט צו אלע מיינע פערשקלאפטע שוועסטער).

שוועסטער מיינע, גענוג שוין דיר זארגען,
ניטשט אייביג וועט פינסטער זיין;
עס מוז דאך קומען דער ליכטיגער מארגען —
דער הייליגער זונענשיין!

לאז רעש'ן דער שטורם... מיט זיין ווילדען כעס
קען ער דעם שוועכלינג דערשרעקען,
דאך אין אונז דארף ער נור צארן און האס,
נור מוטה צום קאמפף דערוועקען!

ליעבע שוועסטער! איך וויים, עס איז שווער
אונזער הארץ צו ווינען פערוועהרען,
דאך זעה אליין, ווי קליין איז דיין טרער
געגען ים פון מענשליכע טרערען!

זאלען מיר דען ווי קינדער קלאגען
אויף דעם, וואס מיר לעבען שלעכט,
און ביז'ן קבר די קייטען טראגען,
ווי שוואכע, געהארכזאמע קנעכט?!

א, ניין! איך וויים, אין דיר בליצט שוין דאס פייער,
וואס גליהט אזוי פריי אין מיין הארץ!

אויך דיר איז די פרייהייט הייליג און טהייער,
דו פערגעסט צוליעב איהר דיין שמערץ!

צוזאַמען מיט מיר וועסט דו געהן אין שטורם,
אין קאַמפף געגען טיראַניי!
און העלפען צוברעכען דעם אייזערנעם טורם
פון פינסטערניש און שקלאַפעריי!

דו וועסט נישט פערקויפען דיין יוגענד, דיין לעבען
פאַר בעלער, שמאַטעס און געלד;
דו וועסט זיך ווידמען דעם הייליגען שטרעבען—
בעפרייען די ליידענדע וועלט!

דו וועסט לערנען טריי די ברענענדע פראַגע,
וואָס ווערט „אַרבייטער פראַגע" גענאַנט;
דו וועסט דאַן בעגרייפען די שרעקליכע לאַגע
פון דעם פאָלק אין יעדען לאַנד!

דו וועסט פערשטעהען פון וואַנען די לאָרדען
האָבען גענומען דאָס רעכט
פערכאַפען דאָס לאַנד, מיט צוואַנגס-אַרבייט מאָרדען
טויזענדער אָרעמע קנעכט!

דו וועסט דאַן געהען צו די ליידענדע שוועסטער
אין דער וועלט פון שווינדזוכט און נויט,
אין טענעמענט-הייזער, אין פינסטערע נעסטער,
וואו דאָס לעבען איז ביטער ווי טויט!

דו וועסט מיט דעם פייער פון אַ ליעבענדען האַרץ
אַ נייע וועלט פאַר זיי ענטדעקען;

און דאָרט וואו עס הערשט נור פֿערצווייפֿלונג און **שמערץ**, —
אַ הייליגע האָפֿנונג דערוועקען!

דו וועסט פֿון זיי בילדען נייע רעקרוטען
פֿאַר'ן קעמפּפֿענדען פֿרייהייטס-פֿאָלק;
וועסט לערנען זיי דענקען, קעמפּפֿען און **בלוטען**
פֿאַר דאָס פֿערשקלאַפֿטע פֿאָלק!

און דאַן, ליעבע שוועסטער, וועסטו נישט **זאָרגען**,
וועסט אַרבייטען, העלפֿען דער צייט,
ברייגנען אַם שנעלסטען דעם ליכטיגען **מאָרגען**,
ווען אַלעם וועט ווערען בעפֿרייט!

נור דאָס פֿאָלק וועט דיר זיין הייליג און **טהייער**,
אין איהם — דיין **לעבען**, דיין גליק,
און שטאָלץ וועסטו שטעהען אין'ם שטורם און **פֿייער**
פֿון דעם הייליגען פֿרייהייטס-קריעג!

און ווען דער טאָג פֿון פֿרייהייט וועט **קומען**,
וועט יעדער פֿון פּראָלעטאַריאַט
דיך קרוינען אין האַרצען מיט גייסטיגע **בלומען**
און **בעזינגען** דיין **העלדענטהאַט**!

איך בין דאס שווערד, איך בין דער פלאם.

(פריי נאך היינריך היינע.)

איך בין דאס שווערד, איך בין דער פלאַם,
איך האָב געקעמפפט, און ווי אַ שטערען
האָב איך בעלייכטעט דעם שטורם־ים
פון מענשען־בלוט און מענשען־טרערען.

איך האָב אייך צום פרייעם קאַמפף געוועקט,
דאָך שווער איז אָהן אָפּפער צו זיעגען:
מיט וואונדען בלוטיגע בעדעקט
זעה איך אין שלאַכטפעלד קעמפפער ליעגען.

נור איצט איז ניט קיין צייט פאַר טרערען,
מיר מוזען קעמפפען אויף דאָס ניי,
ביז מיר צושמעטערען, צושטערען
די וויסטע וועלט פון שקלאַפעריי!

פערליערט ניט, ברידער, האָפנונג, מוטה, —
פון שלאַכטפעלד איז אַ שאַנד אַנטלויפען;
ווען אויך מיט׳ן לעצטען טראָפען בלוט
מוז מען דער מענשהייט פרייהייט קויפען!

פֿערגעסט די אַלטע שווערע וואונדען,—
ווי פֿינסטער זאָל די נאַכט ניט זיין,
צום סוף, אָ, מוז זי דאָך פֿערשווינדען
און געבען פּלאַץ פֿאַר זונענשיין!

לאָז רוסלאַנד אונז אַלס ביישפּיעל דיענען,—
דאָרט פֿאַלען אָפּפֿער אָהן אַ צאָהל;
דאָך וועט איהר תמיד דאָרט געפֿינען
אַ קעמפּפֿער גרייט פֿאַר ברוטוס' ראָלל!

דאָרט וועלען נאָך פֿיעלע אָפּפֿער פֿאַלען,
דאָך פֿאַלט דאָרט ניט דער העלדענמוטה—
ער פֿלאַנצט די פֿרייהייטס-אידעאַלען
מיט הייליגען מאַרטירער-בלוט...

וואַכט אויף, אָ ברידער! מיט שווערד און פֿלאַם
קומט אַלע מיט אין די קעמפּפֿערס-רייהען.
און ווען אויך מיר פֿאַלען אין דעם שטורם-ים,
וועלען מיר דאָך די וועלט בעפֿרייען!

יציאת מצרים.

אין דעם לאַנד פֿון פּיראַמידען
ז'געווען אַ קעניג, בייז און שלעכט,
געוועזען זיינען אַלע אידען
זיינע דינער, זיינע קנעכט.

שווער האָט זיי געפּלאַגט דער קעניג;
ליידען האָט דאָס פֿאָלק געמוזט,
ווייל עס האָט פֿערשטאַנען ווייניג,
ווייניג מוטה געהאַט אין ברוסט.

קנעטען ליים און שלעפּען ציגעל,
בויען שלעסער, הויך און רייך—
ביז דעם קבר פֿון זיין וויעגעל
ז'געווען דער קנעכט צום הונד גאָר גלייך.

קינדער האָט מען דאַן פֿערמויערט,
ווען אַ ציגעל האָט געפֿעהלט,—
ווער ווייס ווי לאַנג ס'וואָלט געדויערט
דיזע ווּסטע שקלאַפֿען־וועלט.

ווען אין'ם לאַנד פֿון פּיראַמידען
וואָלט ניט זיין אַ שטאַרקער העלד,
וועלכער האָט געקעמפֿט פֿאַר אידען
מיט זיין חכמה און זיין שווערד.

אויך דיזער העלד געווען איז איינער
פון די פרייע מענשען־דענקער,
וואס די וועלט פערוואַרפט מיט שטיינער
אָדער גיט זיי אָפּ צום הענקער—

יאָגט און קוועלט זיי, ווייל זיי טוען
פאַר די מענשהייט גרויסע טובות,
און ווען זיי אין קבר רוהען
שטעלט די מענשהייט זיי מצבות...

דיזער העלד האָט אויך פערשטאַנען,
אַז דאָס פאָלק וועט לעבען שלעכט
ביז עס הערשען נאָך טיראַנען,
ביז עס גיט נאָך הערר און קנעכט;

אַז דער מענש איז אונצופרידען,
ווייל ער שלעפּט די קייטען נאָך;—
און ער האָט בעפרייט די אידען
פון דעם ויסטען שקלאַפען־יאָך.

צו אַ לאַנד פון זיסער פרייהייט
האָט ער דאַן זיין פאָלק געבראַכט,
ביז זיין לעצטען טאָג מיט טרייהייט
זיין געליעבטעם פאָלק בעוואַכט.

און פאַראיבער זיינען, ברידער,
מיליאָנען טעג און נעכט.
און איצט, אידען, זייט איהר ווידער
פרעה׳ס דיענער, פרעה׳ס קנעכט.

פֿאָלק! ווער וועט דיך איצט בעפֿרייען,
וואו איז ער, דיין שעהנער העלד?
אויף דיין וויינען, אויף דיין שרייען,
ווער וועט ציהען איצט זיין שווערד?

ווער וועט איצט דיין ים צושפּאַלטען
דעם ים פֿון טרערען, בלוט און שמערצען,
און פֿון שטורם דיך בעהאַלטען
אין דעם הימעל פֿון זיין האַרצען?

ווען דו ווילסט קיין קייטען טראָגען,
פֿאָלק, זיי אַליין דיין שעהנער העלד!
ניט נור מענשען, — שטיינער קלאָגען
אין דער וויסטער שקלאַפֿען־וועלט!

אַלע שקלאַפֿען זיינען ברידער —
רייכט זיך ברידערליך די הענד.
שטירצט די ווילדע פּרעה'ס נידער,
און פֿון קנעכטשאַפֿט מאַכט אַן ענד!

דאַן אַ פּסח גאָר אַ נייער
קומט מיט פֿרייהייט, מיט ערפֿאָלג,
און זיין אַנדענק וועט זיין טהייער,
ווייל דער העלד איז זעלבסט דאָס פֿאָלק.

א טרויעריגער געלעכטער.

איך קוק אויף אייך און וויין און לאַך,
איהר זייט אַזוי קינדעריש, איהר זייט אַזוי שוואַך;
איהר וואַרט אויף רעפאָרמען, איהר גלויבט אין שטאַאַט
און ווילט ניט בעגעהן אַן ענערגישע טהאַט.

זיי זיינען עטליכע, איהר זייט אַסך...
ווייל איהר זייט דום, דערפאַר זייט איהר שוואַך;
קריגט נור אַביסעל מענשען־פערשטאַנד—
און פרייהייט דערלאַנגט אייך איהר היילינע האַנד!

איך קוק אויף אייך, ברידער, און וויין און לאַך,
איך וויים, אַז איהר ליעבט אונזער היילינע זאַך,
נור דאָס, וואָס זי פאָדערט, פערשטעהט איהר נאָך ניט—
עס פעהלט אייך דער שטורמישער פרייהייטס־געמיטה!

די טאגעס־פראגע.

דאָס געהט מיר אָן, ווען ער וועט קומען
דער טאָג פון אַלגעמיינעם גליק;
צי וועל איך פליקען ויינע בלומען,
צי וועל איך הערען זיין מוזיק? —

צי וועל איך אויך געניסען די פירות
פון פרייהייט'ס שעהנעם פּאַראַדיז?
אָדער נור די קינפטיגע דורות
וועלען דאָרט לעבען פריי און זיס?

איך בין קיין הענדלער, כדי צו טראַכטען:
צי וועל איך זיין בעצאָהלט דערפאַר,
וואָס איך וועל העלפען דעם פערשמאַכטען,
דעם אונטערדריקטען אין געפאַהר! —

פאַר מיר איז נור די פראַגע וויכטיג:
צי קומט דער שעהנער אידעאַל?
צי ס'וועט אַ מאָל נאָך ווערען ליכטיג
אין אונזער וויסטען יאָמערטהאַל?

דאָך ווען ער קומט, צי היינט, צי מאָרגען, —
דאָס, אָה, געהט מיר ווייניג אָן!
כ'וועל פאַר איינם נור תמיד זאָרגען:
מיין מענשען־פליכט זאָל זיין געטהאָן!

און ווי דער שטורם זאָל ניט ווארפֿען
מיין שיפֿעל אין לעבענס אָקעאַן;
און וואָס אויסשטעהן איך זאָל ניט דאַרפֿען
פֿון יעדען האַרצלאָזען טיראַן—

דאָך האַלטען וועל איך שטאָלץ די פֿאָהן
און קלינגען הויך אין פֿרייהייטס־גלאָק;
אויפֿגעהן מוז די זונן פֿון פֿרייהייט,
קומען מוז דער פֿרייהייטס־טאָג!

היינטיגע מענשען.

היינט זיינ'ן די מענשען גאַנצע וועלטען
פֿון חכמה, פֿון דומהייט, פֿון פֿרייד און שמערץ:
אָבער זעלטען, אַך, זעהר זעלטען
געפֿינט מען אַ וואַרעם מענשליך האַרץ!

מיר האָבען זעהר פֿיעל מאָראַליסטען,
מיר האָבען געזועצען אויף יעדען שריט;
שרייבער, רעדנער, גלענצענדע „איסטען",
נור מענשליכע הערצער — דאָס האָבען מיר ניט.

מענשען האָבען דאָס האַרץ פֿערלאָרען
אין ווילדען יאַגד נאָך געלד און רוהם;
מענשען זיינען שטיינער געוואָרען,
וואו גיפֿטיגע שלאַנגען קריכען אַרום.

* * *

וואַרעמע הערצער, עדעלע, זיסע,
ווי שווער איז אָהן אייך דער לעבענס-וועג!
די וועלט איז אַ דול-הויז, די וועלט איז אַ תפיסה,
אין כמאַרע פֿערלירט זיך דער הייליגער צוועק!

בלומען און שטערען.

איך בין פֿערליעבט אין אַ שניי-ווייסע בלום;
ווען איך זעה זי ניט, ווילט זיך מיר קלאָגען,
און ווי איך דערזעה זי ווער איך אַזוי שטום,
אַז איך קען קיין וואָרט ניט זאָגען.

ווען עס קומט די נאַכט און עס איז שטיל אומעטום,
אין הימעל שיינען די שטערען,
דאַן געה איך אין גאָרטען צו מיין שניי-ווייסע בלום—
צו זעהן זי בין איך אַזוי גערן.

פון הימעל שיינט די שעהנע לבנה,
זי זעהט מיין ליעבע, מיין שמערץ.
זי איז ניט אַזוי שטאָלץ, ווי די גאָלדענע זונן
און האָט מיטלייד מיט מיין הארץ.

זי זעהט, ווי איך וואַנדער אין גאָרטען אַרום
און בענעץ דאָרט די בלומען מיט טרערען,
און זי זאָגט: „צו וואָס ליעבסטו די ערדישע בלום
ווען עס גיט אַזוי פיעל הימלישע שטערען.

די ערדישע בלומען זיינ'ן זעהר צולאָזען,
זיי האָבען גאָר קיין אידעאַל;
זיי ליעבען היינט די שעהנע רויזען
און מאָרגען די נאַכטיגאַל,

און איבערמאָרגען אַ גאָלדענע פליעג
און פערגעסען די שעהנע רויזען;
פערגעסען דער נאַכטיגאַל'ס זיסע מוזיק —
יאָ, די ערדישע בלום איז צולאָזען.

ליעב די שעהנע, די ליכטיגע שטערען,
זיי זיינען אַזוי גוט און טריי;
זיי וועלען ניט נאַרען, זיי וועלען ניט שטערען
דיר זיין פערנינפטיג און פריי.

זיי וועלען דיר זינגען אַ הייליגעס ליעד.
וואָס געטער און ענגלען נור הערען.
די ערדישע בלומען פערשטעהען דיך ניט
קום צו די גאָלדענע שטערען.

זיי וועלען דיך ליעבען, זיי וועלען דיך קושען,
זיי וועלען דיין טרויער צושטערען;
און וועסטו פון זעליגקייט טרערען פערגיסען,
דאַן ווערט פון זיי הייליגע שטערען."

אַזוי זאָגט די לבנה, און ווי אַ קינד אין אַ ווינעל
אין מיין ברוסט ווערט אַנשלאָפען מיין שמערץ,
כ'זעה אין דער לבנה, ווי אין אַ זילבערנעם שפּיגעל,
דאָס ליידענדע מענשליכע האַרץ.

וואהרע און פאלשע העלדען.

שרייבער, רעדנער, פּראָפעסאָרען,
פאַר דעם גרויסען הייליגען צוועק —
צו בעפרייען אַלע מענשען, —
שיטען ווערטער גאַנצע זעק.

מאַנכע האנדלען אויך מיט ווערטער
און פערקויפען זייער וועלט;
איינער פאַר אַפּלאָדיסמענטען
און דער אַנדערער פאַר געלד!

דאָך דער זוהן פֿון פֿאָלק, דער וואַהרער,
ניט צום וואָרט — ער גרייפֿט צום **שווערד,**
און פֿאַר זיינע ברידער־שקלאַפֿען
קעמפֿפֿט ער מוטהיג ווי אַ **העלד!**

און ער זוכט קיין מאָנומענטען,
קיין פּערזענליכען ערפֿאָלג;
גערן ליידעט ער און בלוטעט—
אָפּפֿערט אַלעס פֿאַר דאָס **פֿאָלק.**

שונאים וואַרפֿען אין איהם **שטיינער,**
פֿון איהם לאַכט דער ואַטער נאַר.
דאָך דער העלד געהט תמיד פֿאָר**ווערטס,**
תמיד פֿאָרווערטס אין געפֿאַהר—

אין זיין האַנד די פֿרייהייטס־פֿאָהנע,
אין זיין ברוסט — אַ וואַרמעס **האַרץ,**
פֿול מיט ריינע מענשענליעבע,
פֿול מיט טיעפֿען האַס און **שמערץ!**

אין דער שוואַרצער נאַכט און **שטורם,**
ווי אַ שעהנער זונענשטראַהל,
בליצט און שיינט פֿאַר זיינע **אויגען**
זיין געליעבטער אידעאַל...

קעמפֿפֿענד שטאַרבט ער פֿאַר **דער מענשהיים**
און זיין קבר בלייבט אַליין —
בלייבט אַליין אָהן שעהנע **בלומען,**
אָהן **אַ** רייכען מאַרמאָר־שטיין...

דאָך עס קומען שוין די צייטען,
ווען דאָס פרייע פאָלק דער וועלט
מאַכט אונשטערבליך איהם, דעם וואָהרען,
זעלבסטבעוואוסטען מענשען-העלד...

און פון אַלע פאַלשע העלדען
פון געזיכט די מאַסקע פאַלט,
און זיי צייגען זייער שוואַרצע,
זייער העסליכע געשטאַלט...

דאַן מיט שאַנדע שטירצען ניעדער
אַלע שמוציגע פיגמיען,
אייביג לעבט דער וואָהרער קעמפפער
פאַר די הייליגע אידעען!

דער וואַנדערער.

איך האָב אויסגעוואַנדערט די גאַנצע וועלט
און ניט געפונען קיין אָרט,
וואו עס זאָל ניט הערשען שווינדעל און געלד
צוזאַמען מיט רויב און מאָרד!

וואו פרייע ליעבע זאָל ניט זיין פֿערבאָטען,
דאָך פֿריי איז פראָסטיטוציאָן,
וואו אַרבייטער זאָלען ניט זיין געטראָטען
פֿון פּאָליטיקער, געלדזועק און טראָהן!

איך האָב ניט בעגעגענט קיין איינציגע שטאָדט,
וואו מערדער, גנבים און שקלאַפֿען
זאָלען ניט גלויבען אין קירכע, אין גאָט,
מעהר ווי די פֿרומע פּפאַפֿען.

איך האָב ניט געפֿונען קיין זשאַרגאָנישעס בלאַט,
וואו מען זאָל זיך ניט פּאַטשען, ניט קריגען,
און עס זאָל ניט זיין אַ העלדענטהאַט—
צו האַלטען מלחמה מיט פֿליעגען!

איך האָב ניט בעגעגענט צווישען פֿרייהייטס-בלומען
זאָל ניט זיין אויך בלאָטע און מיסט...
און אַז פּאַראַזיטען און מענשעלאַך דומע
זאָלען ניט שימפּפֿען אויף אַן אַנאַרכיסט!

איך האָב ניט בעגעגענט די וואָס פרעדיגען וואַהרהייט
זאָלען זאָגען די וואַהרהייט אַליין!—
וואו ביסטו מענשליכקייט? ליעבע און פֿרייהייט?!—
די וועלט איז אַזוי העסליך-געמיין!

פריי נאך היינע

I.

„איך געדיינק..."

איך געדיינק די שעה די זיסע,
ווען דו ביזט צו מיר געקומען
און האָסט אין מיין קליינע תפיסה
מיר געבראַכט מאַיאָווע בלומען;

שעהנע, רייצענדע פרינצעסין,
דו אַליין האָסט דעם פּאָעם
אין זיין עלענד ניט פֿערגעסען
קרוינען מיט אַ מאַי־בוקעט.

לאַנג שוין איז דיין בלום געשטאָרבען,
דאָך איהר פֿאַרב, איהר רויטע פֿאַרב
האָט די צייט נאָך ניט פֿערדאָרבען
און זי לעבט אויך, ווען איך שטאַרב.

II.

דער זעלנער.

אידישער זעלנער שטעהט איינזאם
אין רוסלאַנד אויף זיין פּאָסט;
ער שטעהט אין שנעע בעגראָבען,
פערגליווערט פון דעם פראָסט...

ער טרוימט פון זיינע ברידער,
וואָס לעבען אין אַ פרייער וועלט;
ווי פרעהליך שיינט די זונן דאָרט
און ס'בליהט דאָס גרינע פעלד!

שטאָלץ שטעהט ער אין דעם שטורם,
זיין ביקס געדריקט אין האַנד:—
ער איז נאָך ניט פערלאָרען—
עס לעבט אַ פרייע לאַנד!

III.

די ליליע.

די שעהנע וואַסער־ליליע
קוקט אַרויס פון בלויען ים,—
דער מאָנד קוקט פון הימעל אַרונטער
מיט זיין ליעבעס זיסען פלאַם.

פֿערשעהמט זינקט זי איהר קעפּעל
אַראָב צום אָקעאַן,
און ביי איהרע פֿים ליגט נעביך
דער הימלישער דאָן זשואַן.

IV.

נור דאס ניט!

ווען איך הייראַטה, וועל איך שטרעבען,
אַז מיין פֿרוי זאָל גליקליך לעבען;
וואָס זי וועט ניט טהון, ניט זאָגען,
וועל איך מוטהיג איבערטראָגען.

נור ווען זי וועט זיך ערלויבען
מיינע ווערק אַמאָל ניט לויבען,
מיך ניט קרוינען אַלס פּאָעט—
גיב איך תיכף איהר א גט!

צו די אידישע שריפטשטעלער.

האַלט הויך די פאָהן פון ליטעראַטור,
איהר טעמפעל — הייליג און פריי,
זייט טריי דעם אמת, זייט טריי דער נאַטור,
דער ליידענדער מענשהייט זייט טריי!

בויגט נישט דעם קאָפּ פאַר דער גאָלדענער קאַלב,
פאַר רייכע, געפּוצטע דיעבען,
לערנט די מענשען צו זאָגען דרייסט,
וואָס זיי דיינקען, האַסען און ליעבען.

וועגט יעדעס וואָרט און יעדען געדאַנק,
איידער איהר דרוקט נאָך די שריפטען,
פיליכט זייט איהר גאַר מיט אייגענליעבע קראַנק
און וועט אויך דעם צווייטען פערגיפטען!

א ריינעם געוויסען, א געזונדען פערשטאַנד,
מוז א שריפטשטעלער האָבען,
אז נישט וועט ער זיך מיט זיין אייגענער האַנד
אין זיין אייגענעם שמוץ בעגראָבען.

מען קען אויך מיט שמוץ א קראַנץ זיך געווינען,
ביי די, וואָס זיינען דום און געמיין;
דאָך הייליגע אַכטונג פון דער מענשהייט פערדיענען
קען נור דער עהרליכער דיינקער אליין!

זייט פאַר דעם פאָלק ליכטיגע שטערען,
אין דער פינסטערער שקלאַפען־נאַכט,
בעלייכט זיינע קייטען, וואונדען און טרערען,
דערוועקט אין איהם האָפנונג און מאַכט!

פלאַנצט אין זיין האַרצען פרייע געדאַנקען
פון גלייכהייט און ברידערליכקייט!
און די גאָלדענע צוקונפט וועט אייך בעדאַנקען
מיט דעם קראַנץ פון אונשטערבליכקייט!

דיכטער און מוזע.

(דיאַלאָג.)

דיכטער:

גוט מאָרגען, מיין מוזע, מיין הימלישע שעהנהייט!
דו קוקסט עפּעס היינט ווי אין כעס;
האָבען שוין ווידער דעם פאָלק'ס אונטערדריקער
דערוועקט אין דיר צאָרן און האַס?

איך זעה, אַז דיין שעהנעס געזיכט איז פערוואָלקענט,
די הימלישע אויגען זיינען פייכט—
זאָג מיר, וואָס איז דען געשעהען, מיין מלאך!
זאָג מיר, איך טרייסט דיך פיליייכט!

מוזע:

—איך קום איצט פֿון טעמפעל, פֿון הייליגען טעמפעל
פֿון קונסט און ליטעראַטור;
פֿון דאָרט, וואו אַמאָל האָט ליעבע און שעהנהייט
גערוהט אויף'ן שוים פֿון נאַטור.

וואו עס האָבען געקלונגען הימלישע ליעדער
פֿון ליעבע, פֿרייהייט און גליק;
וואו ס'פּלעגט די מענשליכע הערצער דערקוויקען
די הערליכע זיסע מוזיק!

דאָך, מענשען, וואָס האָט איהר געמאַכט פֿון דעם טעמפעל?—
אַ מאַרק, אַ שמוציגען מאַרק!
וואו איהר פֿערקויפֿט אייער גייסט, אייער עהרע,
און טרייבט די וואַהרהייט אין זאַרג!

דאָס, וואָס היינט ווערט געליבט און פֿערגעטערט,
ווערט מאָרגען מיט בלאָטע בעדעקט;
און איבערמאָרגען שוין ווידער פֿערצוקערט,
געחנפ'עט, געשמייכעלט, געלעקט...

און די, וואָס רופֿען זיך דיינקער און קינסטלער,—
פֿאַר אַ שמוציגען גראָשען נישט מעהר—
ברעכען זיך, קריכען זיך דאָרט פֿאַר'ן עולם,
שפּרינגען אַהין און אַהער!

די ריינסטע געפֿיהלען, די הייליגסטע פּערעל
פֿון מענשליכען הארץ און פֿערשטאַנד,

װערען געטראָטען פֿון שמוציגע ברואים,
פֿון דומהייט, געמיינהייט און שאַנד!

און דאָס איז דער טעמפּעל, דער הייליגער טעמפּעל
פֿון קונסט און ליטעראַטור;
וואו זייט איהר, איהר אמת'ע דיינקער און קינסטלער,
איהר ליעבלינגע פֿון דער נאַטור!?

וואָס לאָזט איהר פֿערשמוצען די גאָלדענע פֿאָהן
פֿון קונסט און פּאָעזיע—
וואָס לאָזט איהר אַריין אין הייליגען טעמפּעל
פֿערפעסטעטע, שמוציגע פֿיה!

וואָס פֿערטרייבט איהר זיי ניט מיט אייזערנע רימער
פֿון קלאָהרען פֿערנונפֿט און קריטיק—
וואָס לאָזט איהר זיי די מאַסע פֿערדאַרבען
מיט זייערע הינטישע שטיק!

פֿערטרייבט דיזע העסליכע, שמוציגע ברואים,
און מיט אייער זיסען טרומפּעט
רופֿט צוזאַמען די ארבייטער פֿרייע—
קונסט און הומאַניטעט!

בויט אויס אַ טעמפּעל, אַ הייליגען טעמפּעל
פֿון פֿרייהייט און זיטליכקייט;
בעגייסטערט דאָס פֿאָלק, דערוועקט אין זיין זעעלע
וואָהרהייט און ברידערליכקייט!

און ווען עס קומט אַ ביטערע שטונדע,
און די נויט איהרע ציינער בעווייזט—

דאַן, עהרליכער דיינקער! פערקויף דיינע מוסקלען,
נור פערקויף ניט דיין האַרץ און דיין גייסט!

פערקויף ניט דיין פעדער, אין איהר איז דיין זעעלע,
דיין הייליגער לעבענס־געצעלט;—
דיין קערפּער וועט שטאַרבען, דיין פעדער וועט לעבען
און ריידען פון דיר צו דער וועלט!

פערקויף ניט דיין פעדער! אין קעלט און אין הונגער,
פעראַכטעט, פערלוימדעט, פערפאָלגט—
בלייב טריי דיין געוויסען, אויף׳ן שוועל פון דיין קבר
זינג צו דיין ליידענדען פאָלק!

צוויי דיכטער.

(פריי נאָך נעקראַסאָוו).

ווי גליקליך איז דער זיסער דיכטער,
וואָס האָט פיעל האָניג, וויניג גאַל,
זיין וועג בעלייכטען ליעבעס־ליכטער,
מען פלעכט איהם קראַנצען איבעראַל.

ער איז אַלזייטיג, מיט פּרינציפּען
פערבינדט זיך ניט דער פרייער העלד;
און שמייכלענד שטעלט ער אויס די ליפּען
צו אַלע אָבגעטער פון דער וועלט;

מען לויבט זיין גייסט פון אַלע זייטען,
דער אָרטאָדאָקס און ליבעראַל—
ער ליעבט מיט קיינעם ניט צו שטרייטען
און זינגט זיך ווי אַ נאַכטיגאַל.

זיין יעדעס וואָרט, זיין יעדעס שטרעבען
איז פאַר דער וועלט אַ קאָמפּלימענט,
די ברידער דיינקען שוין ביים לעבען
צו שטעלען איהם אַ מאָנומענט.

דאָך ביטער, טראַגיש איז דאָס לעבען
פון דעם פּאָעט, וואָס האָט זיין האַרץ
די אונטערדריקטע אָבגעגעבען,
און טראָגט אין ברוסט אַ ים פון שמערץ!

ער בליצט און דונערט מיט זיין האַרפּע
אויף אַלע פיינד פון אָרימען פאָלק;
פאַר וואַהרהייט, נאַקעטע און שאַרפּע,
ווערט ער פערלוימדעט און פערפאָלגט!

דאָס שיפּען פון די רייכע שלאַנגען,
וואָס ער דערשרעקט מיט זונענליכט—
דאָס זיינען זיסע לויב-געזאַנגען
פאַר זיין אַלמעכטיגעם געדיכט!

זיין יעדעס ליעד, זיין יעדע שורה,
איז פול מיט גיפט פאר טיראַניי;
ער וואַרפט די שווינדלער גלייך אין צורה
דער וואַהרהייט'ס קאָכעדיגע בליי!

ער רייסט אַראָב אָהן פורכט די מאַסקע
פון יעדען פאַלשען היפאָקריט,
ער קעמפפט און זוכט ניט קיינעמ'ס לאַסקע,
און זוכט קיין שכירות פאַר זיין טהאַט!

ער טראָגט מיט שטאָלץ זיין שווערד און פאָהן,
ער קוקט ניט לינקס, ער קוקט ניט רעכטס;
פאָרוועדטס קוקט ער צו דער זונן נור,
און זי אַליין נור הערט זיין קרעכץ!

זיין מוזע קען ניט שמייכלען, גלאַנצען,
מיט בלוט און גאַל איז פול זיין טינט;
אָהן פריינד, אין ריינע בלומענקראַנצען
שטעהט ער אַליין אין שטורמווינד!

די וואַהרהייט וועט אַם ענדע זיעגען!
די פינסטערניש וועט אונטערגעהן—
און ווען ער וועט אין קבר ליגען
נור דאַמאָלס וועט די וועלט פערשטעהן

מיט וואָס פאַר ליעבע, ערנסט, אַכטונג
ער האָט געדיענט דער פרייהייטס-פאָהן;
ווי ער האָט געליעבט אין זיין פעראַכטונג
און ווי פיעל גוטס ער האָט געטהאָן!

טרערען.

(פריי נאך בייראן.)

צובראכען איז מיין הארץ. אָה, גיבער, גיבער, זינגער!
נעהם דיין הארפּע, שפּיעל אוים אַ געזאַנג!
רייס אַרוים מיט ציטערענדע פינגער
פון דיינע סטרונעס אַ הימליש-זיסען קלאַנג!

און אויב מיר איז געבליבען איצט ניט מעהר,
ווי נור איין האָפנונג—זי וועט מיר פריינדליך שטראַהלען,
און אויב מיין אויג פערמאָגט האָטש נאך אַ טרער—
זי וועט צוגעהן, און ווי אַ פּערל פאַלען!

לאָז דונערן דיין ליעד מיט ווילדען שמערץ,
פרעהליכעס וועט נור מיין וואונד צוראַצען,
אָה, זינגער! טרערען, טרערען וויל מיין האַרץ!
אַז ניט, אָה, וועט מיין ברוסט אויף שטיקער פּלאַצען!

איך האָב געליטען, געליטען איבעראַל,
איצט זיינען געקומען שרעקליכע מינוטען.
מיין לעבענס-בעכער איז פול מיט גיפט און גאַל,—
אָה, גיב מיר טרערען! אַז ניט וועט מיין האַרץ פערבלוטען!

מיין מוזע.

(געשריבען נאָך דעם ווי איך האָב דורכגעלעזען אין אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישען זשורנאַל אַ געדיכט פון אַן אַנאַרכיסט.)

מיט גלעקלאַך קען מיין מוזע ניט קלינגען,
זי וועקט, זי רופט מיט אַ קריעגס-טרומפעט,
שטורם-ליעדער קען זי נור זינגען
מיט'ן פייער פון אַן אַלטען פראָפעט!

זי וועט איהר געגנער די האַנד ניט דערלאַנגען,
זי וועט ניט קושען זיין גיפטיגע ליפ.
זי וויס, אַז איהר געגנער'ס בעסטער פערלאַנגען
איז זעהן דעם טויט פון איהר גרויסען פרינציפ!

זי וועט זיך ניט בוקען פאַר פרעמדע אַלטאַרען,
זי איז שטאָלץ, ווען איהר קלייד איז אויך אָרים און פראָסט,
עס מעגען פערשפּאָטען זי שורקען און נאַרען,
זי בלייבט ביז איהר טויט אויף איהר הייליגען פאָסט!

דער דיכטער.

פאַר דער פּראַקטישער וועלט איז אַ דיכטער אַ נאַר.
און ווייסט איהר: וואַרום? דאָס איז טאַקע דערפאַר,
ווייל ער זוכט ניט קיין רייכטהום, איהם שרעקט קיין געפאַהר,
ער ווייזט אָן דער וועלט, וואָס פאַלש און וואָס וואַהר.

די וועלט מעג איהם האַסען, די וועלט מעג איהם יאָגען,
דאָך וועט ער תמיד דעם אמת נור זאָגען;
ער זוכט ניט קיין כבוד, ער זוכט ניט קיין געלד,
גערעכטיגקייט, ליעבע — איז זיין ציעל אויף דער וועלט.

אַל־די מענשליכע טרערען, וועהטאָגען, שמערצען,
פיהלט דער דיכטער אין זיין ליידענדען האַרצען;
פאַר איהם זיינען אַלע שוועסטער און ברידער,—
מיט׳ן בלוט פון זיין האַרצען שרייבט ער זיינע ליעדער.

זיין גייסט טהוט אונז הערליכע בלומען פיעל שיינקען,
ער לערנט אונז ליעבען, ער לערנט אונז דיינקען,
מיטפיהלען מיט אַלע ליידענדע מענשען,
פערדאַמען די פאַלשקייט, גערעכטיגקייט בענשען.

ער לערנט אונז קעמפפען פאַר פרייהייט און גליק,
ער בעגייסטערט די וועלט מיט זיין געטליכער מוזיק.

* * *

פאַר דער פּראַקטישער וועלט איז אַ דיכטער אַ נאַר,
פאַר דיינקענדע מענשען — איז זיין האַרץ אַן אַלטאַר;
אַ טעמפעל פון אַלץ, וואָס איז מענשליך און פריי,
קיינער איז דער וועלט, ווי דער דיכטער, ניט טריי!

דער אגיטאטאר.

דער אַגיטאַטאָר, ווי אַ האָהן,
וועקט אייך צו דער רעוואָלוציאָן;
ער קעמפפט און טראָגט אַליין די פאָהן...
צו'ם ענדע — הויבט זיך גאָרניט אָן!

אָה, ווען איהר האַסט די קייטען, דעם טראָהן,
דאַן מוזט איהר אַליין אויך עפּעס טהאָן—
וויל אָהן אייך הויבט זיך גאָרניט אָן!

1891.

דאָס אַלטע יאָהר איז געשטאָרבען,
דאָך איז דען ניט אַלץ איינס,
ווען 90 האָט זיך ערוואָרבען
אַ שפּאָגעל נייע איינס?

אַ ניי יאָהר איז געבאָרען,
דאָך לעבט נאָך די אַלטע נויט,
און לייכטער איז ניט געוואָרען
מיין אַלטע שקלאַפֿענקייט.

נאָר וואַרף איך צוריק מיינע בליקען
אויף'ן דורכגעגאַנגענעם וועג,
זעה איך איצט נייע בריקען
צו אונזער הייליגען צוועק.

עס וואַקסען תמיד די רייהען
פֿון קעמפּפֿער פֿאַר פֿרייהייט און רעכט,
וואָס האָבען געשוואָרען צו בעפֿרייען
די אָרעמע עלענדע קנעכט!

אַלץ העכער הויבט זיך די פֿאָהן!
עס בליצט דער פֿרייהייט'ס שווערד;
און העלער לייכט די זונן
אויף אונזער פֿינסטערער ערד!

און יעדער מאָרגענשטערען
ברייננט נעהענטער די צייט,
ווען אונזער ערד וועט ווערן
פון טיראַניי בעפרייט!

צו די גענאסען.

די נאַכט איז פינסטער, מען זעהט ניט קיין שטערען...
דער הימעל איז שוואַרץ, ווי די ערד.
ווילד רוישט דער ים פון מענשליכע טרערען,
עס הערשען נור הייגקער און שווערד — —

די וואַהרהייט ליגט עלענד אין קייטען געשלאָסען,
פערוואונדעט פון שרעקליכען פיינד.
אָה, וואַהרהייט! וואו זיינען דיינע טרייע גענאָסען?
וואו זיינען דיינע עהרליכע פריינד?

וואַרום קומען זיי ניט היילען דיינע בלוטיגע וואונדען,
און טהאָן זייער מענשליכע פליכט?
איז דען אויף אייביג די זונן שוין פערשוואונדען,
פערלאָשען איהר הייליגעס ליכט?

איז דען די גייסטיגע מענשהייט געשטאָרבען—
עס לעבען נור היינקער און קנעכט?
און אַלעס וואָס העסליך איז, שמוציג, פֿערדאָרבען,
נור דאָס האָט צו לעבען אַ רעכט?

ניין, ברידער, איך קען ניט, איך וויל דאָס ניט גלויבען!
מיר זיינען פֿערמאַטערט, פֿערשקלאַפּט,
אין שטייגען פֿערצאַמט, ווי געפֿאַנגענע לייבען,
אָבער דאָך איז ניט טויט אונזער קראַפֿט!

די מענשליכע קראַפֿט קען נאָך וואונדער בעווייזען,
ווען דער שטורם דערוועקט אונזער גייסט,
ווי מיט צויבער צושמעטערט זי שטיינער און אייזען,
אויף שטיקער די קייטען צורייסט!

עס קען ניט די האָפֿנונג אויף פֿרייהייט פֿערלירען,
ווער עס וויסט די געשיכטע פֿון דער וועלט.
נור אין דער פֿינסטערניש קענען רעגירען
געוואַלדהייטען, שווינדעל און געלד.

דאָך ווי עס קומט נור דער ליכטיגער מאָרגען,
זיינען היינקער און טראָהן אין געפֿאַהר,
אַל-דאָס שלעכטס, וואָס איז אין דער פֿינסטער פֿערבאָרגען,
ווערט דעם פֿאָלק דאַן פֿערשטענדליך און קלאָהר.

עס ברעכען די קייטען, עס פֿאַלען די טראָהנען,
עס רעגירט נור דער פֿרייער פֿערשטאַנד.
מען ברויכט ניט קיין בלוט-הינד, מען דאַרף קיין קאַנאָנען,
ליעבע און עהרע בעשירמען דאָס לאַנד.

און ווען איהר האָט האָפנונג, פערלאָזט ניט די וואפען,
װאָס קענען אייך פיהרען צום זיעג,
פערלאָזט ניט די וואהרהייט, זי קעמפפט פאַר די שקלאַפען,
פאַר מענשליכע פרייהייט און גליק!

זעהט ווי די וואהרהייט איז עלענד, בענאָסען
מיט טרערען, אַ בלוטיגער טייך — —
קומט צו איהר, רעטעט זי, ברידער, גענאָסען!
זי קעמפפט און זי בלוטעט פאַר אייך!

צורוף צו דער „וואהרהייט".

הייליגע וואַרהייט, איך בעגרים פון מיין האַרצען
דיין אָנקומען אויף אונזער וועלט,
וואו דאָס פאָלק איז פערזונקען אין אייביגע שמערצען,
וואו עס הערשען נור פאַלשקייט און געלד.

קום, בעלייכט מיט דיינע הימלישע שטראַהלען
די שרעקליכע, פינסטערע נאַכט,
וואו טויזענדער מענשען אונשולדיגע פאַלען
אין קאַמפף מיט דער טיראַנישער מאַכט.

קום, ערקלעהר אונז מיט ליעבע און קלאָהרהייט,
ווי שענדליך עס איז שקלאַפעריי,
און נור דורך דעם קאַמפף פאַר ליעבע און וואַרהייט
קען דאָס פאָלק ווערן גליקליך און פריי.

בעגייסטער, פעראייניג דיינע אָרעמע ברידער!
הויב אויף דעם געפאַלענעם קנעכט.
צוברעך זיינע קייטען, בעפריי זיינע גלידער
און גיב איהם דאָס מענשליכע רעכט!

דער וועקער.

הערט נור צו, וואָס איך וועל זאָגען:
ווען איהר ווילט קיין קייטען טראָגען—
קומט אין אונזער פאָלק.
וואָס מיר ווילען, — נים פיעל ברייען,—
איז פון שקלאַפען־יאָך בעפרייען
דאָס אונטערדריקטע פאָלק.

קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פרייע הערצער, פרייע שווערטער,
קומט אין פרייען שלאַכט,
קעמפפען ווילען מיר, ביז וואַנען
עס וועלען פאַלען די טיראַנען,
שווינדען וועט די נאַכט.

זעהט נור וויפיעל קעמפפער פאַלען
פאַר די פרייהייטס־אידעאַלען
אין'ם קאַמפף מיט טיראַניי!
זאָלען מיר דען רוהיג שווייגען,
רוהיג זיצען אין די שטייגען,
דולדען שקלאַפעריי?!

הערט ווי אונז דער פיינד בעליידיגט,
גאָטעס־פורכט און קנעכטשאַפט פרעדיגט
פאַר דעם אַרבייטס־מאַן...
שוין גענוג אין קייטען שלאָפען,
ברעכט די קערקערס־טהירען אָפען,
טויט צו דעם טיראַן!

קיינמאָל וועט איהר נויט פערמיידען,
תמיד שאַנד און שמערצען ליידען,
ווי לאַנג נור איהר זייט קנעכט.
ברידער, העלפט איינער דעם צווייטען,
ברעכט די קייטען אָן די קייטען,
קעמפפט פאַר מענשענרעכט!

ווי לאַנג וועלען נאָך רעגירען
ווילדע הייזקער און וואַמפירען?—
ליידענדע ערוואַכט!
קומט צו אונז מיט פרייע ווערטער,
פריי הערצער, פרייע שווערטער,
קומט אין פרייען שלאַכט!

צורוף צו „די פרייע ארבייטער שטימע".

פרייע אַרבייטער שטימע!
אויף דיין הייליגער לעבענס־שוועל
בעגריסט דיך מיט ליעדער און טרערען
דיין אַלטער פריינד פאַסקאַרעל!

פאַר דעם האַרצענס טיעפע געפיהלען
איז צו אָרעם אונזער שפראַך,
רייכער זיינען אונזערע טרערען,
מיט זיי קען מען זאָגען אַסך!

און מיט הייליגע אַרבייטער־טרערען,
וואָס פאַלען איצט זעהר אַסך
שרייב איך אויף אויף דיין רויטער פאָהן:
„קעמפף פאַר די הייליגע זאַך!"

ווילד רוישען די קאַלטע וועלען
פון דעם גרויסען לעבענס־ים,
די אָרעמע, עלענדע שיפער
זיי לעבען, זיי אָטהעמען קאַם!

דער ווינד האָט צוריסען די זעגעל,
צובראָכען דעם קליינעם קאָמפאַס...
עס איז זיי אין שטורם געבליבען
נור הונגער, פערצווייפלונג און האַס!

וואוהין עס טראָגט זיי דער שטורם,
פון דעם האָבען זיי קיין בעגריף!
זיי שרייען, זיי גיבען סיגנאַלען—
דאָך מען זעהט ניט קיין רעטונגס-שיף!

פרייע אַרבייטער שטימע!
דיין היילינע פליכט איז אַצינד:
העלפען בעפרייען די ברידער
פון שרעקליכען שטורם-ווינד!

צייג זיי דיין רויטע פאָהן,
אַלס אַ היילינען רעטונגס-סיגנאַל!
בעלייכט זיי דעם וועג מיט דיין פאַקעל!
מיט דער וואַהרהייטס בליצענדען שטראַהל!

דורך שטורם, דורך רוישענדע וועלען,
דורך שטיינער, וואָס ליגען אין וועג,
העלף דעם פאָלקס-שיף עררייכען
דער פרייהייטס היילינען ברעג!

העלף פערניכטען די ברואים,
וואָס ווילען דערטרינקען דאָס שיף—
וואָס ווילען זייערע ברידער
בעגראָבען אין פינסטערניש טיעף!

קעמפף ניט מיט שוואַכע פליגען,
ווען דער טיגער שטעהט ביי דער טהיר!
ווען טויזענדע עלענדע ברידער
רופען נאָך הילפע צו דיר!

שווער ביי די הייליגע וואונדען
פון די קעמפפער פאר מענשענרעכט—
אז דיין הארץ, דיין גייסט, דיין לעבען
געהערט צו די ליידענדע קנעכט!

שווער, אז דו מוזט זיי העלפען
אין זייער ביטערער נויטה!
שווער, אז דו מוזט פערניכטען
יעדע שענדליכע שקלאפען-קייט!

שווער ביי דער פרייהייטס-פאהן,
רויט פון מארטירער-בלוט,
אז קיין שטורם, קיין פיינד, קיין פערצווייפלונג
וועט ניט צוברעכען דיין מוטה!

אז נור דער טויט אדער פרייהייט
וועט צושיידען דיך מיט דער שווערד!
קלינג אב, פרייע ארבייטער שטימע,
איבער דער גאנצער ליידענדער ערד!

וועק די פערשקלאפטע מענשהייט
צו דער לעצטער רעוואלוציאן.—
מיט אייזערנעם מוטה, מיט בעגייסטערונג
דיין הייליגע ארבייט פאנג אן!

פאַרווערטס.

צו דער אַרבייט, פֿאָרווערטס, ברידער,
אַלע, אַלע, קומט מיט מוטה!
פֿרייע אַרבייט שטאַרקט די גלידער
און זי רייניגט אונזער בלוט!

פֿוילט זיך ניט! אַ שאַנדע — כ'לעבען—
שלאָפֿען אין אַ צייט פֿון קריעג!
ווילט איהר וויסען, וואָס הייסט לעבען—
קעמפפֿט פֿאַר אַלגעמיינעם גליק!

פֿאָרווערטס, שטופט די פֿרייהייטס-רעדער
מיט'ן שווערד און מיט'ן פען—
לאָז זיין אַרבייט טהון אַ יעדער—
ווי ער קען און וואָס ער קען.

לערנט זיך און אויך דעם צווייטען—
צייגט דעם וויסענ'ס ריינעם קוואַל!
און צוגליטהה די שקלאַפֿען-קייטען
מיט דער וואַהרהייט'ס הייסען שטראַהל

וואַרפֿט אַריין אין אַלע קלאַסען
פֿונקען פֿון דעם פֿרייען גייסט!
לערנט דיינקען, קעמפפֿען, האַסען,
אַז איהר מענשען זייט, בעווייזט!

און נים ציטערט פֿאַר די היינקער!
שטאַרבען ווי אַ פֿרייער מאַן—
איז דאָך ליעבער פֿאַר'ן דיינקער,
ווי זיך בוקען צום טיראַן!

נאָך די שטורמען, פֿרעסט און שנעען
קומען וועט דער שעהנער מאַי,
וואָס מיר וועלען איצט פֿערזעען,—
וועט דאַן בליהען פֿראַנק און פֿריי!

און אַ יעדער וועט געניסען
פֿון דעם ריינעם פֿרייהייטס-בוים—
זיסע פּירות, וואָס פֿערזיסען
יעדעם האַרץ און יעדע היים!

פֿאָרווערטס שטופּט די פֿרייהייטס-רעדער!
אַרבייט ערנסט, פֿול מיט גייסט!—
מיט'ן שווערד און מיט'ן פֿעדער—
אַז איהר מענשען זייט, בעווייזט!

אונזער אידעאַל.

נאָך ניט איינמאָל וועלען מיר פאַלען
אין קאַמפף פאַר אונזער אידעאַל,
פון געגנער ביטערע פערלוימדעט,
פערפאָלגט, פעראַכטעט איבעראַל.

ניט איינמאָל וועלען „קלוגע ברידער"
פון אונזערע וואונדען מאַכען שפּאַס,
אונזער ברודער־האַנד בעגעגנען
מיט שלאַנגען־גיפט און ווילדען האַס.

ניט איינמאָל וועט די דומע מאַסע,
פון דעמאַגאָגען צוגערעדט,
מיט שמוץ פערוואַרפען אונזער פאָהן
און קרייציגען אונזער פראָפעט.

ניט איינמאָל וועט מען נאָך בעשאַפען
אַ שפּאָגעל נייע שקלאַפען־רוט
און זאָגען אונז: אָט דאָס איז פרייהייט,
נעהמט שנעל אַראָב פאַר איהר דעם הוט!

דאָך וועל'ן מיר געהן מיט אונזערע וועגען,
פון אונזערם טרעטען מיר ניט אָב;
ווען אויך פאַר יעדען שריט צו פרייהייט
בעצאָהלען מיר מיט אונזער קאָפּ!

מיר ווילען קיין רעפֿאָרם-גליקען:
דען געגען אונזער אידעאַל
זיינען זיי ווי יאָהר-צייט ליכטלאַך
געגען אַ העלען זונען-שטראַהל.

האַלבע פֿרייהייט איז קיין פֿרייהייט!
דאָס איז פֿערפוצטע שקלאַפֿען-שאַנד:
זי ווערט זעטיגען אונזער מאָגען
און פֿערשקלאַפֿען דעם פֿערשטאַנד!

מיר ווילען אונבעגרענצטע פֿרייהייט,
וואו דאָס געזעץ איז די נאַטור;
וואו מיט אַ פֿולער ברוסט ווערט אָטהעמען
די ריינע מענשליכע קולטור!

וואו קונסט, וואו וויסענשאַפֿט און וואַהרהייט
ווערען דאַן צום ערשטען מאָל
פֿון זיך אַראָבוואַרפֿען די קייטען
און פֿריי דערהויבען זייער קול!

און ווי מען זאָל אונז ניט פֿערלוימדען,
פֿערדאַמען, דריקען איבעראַל —
מיר געהען פֿאָרווערטס, אימער פֿאָרווערטס,
צום ליכט, צו אונזער אידעאַל!

אויף דער וואך.

געקרוינט פון פיינד מיט גיפטיגע דערנער,
פון גוטע פריינד פערגעסען, פערלאָזט—
ווי אויף דער וואַך אַן אַלטינקער זעלנער
שטעהט ער אַליין אויף זיין היליגען פאָסט.

די נאַכט איז פינסטער, עס רעגענט און האָגעלט,
עס הערט זיך אין ווינד אַ ווילדער געוויין;—
אַך, ווי עלענד איז דער און פערוואָגעלט,
ווער אין שטורם שטעהט אויף דער וואַך אַליין!

אַליין, פערגעסען פון פריינד און ברידער,
אַליין, ווי אַ שיפעל אין שטורמישען מעער:
אַט, אַט וואַרפט דיך דער שטורם אַנידער
און פון דער האַנד פאַלט דאָס געוועהר!

דאָך ניין, ער דאַרף ניט, ער טאָר ניט איצט פאַלען!
ער ראַנגעלט זיך מיט שטורם און קעלט,
ער הויבט אויף דאָס געוועהר, פייערט סיגנאַלען...
און עס ענטפערט איהם נור דאָס עכאָ פון פעלד!

און ס'פילען זיך אָן זיינע אויגען מיט טרערען,
דאָס האַרץ ווערט פערגליווערט אין ברענענדען פראָסט
און ווען עס וועט אויפגעהן דער מאָרגענשטערען
געפינט ער איהם טויט אויף זיין היליגען פאָסט...

וואכט אויף!

די לאַנג, אַ ווי לאַנג וועט איהר בלייבען נאָך שקלאַפען
און טראָגען די שענדליכע קייט!?
ווי לאַנג וועט איהר גלענצענדע רייכטהימער שאַפען
פאַר דעם, וואָס בערויבט אייער ברויט!?

ווי לאַנג וועט איהר שטעהן אייער רוקען געבויגען,
ערנידעריגט, היימלאָז, פערשמאַכט!?
עס טאָגט שוין! וואַכט אויף! עפענט די אויגען!
דערקענט אייער אייזערנע מאַכט!

ערוועקט זיך די פרייהייט מיט קאַמפף־באַריקאַדען!
ערקלערט די טיראַנען אַ קריעג!
מוטה און ענטשלאָסענהייט, בראַווע קאַמעראַדען,
וועלען אייך פיהרען צום זיעג!

קייטען, און טראָהנען, אָה, אַלעס מוז פאַלען,
אונטער דעם אַרבייטערס שווערד!
מיט דופטענדע בלומען, מיט גאָלדענע שטראַהלען
וועט פרייהייט בעציערען די ערד!

און אַלעס וועט לעבען, ליעבען און בליהען
אין פרייהייטס גאָלדענעם מאַי!
ברידער! גענוג פאַר טיראַנען צו קניען!
שווערט, דאָס איהר מוזט ווערען פריי!

קלינגט איבעראַל אין די פרייהייטס־גלאָקען!
פערזאַמעלט די ליידענדע קנעכט!
און קעמפפט בעגייסטערט, קעמפפט אונערשראָקען
פאַר אייערע הייליגע רעכט!

ניט אייביג.

ניט אייביג וועלען זיי דויערען
די קאַלטע פינסטערע נעכט;
ניט אייביג וועט פאַר זיך מויערען
נור פינסטערע קערקער דער קנעכט.

ניט אייביג וועט ער בויען
פאַר זיינע טיראַנען פאַלאַסטען,
ווען אָרעמע קינדער און פרויען
האָרעווען, שמאַכטען און פאַסטען!

נייז! ברידער, דער פריהלינג מוז קומען
מיט ליכט און זונענשיין,
אין וועלכען עס לאַכען די בלומען
און עס פליסט דער לעבענסוויין!

ניט לאָזט זשע די קעפּ אַרונטער!
ניט שטעהט אויף׳ן האלבען וועג!
פאָרוועמס! שטאָלץ און מונטער!
פאָרוועמס, צום הייליגען צוועק!

דער רויטער וועגעל.

איך זעה אַ רויטען וועגעל
מיט זילבערנעם שוים בעשפּריצט:
ער לויפט צווישען שטורמישע וועלען,
עס קראַכט, עס דונערט און בליצט.

אונטער דעם רויטען וועגעל
זעה איך אַ פּראָלעטאַר,
מיט זיין אייזערנער האַנד אויף דעם רודער
שטעהט ער שטאָלץ אין געפאַהר.

איהם שרעקט ניט דער ווילדער שטורם,
איהם שרעקט ניט דער פעלזען־שטיין;
ער טרעפט מיט זיין פייל אין די ברואים,
װאָס קריצע אייה איהם מיט די צייהן,

זיין גייסטיגער בליק איז געריכטעט
אויף דעם אינזעל, וואָס „פרייהייט" הייסט,—
אַהין, וואו דער מענש וועט געפינען
זיין גליק, זיין ליעבע, זיין טרייסט!

און ווען טויזענדע פעלזען און שטורמען
בעגעגענען איהם אויף זיין וועג,
מיט זיין ברוסט אויף דעם רויטען זעגעל
וועט ער ערגרייכען דעם ברעג!

ער וועט ערגרייכען דעם אינזעל
פון פרייהייט, פון מענשענגליק;
און אויף'ן בעזיעגטען שטורם,
ווארפען מיט שטאָלץ זיין בליק!

פאָרווערטס, מיין רויטער זעגעל!
די וואהרהייט איז דיין פאַספּאַזשיר;
פיראַטען, שטורמען און פעלזען—
אַלעם בעזיעגסטו מיט איהר!

פאָרווערטס, פראָלעטאַריער!
דו האָסט נאָך טויזענדע פריינד!
מיט דיין אייזערנער האַנד אויף דעם רודער
וועסטו בעזיעגען דיין פיינד!

צו א פריינד.

דאָס שיפעלע לויפט צווישען רוישענדע וועלען;
דער שטורם ווערט שטאַרקער מיט יעדער מינוט;
דער וועג איז געפעהרליך... דאָך שטאַרק איז דער זעגעל—
עהרליכער שיפער, פערליר ניט דיין מוטה!

עס ווערען אַלץ בייזער די קעמפפענדע שטראָמען;
דאָס שיפעלע וואַרפט עס אַרויף און אַראָב:
עפּעס צורייצטע און העסליכע ברואים
שטעקען פון וואַסער אַרוים זייער קאָפּ...

זיי עפענען ברייט די פערבלוטיגטע מיילער,
דאָך שנעל טראָגט דער שטורם דיך ווייטער אַוועק—
עס בליצט און עס דונערט, עס בויגט זיך דער זעגעל:
עס ליגט צווישען פעלזען דער שרעקליכער וועג!

זעהסטו פון ווייטען דאָרט רויטע סיגנאַלען?...
דאָס קומט דיר צו הילפע די הייליגע צייט!
ס'געהט אויף שוין דער מאָרגען — פערלאָז ניט דעם רודער!
קעמפף מיט דעם שטורם! דער ברעג איז ניט וויט...

א גוט ווארט.

זייט איהר מענשען — האַנדעלט מענשליך!
האָט אין זינען אייער ציעל!
גיט קיין פּלאַץ אין אייער הארצען
פאַר אַ קליינליכען געפיהל!

ניט פערגעסט, פאַר וואָס מיר קעמפּפען!
ניט פערגעסט, אַז פאַר'ן טהיר
שטעהט די מאַסע, די, וואָס בלוטעט,
די, וואָס ליידעט אָהן אַ שיעור!

זייט איהר מענשען, האַנדעלט מענשליך!
ניט פערלירט זיך אין געפאַהר!
וועקט מיט ווערטער! וועקט מיט טהאטען
דעם פערשקלאַפטען פּראָלעטאַר!

צום פעראייניגטען קאמפף.

מיט שעהנע ליעדער, מיט גלענצענדע רעדען
איז שוין איבערפילט אונזער וועלט,
דאָך איז דאָס פאָלק נאָך וויַיט פון גן־עדן
און גאָט איז נאָך אימער — דאָס געלד.

ניט ליעדער, ניט ווערטער, אָה, גוטע קאַמעראַדען!
עס רופט אונז די מענשליכע פליכט;
ניט אויף דער ביהנע, — אויף שלאַכט־באַריקאַדע,
קעמפפט אוים די פרייהייט, דאָס ליכט!

ניט מיט דעם קלינגענדען גלענצענדען וואָרט—
מיט מיין שווערד וויל איך קעמפפען און בליצען!
און ווען מיין טויט בעגעגענט מיך דאָרט,
בעט איך איהם אַ וויילינקע זיצען...

אַ וויילינקע וואַרטען, ביז וואַנען מיין שווערד
אויף די שונאים צוברעך איך אין דרייען,
ביז וואַנען איך זעה, דאָס פאָלק ווי אַ העלד
וועט זיך פון קייטען בעפרייען!

דאַן זאָג איך צום טויט: „איצט טראָג מיך אַוועק
אין דיין רוהיגען שטילען געצעלט.
איצט שלאָף איך געשמאַק, וויַיל עררייכט איז מיין צוועק—
בעפרייט איז די מענשליכע וועלט!"

ווערטער זיינען איצט צו מענשליכע וואפען
פאַר אונזער אונמענשליכען פיינד;
ווען איהר ווילט ניט זיין אייביג בעטלער און שקלאפען,
פעראייניגט אייך, ברידער און פריינד!

אייניגקייט איז איצט דער גאָלדערנער בריק,
וואָס קען אונז די מעגליכקייט געבען,
עררייכען די וועלט פון פרייהייט און גליק,
געניסען אַ מענשליכען לעבען!

רופט צו פעראייניגונג, פערגעסט אָן פערזאָנען—
רעטעט די מענשהייט פון שאַנד.
דער פיינד דאַרף סאָלדאַטען, שפיאָנען, קאַנאָנען;
מיר דאַרפען — אייניגקייט, ליעבע, פערשטאַנד.

און ווען מיר זיינען ווייניג, דאַן זיינען מיר קאַנאָנען,
און שווערדען זיינען אונזערע הענד;
און פון אַלע בלוטיגע רעוואָלוציאָנען
קומט דאַן דאָס גליקליכע ענד!

פעראייניגט אייך אַלע, ווי גוטע קאַמעראַדען,
עס רופט אונז די מענשליכע פליכט;
ניט אויף דער ביהנע, — אויף שלאַכט-באַריקאַדען
קעמפפט אוים פאַר זיך פרייהייט און ליכט!

קעמפף ביז׳ז סוף!

באָך אַ לאַנגען, שווערען קריעג
קעהרסטו זיך פון שלאַכט צוריק;
גליקליך ביסטו אין דיין זיעג,
מוטהיג שטראַהלט דיין העלדענבליק!

אויף דיין שטאָלצע, רויטע פאָהן
שיינט אַראָב די העלע זונן;
אַלע פיינד פון שקלאַפענקייטען
גריסען דיך מיט בלומען־קוויטען!

דיינע ברידער — אַרבייטסלייט —
דיינקען פון אַ נייער צייט;
שקלאַפען, פול מיט חרפה, שאַנד,
רייכען דיר אַ ברודער־האַנד. —

דאָך פערגעס ניט, אַז פאַר דיר
ליגט נאָך אַרבייט אָהן אַ שיעור!
פרייהייטס־שונאים לעבען נאָך,
שטאַרק איז נאָך דער שקלאַפעניאָך!

ווייס, אַז פאַר אַ גרויסע זאַך
מוז מען אָפּפערן אַסך!
ניט אַ העלפט — דעם גאַנצען לעבען
מוז מען דער אידעע געבען!

וויים: דאָס גרעסטע מענשענגליק
איז איצט אין׳ם פֿרייהייטס־קריעג;
יעדען פֿרייהייטס־קעמפֿפֿער׳ס וואונד
מאַכט די מענשהייט מעהר געזונד!

די פרייהייטס־געטין.

יונגע קעמפֿפֿער, אין פֿרייהייטס־קריעג,
האַלט פֿעסט די פֿאָהן פֿון וואַהרהייט!
ניט לאָזט זיך פֿערבלענדען פֿון אַ לייכטען זיעג,
וואָס פֿיהרט ניט צוווירקליכער פֿרייהייט!

ניט לאָזט זיך נאַרען פֿון ק נ אַ ק־ר אַ ק ע ט ע ן,
פֿון חניפֿות־פּאָליטיק!
ניט פֿון רייכסטאָג קומט די פֿרייהייטס-געטין,
ניט אין שטימ־קאַסטען ליגט אונזער גליק!

איהר זעהט אָט יענע פֿינסטערע גריבער,
וואו עס הערשט פֿערצווייפֿלונג און שמערץ,
וואו עופּה׳לעך שטאַרבען אין הונגער-פֿיבער
אויף דעם בלוטענדען מוטער־האַרץ!

וואוהין די זונן קומט קיינמאָל אַריין
מיט איהרע ליכטיגע שטראַהלען,
עס קלינגט קיין מוזיק, עס פֿינקעלט קיין וויין
אין גאָלדענע באַקאַלען!

וואו דער, וואָס בויט דעם רייכען פּאַלאַסט,
פֿיהרט דורך די אייזענבאַהנען,
בלוטעט אונטער דער שווערער לאַסט,
פֿון אויסבייטער און טיראַנען!

וואו קיינער האַלט ניט קיין גלענצענדע רעדעס
פֿון פֿערשימעלטער פּאָליטיק;
וואו די נאַסע ווענד זיינען די עדות
פֿון אַ ביטערען לעבענס-קריעג!

וואו אויגען זיינען אין טרערען פֿערשוואומען,
און מיט בלוט איז בעפֿלעקט די ערד—
אָט פֿון דאָרט וועט די פֿרייהייטס-געטין קומען,
מיט איהר הייליגען פֿלאַמענדען שווערד!

זי וועט קומען אויף דעם געשריי פֿון קרבנות,
פֿון דער בלוטיגער טיראַניי!
זי וועט קומען בעגלייט פֿון יונגע אלמנות
און יתומים פֿון דער שקלאַפֿעריי!

זי וועט קומען צו רעטען די עלענדע, שוואַכע
פֿון דעם אויסבייטערס אייזערנער רוט!
זי וועט קומען נעהמען גערעכטיגע ראַכע,
פֿאַר יעדען טראָפּען ארבייטער-בלוט!

זי וועט פֿעראייניגען אַלע נאַציאָנען
מיט איהר זיסען, הייליגען קוש!
אויף די צושמעטערטע קייטען און טראָהנען,
וועט רוהען איהר אייזערנער פֿוס!

און איך שווער: זי וועט אויף אייביג בעגראָבען
די פֿערפֿעסטעטע קירכע און שטאַאַט;
און נור דאַן וועסטו ווירקליכע פֿרייהייט האָבען,
פֿערשקלאַפֿטער פּראָלעטאַריאַט!

דער בעליידיגטער העלד.

מיט אַ פֿרייען גייסט און אייזערנעם מוטה,
איז ער תמיד אין שטורם געשטאַנען,
און האָט ווי אַ העלד מיט זיין הארץ און בלוט
געקעמפֿט געגען אַלע טיראַנען.

ער האָט עלענד געוואַנדערט פֿון שטאָדט צו שטאָדט,
פֿערפֿאָלגט פֿאַר זיין ליעבע צו וואהרהייט,
אין איין האַנד אַן ארון פֿאַר'ן גאָלדענעם גאָט,
אין דער צווייטער — אַ פֿאַקעל פֿאַר דער פֿרייהייט!

עס האָבען די הערשער געקריצט מיט די ציין,
פערדאַמט איהם, געשלעפּט צום געריכט,
דאָך איז ער געבליבען אייזען און שטיין
אין קאַמפּף פאַר פרייהייט און ליכט.

וואָס מעהר די טיראַנען פון אונזער יאָהרהונדערט
האָבען דעם קעמפּפער פערפאָלגט,
אַלץ מעכטיגער האָט זיין שטימע געדונערט,
פערטהיידיגט דאָס ליידענדע פאָלק.

און איז מען בעגאַנגען אַ שרעקליכען מאָרד,
איבער פרייע קעמפּפער און דיינקער,
האָט ער דער ערשטער, מיט טהאַט און מיט וואָרט
געבראַנדמאַרקט די שווינדלער און הייגקער!

ער שטעהט אין זיין קאַמפּף אַזוי פריי און שטאַרק,
ווי עס איז נאָך קיין קעמפּפער געשטאַנען,
פאַר זיין רויטע פאָהן און שוואַרצען זאַרג
ציטערן אַלע טיראַנען!

דאָך זעה איך איצט, ווי עס וואַרפט אין איהם שטיינער
נישט נור זיין בלוטיגער פיינד,
אָה, ניין! עס וואַרפט גאָר שמוץ אין איהם איינער,
וואָס רופט זיך מענשענפריינד!...

וואָס דיינקט, אַז מען קען מיט חן׳דעלאַך זיסע,
און מיט אַן אַראָבגענומענעם הוט,
פועל׳ן ביי מערדער, מען זאָל נישט פערגיסען
אונשולדיגעם מענשליכעם בלוט!

וואָס דיינקט, אַז מען דאַרף נישט קיין **בלוט** און **קרבנות**,
נור אַ זיסען קאָמפּלימענט
פֿאַר היינקער, וואָס האָבען קיין פֿונק פֿון רחמנות,
צו **מאַכען** פֿון קנעכטשאַפֿט אַן **ענד**!...

און דיזער... וואַרפֿט שטיינער און ציניש **בעליידיגט**
יעדען קעמפֿפֿער און עהרליכען מאַן,
וואָס דיינקט נישט ווי ער און מיט זיין **בלוט פֿערטהיידיגט**
זיין פֿאָלק געגען יעדען טיראַן!

מענשען, וואָס לאבען אין זייער **האַרצען**,
פֿון גאַלגען, פֿון שרעקליכען **טויט**,
כדי נור צו רעטען דאָס פֿאָלק פֿון **שמערצען**
פֿון פֿינסטערניש און נויטה;—

און אין דיזע מענשען וואַרפֿט **ער מיט שטיינער**,
דער דייטשער מענשענפֿריינד...
און בעשימפֿפֿט אויך די יונגע הייליגע **ביינער**,
וואָס רוהען אין טשיקאַגאָ היינט!

און מען כאַפּט שוין אונטער זיין **געשריי**
„נידער מיט אַנאַרכיסטען!"
ווייל זייער עהרע פֿערקויפֿען **זיי**
צו די קאַפּיטאַליסטען!...

אָה, דומע פֿערליימדונג! וואַרפֿט נור **אַ בליק**,
אויף די טשיקאַגאָ-מאַרטירער!
און נעהמט אייער שענדליכען שמוץ צוריק
ווען איהר זייט נישט קיין פֿאָלקס-פֿערפֿיהרער!!

אָה, ווי פֿינסטער איז אונזער נאַכט!
איין ברודער דערקענט נישט דעם צווייטען,
און טרעט מיט די פֿיס איהם, און שפּאָט און לאַכט
פֿון זיין ברודער'ס וואונדען און קייטען.

דאָך זעה איך שוין קומען די פֿרייע זונן,
זי וועט בעלייכטען מיט גאָלדענע שטראַהלען
יעדען קעמפּפער, וואָס איז מיט זיין שווערד און פֿאָהן
אין קאַמפּף פֿאַר די פֿרייהייט געפֿאַלען.

און עס וועלען קומען אויף'ן הייליגען אָרט,
אַלע מענשען — ברידער — נישט ...יסטען,
און וועלען קניען מיט טרערען דאָרט
ביי די קברים פֿון אַנאַרכיסטען!

דער וואַמפּיר.

קוקט איהם נור אָן, דעם פֿעטען, דעם ברייטען
וואַמפּיר פֿון מענשען־בלוט!
וואָס שמידט זיינע ברידער די הענד אין קייטען,
אום צו רייטען אויף זיי גוט!

ועהט! ווי ער זיצט מיט א זיסען שמייכעל
אונ קלערט זיך: „איך הער אייך אין טראַק!
אַזוי לאַנג, ווי דאָס פאָלק האָט ניט קיין שכל,
לעב איך אַ גוטען טאָג!—

אַזוי לאַנג איהר זייט פערד, וועל איך אויף אייך רייטען
און שינדען די הויט פון אייך פריי!
און וועט איהר זיך אָנפאַנגען בריקעווען, שטרייטען,
דאַן רוף איך די פאָליציי!

וואָס שרעקט מיך אייער יוניאָן—מלחמה?
אַם ענדע בלייב איך דאָך באָס!
נאַראָנים! איהר נעהמט פון אונז נקמה?
מיט וואָס?... מיט אַ שנעל אין נאָז?—

פאַר איינם נור ציטערען מיר, ווי פאַר פייער:
דאָס איז, — פאַר די אַנאַרכיסטען!
ביי זיי איז דאָך גאָר דאָס לעבען ניט טהייער,
אַבי נור אונז צו פערוויסטען!

כ'לעז אַ מאָל זייערס אַ בלאַט;
איהר ווייסט, וואָס זיי זאָגען דעם עולם?
„ווילט איהר זיין פריי, דאַן שיקט אַוועק באַלד
אַלע רויבער אויף'ן בית עולם!"

וואָלטען זיי נור גערעדט... אָבער ליידער
קענען זיי אויך אַ מאָל טהאָן;—
זיי גיבען אַ מאָל אַ באָמבע אַ שליידער,
אַז עס ציטערט מיין שקלאַפען־טראָהן!

מיר האָבען שוין מיליאָנען פערלאָרען
אום זיי צו מאַכען אַ ביסעלע קאַלט...
אָבער היינגט מען פינף, ווערען געבאָרען
טויזענדע אַנדערע באַלד!

איך פיהל, אַז עס קומען שלעכטע צייטען!
איך וועל ניט קענען מעהר
פרעסען און זויפען און רוהיג זיך רייטען
אויף טויזענדע קנעכט ווי אַ הערר!—

נור אַזוי לאַנג, ווי דאָס פאָלק האָט נאָך קיין שכל
צו פאָדערען מענשען־רעכט,
קען איך מיר רוהיג מיט אַ זיסען שמייכעל
רייטען אויף דומע קנעכט".—

און די קנעכט? זיי פיהלען, אַז אַ שווערע משא
דריקט זיי און שלעפט צו דער ערד;
עס גיסט זיך שוויים פון די פנים'ער די בלאַסע,—
זיי קרעכצען און... שלעפען ווי פערד!

זיי פאַנגען אָן אַמאָל בריקעווען, שרייען;
זיי ווילען מעהר האָבער און גראָז...
און ווי מען גיט זיי אַביסעל צו קייען,
לעקען זיי ווידער דעם באָס.—

עס גיט אויך אַזוינע, וואָס בייסען די לייצעס
און פיהלען אַ פרייעס געמיטה,
און ווילען ניט טראָגען אויף זייערע פלייצעס
יעדען רויבער און פאַראַזיט.—

דיזע בילדען איצט מעכטיגע רייהען
פֿון קעמפֿפֿער פֿאַר פֿרייהייט און רעכט;
און די צייט איז ניט ווייט, ווען זיי וועלען בעפֿרייען
די ליידענדע שמאַכטענדע קנעכט!

די צייט איז ניט ווייט, ווען מיר וועלען ניט וויסען
פֿון קייטען, פֿון טרערען, פֿון נויט,
און יעדעס מענשענקינד וועט געניסען
פֿרייהייט און ליעבע און פֿרייד!

דאָך ברידער, אַזוי לאַנג איהר זייט נאָך שקלאַפֿען,
פֿערגעסט ניט אייער פֿליכט!
און גרייפֿט צו די הייליגע, מעכטיגע וואַפֿען,
וואָס פֿיהרען צו פֿרייהייט, צו ליכט!

די צוויפיסיגע חיה.

זאָגט מיר וואו בין איך, איך זעה ניט קיין מענשען,
צוויי פֿיסיגע חיה'לעך לויפען אַרום...
ניטאָ וואָס צו ליעבען, ניטאָ וואָס צו בענשען,
די וועלט איז אַזוי העסליך, די וועלט איז אזוי דום!

קוק, ווי מען רויבט דיינע שוועסטער און ברידער,
קוק, ווי מען טרייבט זיי צו זעלבסטמאָרד און מאָרד;
מען צאַפּט זיי דאָס בלוט. מען האַקט זיי די גלידער—
קוק, שלינג די טרערען... און זאָג נים קיין וואָרט!

און זאָגסטו אַ וואָרט, ווילסט זיין אַ גוטער,
פערטהיידיגען דעם שוואַכען אין קריעג!
דאַן זאָג „זיי געזונד", צו דיין אַלטינקער מוטער,
צו דיין פרוי און קינד... דו קומסט ניט צוריק!

דו קומסט נים צוריק, אויף דיר וואַרט שוין דער הײנקער!
צו פיהרען דיך אויף'ן טויטען־בריק!
דער לאָרבער־קראַנץ פון אַ פרייען דיינקער,
אין אונזער יאָהרהונדערט איז — קייטען און שטריק!

מענש! דו שטאָלצע צווייפיסיגע חיה!
מיט וואָס נעהמסטו זיך איבער? ערקלעהר נור דאָס מיר!
אַ יעדע פּיצינקע פויגעלע פרייע,
האָט דאָך מעהר יושר און ליעבע פון דיר!

קוק ווי פריי זי בויט זיך איהר נעסט,
ערנערט זיך פריי מיט איהר אייגענער קראַפט,
האָט נאַהרונג, אַ רוה־פּלאַץ אין שטורם, אין פרעסט,
און איז ביי קיינעם ניט פערשקלאַפט!

זי בעגעגענט די זונן מיט אַ זיסען געזאַנג,
שוועבט פרעהליך אין לופט אום, אַ גליקליכע, פרייע,
און ווייסט גאָר ניט ווי אומגליקליך, קראַנק
איז דאָרט אויף דער ערד די צווייפיסיגע חיה!

זי ווייסט ניט פֿון בלוטיגע מאָרד־קאַנאָנען;
זי ווייסט ניט פֿון קייטען, גאַלגאַן, אָסטראָג;
פֿון די פֿערפעסטעטע קירכען און טראָנען,
וואָס מאַכען נאַכט פֿון דעם ליכטיגען טאָג!

זי ווייסט גאָר ניט, אַז מיר מענשען האָבען
אַ ציוויליזאַציאָן, גאָר וואונדערבאַר!
זי קען טויזענדער מענשען בעגראָבען,
און דערביי ניט געבען אַ קרים זיך זאָגאַר!

זי האָט אויף יעדען טריט עשאַפֿאָטען,
אַן אָפֿענעם און געהיימען טיראַן—
דאָ ערמאָרדעט מען אונז דורך עלעקטרישע דראָטען,
דאָרט צורייסט אונז אויף שטיקער די אייזענבאַהן!

דאָ פֿערשיט מען אונז אין אַ קוילען־מינע,
דאָס פֿאַלט מען פֿון עלעווייטער אַראָפּ!
אין דער פֿרייער ציוויליזירטער מדינה
הייננט אויף אַ האָר אונזער אָרעמער קאָפּ!

ענטוויקלונג, פּראָגרעס! — דאָך, פֿויגעלע זיסע,
ווי איך זעה איז דיר אונבעקאַנט אונזער וועלט,
דו ווייכסט די ערד ווי אַ פֿינסטערע תּפיסה,
וואו די זונן איז מיט אייזערנע וואַנד פֿערשטעלט!

אַך, איך בין דיך מקנא, פֿויגעלע, פֿרייע!
זינג הויך! און זיי צופֿרידען דערפֿון,
וואָס דו ביזט ניט אַ בייזע צוויי־פֿיסיגע חיה,
וואָס שענדעט די פֿרייהייט, וואָס לאַכט פֿון דער זונן!

זינג הויך! און מיט דיינע פרייע ליעדער
דערמאָן דעם מענשען, אַז אויך ער קען זיין פריי!
דערוועק — דערוועק מיינע ליידענדע ברידער
פון דעם ביטערען שלאָף פון שקלאַפעריי!

פליה, פויגעלע, הויך! און מיט די פרייע פליגעל,
קלאַפּ אָן אין דעם פענסטער׳ל פון „דשוליעט",
וואו עס שמאַכטען מענשען אונטער שלאָס און ריגעל,
דערפאַר, ווייל זיי האָבען פאַר פרייהייט גערעדט!

גיב זיי אָב אַ גרוס פון אַן עלענדען זינגער,
וואָס דיינקט פון זיי אימער מיט טרערען און שמערץ —
פיליכט וועט זיי ווערען אַ ביסעלע גרינגער,
ווען זיי הערען אַ וואָרט פון אַ פרייען האַרץ!

פון פינסטערניש.

דאָס ליאַרמט איהר, אָרטהאָדאָקסען?
ווילט איהר, אַז דאָס יודענטהום
זאָל נור בעשטעהן פון אָקסען,
ווי איהר, אונוויסענד און דום?!

איהר ווילט מיר זאָלען זיך בוקען,
צו אייער פינסטערען גאָט,
און בויגען דעם קאָפּ און רוקען
פאַר יעדען פרומען אידיאָט!

איהר ווילט מיר זאָלען אַנטלויפען
ווי איהר פון ליכט און פערשטאַנד;
פאַר אַ סענט, לייב און זעעלע פערקויפען,
אַבי זיצען אין מזרח־וואַנד!

יעדע צייט האָט איהר נייע תורה—
אונזער תורה איז פרייהייט און רעכט:
און ביי אונז איז די גרעסטע עבירה
צו זיין אַ געהאָרכזאַמער קנעכט!

מיר האָבען אויך נייע פראָפעטען—
בערנע, לאַסאַל, קאַרל מאַרקס;
זיי וועלען פון גלות אונז רעטען,
ניט מיט פאַסטען און הייליגען וואַקס!

זיי זאָגען: איזראַעליטען!
אייער ליידען ועט נעהמען אַן ענד,
ווען טיראַנען און יעזואיטען
וועלען פאַלען פון שקלאַפענהענד!

ווען פרייהייט וועט צוגיסען
איהר הייליגעס ליכט אומעטום,
נור דאַן וועט פון צרות ניט וויסען
דאָס ליידענדע יודענטהום!

זיי רופֿען אונז אין די רייהען
פֿון די אַלוועלטליכע קנעכט,
וואָס קעמפפֿען די וועלט צו בעפֿרייען
און געבען איהר מענשענרעכט!

וואָס ווילען, אַז אַלע נאַציאָנען
זאָלען איין פֿאַמיליע זיין;
לעבען אָהן קייטען, אָהן טראָהנען,
אין ליעבע, אין זונענשיין.

די מענשהייט זאָל ניט וויסען
פֿון קיין אונטערשיעד;
א יעדער זאָל פֿרייהייט געניסען
סיי הייד, סיי קריסט, סיי איד!

א יעדער זאָל מענשליך לעבען
און וויסען וואָס לעבען בעטייט!
און ווער ווי דער איד דאַרף שטרעבען
צו דיזער הייליגער צייט!?

ווער האָט אַזוי ביטער געליטען,
ווי ער פֿון טיראַניי!?
פֿון די געקרויינטע באַנדיטען
און פֿינסטערער שקלאַפֿעריי!?

גענוג זיך בוקען צו געטער,
צו פֿאַפֿען, געלדזעק און טראָהן!
איד! דיין איינציגע רעטונג
איז די גרוסע רעוואָלוציאָן!

צו איהר, איזראַעליטען!
פֿאָרוועדטס, מיט האָפֿנונג און **מוטה!**
גענוג האָבען פּאַראַזיטען
געטרונקען אייער בלוט!

יעדע צייט האָט איהר נייע **תורה**—
אונזער תורה איז פֿרייהייט און **רעכט:**
און, ברידער, די גרעסטע עבירה
איז צו זיין געהאָרכזאַמע קנעכט!

צו די פילאזאפישע רעוואלוציאנערען.

גענוג שוין אייך שרייבען, גענוג שוין אייך **דרוקען,**
עס קריכט שוין פֿון האַלז אייער שוואַץ,
דער פֿיינד זיצט גאַנץ רוהיג אויף אונזער **רוקען**
און הערט אייך אַזוי ווי די קאַץ!

איהר זאָגט, איהר זייט **רעוואָלוציאָנערען**
און ליגט געבונדען מיט פֿלאַקס;
דיינקט איהר פֿילייכט דאָס סיסטעם **צושטערען**
מיט ציטאַטען פֿון קאַרל מאַרקס!

מיט שימפּפּעריין אויף אַנאַרכיסטען,
וואָס איהר האָט געלערנט געוויס
ביי שווינדלער, פּאָליטיקער, קאַפּיטאַליסטען,
וואָס טרעטען דאָס פּאָלק מיט די פּיס!

אָדער מיט דעם, וואָס איהר ווערט דערהויבען
דעם שקלאַפּענלוין אויף אַ סענט!
ווי לאַנג וועט איהר נאָך אין אַ חלום גלויבען
און האַלטען אין קעשענע די הענד!

אַ שטאַרקע קראַפט קען קיינמאָל בעזיעגען
אַ שטאַרקערע קראַפט, ניט וואַהר?
אָבער אַ טיגער זאָלען בייקומען פּליגען—
אין דעם קען נור גלויבען אַ נאַר!

איהר מעגט זיין ווי רייך מיט פּילאָזאָפּיע,
מיט הויכע קלינגענדע ווערטער,—
דער פּיינד וועט אייך פערניכטען ווי פּיה
מיט זיינע קאַנאָנען און שווערטער!

שטעל זיך מיט מוטה אין קעמפּפּענדע רייהען,
פּערשקלאַפּטער פּראָלעטאַריאַט!
ניט טויטע פּראַזען, — דיך קען בעפּרייען
אַ פּרייע לעבענדיגע טהאַט!

ניט נור שאַרפּע געדאַנקען, אויך שאַרפּע שפּיזען
פּאָדערט דער קאַמפּף פּון אונז היינט;
ניט ווי פּראַזעאָרען — ווי קעמפּפּער, ווי ריעזען
בעגעגענט אין שלאַכטפּעלד דעם פּיינד!

ווענדעט אָן אַלע קרעפֿטען אום נור צוברעכען
יעדע העסליכע שקלאַפֿענקייט;
מיט זיי פֿאַלט די מוטער פֿון אַלע פֿערברעכען—
דער שרעקליכער הונגער־נויט!

בלייבט אויף'ן שלאַכטפֿעלד ביז איהר וועט פֿערניכטען
דאָס סיסטעם פֿון „הערר און קנעכט״;—
נור דער ווער עס טהוט זיינע מענשען־פֿליכטען,
קען האָפֿען אויף מענשען־רעכט!

נור ניט מיט פוסטען פֿילאָזאָפֿירען,
ניט מיט ברודער־פֿרעסעריי
קען מען אויף'ן שלאַכט־פֿעלד פֿיהרען
דאָס פֿאָלק געגען טיראַניי!

קריכט אַרויס פֿון זומפּ, וואו עס ווערט פֿערפֿאַלען
דער ריינער געזונטער פֿערשטאַנד;
צו אַרבייט רופֿען די מאָרגען־שטראַהלען—
רייכט זיך ווי ברידער די האַנד!

גענוג מיט פערזענליכען שמוץ פֿערשוואַרצען
דער פֿרייהייטס היילינע פֿאָהן!
מענשען, מענשען, האָט גאָט אין האַרצען!
הויבט אָן ווירקליך עטוואָס צו טהאָן!

צוויי פאבעלס.

1.

דער קינסטלער און דער עזעל.

א קינסטלער האָט געמאַכט אַ **בילד**,
אַ קאָמישע עזעל־פיגורע,
עפּעס אַ חיה, דום און ווילד,
האָט דאָרט דערקענט איהר **צורה**.

—סטייטש! דאָס בין איך דאָך מיט **די ביינער!**
—שרייט דער עזעל — דאָס איז מיין **פּאָרטרעט!**
דער קינסטלער לאַכט... —ווער **ביזטו אַזוינער?**
—איך... אַן **עזעל־פּאָעט!**

II.

דער עזעל און דער זונען-שטראהל.

אמאָל האָט צו אַן עזעל אין שטאַל
דורכגעדרונגען אַ זונען-שטראַהל;
עס האָט דעם עזעל שטאַרק פֿערדראָסען,
וואָס דער שטראַהל האָט איהם מיט זיין ליכט פֿערגאָסען.

דער עזעל איז בייז. ער וואַרפֿט מיט די פֿים
און קלאַפּט מיט די אויערען... ער הירושעט אין שטאַל
און שפּרינגט אין דער הויך און וויל געבען אַ בים
זיין בלוטיגען פֿיינד — דעם זונען-שטראַהל.

דער זונען-שטראַהל, קלאָהר ווי אַ ריינער שפּיעגעל,
קוקט אויף'ן עזעל און דיינקט ביי זיך:
עס איז גוט, וואָס אַן עזעל האָט ניט קיין פֿליעגעל,
אַז ניט וואָלט ער פֿערשטירט מיט די לאַפּעם מיך!

פאלשע דיכטער.

עס איז אַ יחוס צו זיין אַ פּאָעט,
דאָך עס עקעלט, ווען מיט אייך אויף איין **ברעט**
שטעהט אַ נפש מיט צוויי געזיכטער
און ערקלעהרט: ער איז אויך אַ דיכטער!

היינט פּאַר אַ געבראָטענעם מיט קאַרטאָפּעל
לעקט ער דעם רייכען לומפּס פּאַנטאָפּעל;
מאָרגען פּאַר אַ גילדען לאָהן
שרייט ער: „עס לעבע די פרייהייטס-פּאָהן!"

דאָך וואָס געהט עס אָן דער וועלט,
וואו אַלץ פערקויפט זיך אָפען פּאַר געלד,—
מעגסט זיין אַ נפש אָהן עהרע, פּרינציפּ,
אַבי נור עס גראַמט זיך, ביסטו אונז ליעב!

צוויי מאַלער.

אַיין מאַלער האָט דעם „יאָמערטהאָל" בעשריבען
אונ האָט אַלס פאַרב בענוצט זיין בלוט אַליין;
מיט טרעהרען זיינען מענשען שטעהן געבליבען
פאַר זיין בילד, אַזוי הייליג־שעהן!

דעם צווייטען מאַלער האָט די זאַך פערדראָסען...
„וואַרט! איך וועל אייך וויזען, וואָס הייסט גוט!"—
אונ האָט אַ גאַנצען עמער צוגאָסען
ראָרט, וואו מען דאַרף איין טראָפען האַרצענס־בלוט.

דאָס בילד איז פאַרטיג... עס עקעלט פראָסט צום שטאַרבען!—
עס האָט קיין בלוט, עס האָט קיין לעבענס־קראַפט;—
אַ גאַנצער עמער מיט געמאַכטע פאַרבען
קען ניט פערבייטען איין טראָפען האַרצענס־זאַפט!

וואס זאגט איהר צו איהם.

„אַנאַרכיסטען, העצערס, שקצים!
ווייער מאָסט איז אַ שפּיאָן!
מיינט איהר, אַז ער פּריידיגט אומזיסט
אַ בלוטיגע רעוואָלוציאָן?

„ער ווערט פון דער רעגירונג בעצאָהלט
פאַר זיין „פּראָפּאַגאַנדאַ דער טהאַט";
איהר גלויבט מיר ניט? איך שווער: ס'איז אמת,
ווי איך בין סאָציאַל־דעמאָקראַט!

„זייער קראָפּאָטקין קען ווייניגער
פון אַ רוסישען גימנאַזיסט!
איהר לאַכט מיך אויס? נו, זייט איהר אויך
אַ פערדאַמטער אַנאַרכיסט!

„פון אויפהעצער, פון באָמבען־וואַרפער
קען דען אַרויסקומען עפּעס גוטס?
אונזער קעסטעלע, אונזער נעסטעלע,
פערוואַרפען זיי מיט שמוץ!

„זיי שרייען, אַז פּאָליטיקע
איז שווינדעל — אַ טוכלע איי!
ווי פיעל שטימעלעך, ווי פיעל שעפסעלעך,
האָבען מיר פערלוירען דורך זיי!

„די אַנאַרכיסטען... נור וואָס ריידען פֿון זיי!
וואו זיינען דען דאָ אַנאַרכיסטען?
אומעטום זיינען דאָ נור מיר:
פּאָליטישע טרייד־יוניאָניסטען!

„מיר האָבען גוט קאַרל מאַרקס אויסגעחזר'ט,
געשטודירט דעם אַרבייטערס לאַגע;
צוזאַמען מיט ליעבקנעכט האָבען מיר אויסגעחזר'ט
די סאָציאַלע פֿראַגע!

„מיר האַלטען איצט אין איין חזר'ן
די קלוגע פּאָליטיק;
ניט דינאַמיט — דאָס קעסטעלע
וועט אונז פֿיהרען צום זיעג!

„וויסענשאַפֿטליכע, פּראַקטישע קריבער
זיינען ביי אונז, ווי זאָגט דאָרט דער גוי:
(ענטשולדיגט מיר פֿאַר אַ פּאָניעם ווערטעל)
יאַ סאָמסקי! שאַפּקו דאָלוי!"

איך זעה שוין די צוקונפֿט די גאָלדענע,
וואו דער שטאַאַט וועט טראָגען די קרוין;
פּאָליציסטען סאָציאַליסטישע
וועלען אויף יעדען ווינקעל שטעהן.

פֿון פּרעזידענט, וואָס זיצט אויף'ן טראָהן,
ביז'ן שעריף, וואָס פֿערציהט די שטריק...
אַלע וועלען זיין סאָציאַליסטישע...
וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ גליק?

געזעץ און אָרדנונג הייליגע
וועלען מאַכען אונז אַלעמען גלאַט...
ברידער! אויף צום קעסטעלע—
וואָוט פֿאַר מיר — איך בין קאַנדידאַט!

אנארכיע I

א וועלט אָהן הערשער, אָהן קייטען, אָהן טרערען,
אַ וועלט פֿון ליעבע און האַרמאָניע,
וואו איינעמס גליק וועט דעם צווייטענס ניט שטערען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו קיינער וועט ניט רעגירען
איבער דעם אַנדערענס אַרבייט און מיה,
פֿריי וועט זיין יעדעס האַרץ און געהירען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו פֿרייהייט וועט יעדען בעגליקען,
דעם שוואַכען און שטאַרקען, דעם „ער" און „זי",
וואו „דיינס" און „מיינס" וועט קיינעם ניט דריקען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו ליעבע וועט ניט וויסען
פון שענדליכען האַנדעל, נייַן, פריי וועט זי
אויף אַ ליעבענדער ברוסט איהר גליק געניסען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו קירכען און סינאַגאָגען
וועט מען פערוואַנדלען אין שטאַלען פאַר פיה;
יעדען גאַלגאַן און קערקער אויף שטיקלאַך צוטראָגען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו קרוינען און מאָרד־אינסטרומענטען,
וועלען אויף די הורבות פון מאָנאַרכיע
שטעהן אַלס בלוטיגע שאַנד־מאָנומענטען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

אַ וועלט, וואו זונען־הויך וועט זיך ערהויבען
קונסט, וויסענשאַפט, אינדוסטריע;
אַ וועלט פון וויסען — ניט פון גלויבען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

געשעצט וועט זיין יעדעס מענשליכע וועזען
ווי די גאַנצע מענשהייט, הייליג ווי זי,
פרייהייט און ליעבע וועט אַלעס ערלעזען—
דאָס איז אַנאַרכיע!

צום ארבייטער.

די שווער עס זאָלען ניט זיין די וועגען,
וואָס פיהרען צו פרייהייט, וואָס פיהרען צום זיעג,
שטרענג אָן דיינע קרעפטען! אָהן מורא בעגעגען
דעם שטורם און פייער פון ביטערען קריעג!

אויף דיר וועלען בילען גראָבע בולדאָגען,
דער שונא וועט קריצען אויף דיר מיט די ציין,
יעדער אויסוואורף וועט א האַס אויף דיר טראָגען,
יעדער היפּאָקריט אויף דיר וואַרפען א שטיין!

מען וועט דיך פערלוימדען, דאָס בלוט פון דיר צאַפּען,
דער, פאַר וועמען דו קעמפּפסט, וועט דיך האַסען זאָגאַר,
די ביטערע נויט וועט אין טהיר צו דיר קלאַפּען,—
דאָך זיי א מענש אויך אין נויט און געפאַהר!

פערגעס ניט, ווי היילינ, ווי גרויס איז די זאַכע,
פאַר וועלכע דו קעמפּפסט! איהר היילינער זיעג
וועט ברייגגען פאַר אַלע עלענדע, שוואכע,
פאַר אַלע פערשקלאַפּטע פרייהייט און גליק!

פערגעס ניט! און לאָז דיין שטימע צוקלינגען
איבער דער גאַנצער ליידענדער ערד,
און נור דער טויט אַליין זאָל דיך צווינגען
אוועקלייגען דיין פאָהן און דיין שווערד!

ביי א טענעמענט הויז.

עס שטעהט אַ פֿרוי ביי אַ טענעמענט הויז,
זי וויינט און ברעכט די הענד;
דער רייכער לענדלאָרד וואַרפֿט זי אַרויס,
זי האָט ניט צו בעצאָהלען קיין רענט!

מען וואַרפֿט אַרויס איהר אָרעמעס גוטס,
זי שטעהט דערשלאָגען און בלאַס.
זי האָט קיין פֿריינד, זי האָט קיין שוץ,
איהר וואוינונג איז איצט די גאַס!

זי איז נאָך יונג, און דאָס עלענד, די נויטה,
ווער ווייסט צי וואָס ווער דאָס זי ברייגגען?!
פֿערקויפֿען די עהרע פֿאַר'ן שטיקעל ברויט,
טרינקען זיך, אָדער הייגגען?!

און וואַרום, וואַרום? איז אַרמוטה אַ זינד?
איז זי פֿון אַ שטיין געבאָרען?
האָט ניט די נאַטור פֿאַר איהר יעדען קינד
זונענשיין, לאַנד און קאָרן?

אויף דער נאַטור'ס גן עדן ווער האָט אַ רעכט
אויפֿצוהייגגען אַ שלאָס—
און זאָגען: איהר אַלע זייט בעטלער און קנעכט!
נור איך, נור איך בין באָס!

אונ פונ וואַנען שטאַמט דער טיטעל „לאָרד"?
ניט פונ אַ רויבער־באַנדע,
וואָס האָט איהר רייכטהום ערוואָרבען דורך מאָרד
אונ טויזענד־יאָהריגער שאַנדע?

אונ פונ וואַנען שטאַמט די „הייליגע" רענט?
זעלטען וועמען עס וואונדערט,
דאָס דער שענדליכסטער רויב איז אַנערקענט
אַלס אַ „רעכט" אין אונזער יאָהרהונדערט!

דאָך נאַרישער דיכטער, וואָס ביסטו אין **כעס!**
וואָס האָסטו אַזוינס געזעהן!
מען וואַרפט אַרוים אַ פרוי אויפ'ן **גאַס...**
דאָס טהוט זעהר אָפט געשעהן!

מענשען געהען קאַלטבלוטיג פערביי...
מענשען... וואָס זאָג איך, אָ ניין!
ברואים! וואָס זיינען נור ווערט אַ שפּיי,
אָדער אַ גוטען שטיין!

געשענדעטע שוועסטער, פערהונגערטע **ברידער—**
מאָרד! וואָס געהט זיי אָן!
מיט לויבגעזאַנגען קניען זיי ניעדער
פאַר שווינדלער, געלדזעק, **אונ** טראָהן!

אונ ווען **עס** קומט אַ קעמפּפער, אַ **דיינקער**
זיי וועקען פונ שענדליכען שלאָף,
שלעפּען זיי איהם צום בלוטיגען היינקער
אונ שרייען: הייגגט איהם אויף!

איך שטעה פערטראַכט ביים טענעמענט הויז,—
די עלענדע פרוי, זי וויינט...
די שמוציגע לויפערס לאַכען זי אויס,—
זיי זיינען דערצו שוין געוואוינט!

און דאַרט ניט וויט ראָלען קאַרעטען,
עס גלאַנצט דער רייכער פּאַלאַסט!
אַ פרייהייטס קאַמפּף! ווען ועסטו אונז רעטען
פון דיזען שענדליכען קאָנטראַסט!

ווען קומט איהר, אַ הייליגע מינוטען!
ווען אויף יעדען שריט און טריט
וועט דאָס מענשליכע האַרץ ניט בלוטען,
ניט זינגען קיין טרערען-ליעד?!

דער פאל פון דער באסטיליע.

הערט ווי עס דונערט, עס שטורמט און קראַכט—
דאָס פּאַלט די באַסטיליע, די שרעקליכע מאַכט
פון פראַנקרייך'ס געקרוינטע באַנדיטען.
דאָס פּאַלט די באַסטיליע, די בלוטיגע ווענד,
וואו יעדער שטיין איז אַן עדות, אַ וועלט מאָנומענט
פאַר די, וואָס האָבען פאַר פרייהייט געליטען.

אין ווילדער פֿערצווייפֿלונג, אין בלוט און אין פֿלאַמען
שטעהען די ליידענדע שקלאַפֿען צוזאַמען—
די קינדער פֿון הונגער און נויטה.
זיי ברעכען דעם טראָהן פֿון די הערשענדע הײנקער
דעם פֿינסטערען קערקער פֿון מענשליכע דיינקער—
דעם גיהנום פֿון שרעקען און טויט.

עס האָט שוין געשלאָגען די שטונדע פֿון ראַכע,
ווען שוואַך זיינען די שטאַרקע און שטאַרק זיינען די שוואַכע
אין זייער גערעכטען צאָרן.
עס פֿאַלט די באַסטיליע, עס שטורמט און קראַכט:
דאָס פֿאָלק האָט ערקענט זיין געוואַלטיגע מאַכט.
טיראַנען איהר זייט איצט פֿערלאָרען!

איהר קענט מעהר ניט שיסען אין פֿאָלק מיט קאַנאָנען,
און זיצען זיך רוהיג אין גאָלדענע טראָהנען,
און טרינקען דאָס בלוט פֿון דעם פֿאָלק.
איהר מוזט פֿון די רייכע פּאַלאַסטען אַנטלויפֿען;
פֿאַר געלד וועט איהר איצט מעהר קיין שקלאַפֿען ניט קויפֿען
שווינדלער האָבען דאָ מעהר קיין ערפֿאָלג!

עס ליגט אין רואינען דער פֿינסטערער טהורם—
און יעצט הויבט זיך אויף אַ געוואַלטיגער שטורם
אויף דער שוואַרצער באַסטיליע פֿון דער וועלט!
דאָרט, וואו אַ ברודער ערמאָרדעט דעם צווייטען,
דריקט איהם, בערויבט איהם און שליסט איהם אין קייטען,
פֿערקויפֿט איהם פֿאַר לוקסוס און געלד.

און די הייליגסטע פליכט פון מענשליכע פליכטען—
אָה, פאָלק! — איז צו ברעכען, פערברענען, פערניכטען
די שוואַרצע באַסטיליע פון דער ערד!
דערוועק דאָך דיין גייסט, דיין קראַפט, דיין צאָרן—
דער מענש איז פאַר ליעבע, פאַר פרייהייט געבאָרען—
פאָרווערטס מיט פלאַם און מיט שווערד!

פאָרווערטס אין קאַמפף, מיט געוואַלטיגען שטורם,
שטירצט די באַסטיליע פון פינסטערען טהורם,
לאָז פרייהייט בעלייכטען די ערד!

מערץ בילדער.

פון שרעקליכען קאַמפף, פון בלוטיגען קריעג
איז רויט דער מאָנאַט מערץ.
א בלוטיגער פאַל, אַ בלוטיגער זיעג—
עס בלוטעט דאָס מענשליכע האַרץ.

פראַנקרייך! דו שעהנעס, דו פלאַמענדעס האַרץ
פון אַלע רעוואָלוציאָנען!
מיט דיין מוטה איז געקרוינט דער מאָנאַט מערץ—
עס הילכט מיט דיינע קאַנאָנען.

פאַריזער קאָמונע! דיין געטליכעס בילד
רופט פאַר די טויטע נאָך ראַכע;
און זיינען די טיראַנען נאָך אַזוי ווילד,
דאָך לעבט דיין הייליגע זאַכע!

עס לעבט דיין פייער, דיין הייליגער גייסט
פאַר נייע און בליהענדע דורות,
צושמעטערט די קערקערס, די קייטען צורייסט
און ברייננגט אונז דערקוויקענדע פירות.

און עס וועט נאָך קומען אַ געוואַלטיגער מערץ—
די מענשהייט קען איהם ניט פערמיידען,
ווען דאָס בעפרייטע, דאָס מענשליכע האַרץ
בעצאָהלט פאַר זיינע אייביגע ליידען.

עס פאַלען נאָך פיעלע, נאָך פיעלע קרבנות
אין קאַמפף פאַר פרייהייט און רעכט.
און אַזוי ווי דער הערשער האָט איצט קיין רחמנות,
וועט אויך עס ניט האָבען דער קנעכט!

דאָך וועט אַם ענדע גערעכטיגקייט זיעגען:
פערגעסען ווערט פולווער און בליי;
פערגעסען די בלוטיגע, שענדליכע קריעגען—
דער מענש וועט זיין מענשליך און פריי...

דער 13־טער מערץ.

רוסלאַנד! אונגליקליכעס, פינסטערעס לאַנד
פון אייביגען טרויער און שמערץ!
דעם טיראַן האָט געשטירצט דיין מעכטיגע האַנד
אין דעם רויטען מאָנאַט מערץ!

מיט אַ שענדליכען טויט איז געפאַלען דיין היינקער,
און די ירושה צום זוהן
איז מאָרד געווען פאַר קעמפפער און דיינקער,
פאַר אַלע שונאים פון בלוטיגען טהראָן.

רוסישע קעמפפער פאַר ליעבע און פרייהייט!
ווער האָט אין קאַמפף פאַר זיין פאָלק
געצייגט אַזאַ אייזערנעם מוטה, אַזאַ טרייהייט,
ווען האָט מען אַזוי בייז פערפאָלגט!

זייער בלוט ווערט געטרונקען פון יעדען וואַמפיר;
מען פערשטיקט זייער וואָרט און געשריי
אין שוואַרצען קערקער, אין וויסטען סיביר,
געמאַטערט, בעגראָבען אין שניי...

דאָך פרייהייט פערניכטען מיט דעם עשאַפאָט,
איז, טיראַנען! אַ ביטערער טעות—
עס קלאַפּט שוין אין טהיר צום צאַר־אידיאָט
דער בלוטיגער מלאך־המות!

און ניט אייביג בלייבט רוסלאַנד אָהן פֿרייהייט און רעכט;
די מענשהייט וועט נאָך זעהען
ווי עס בעפֿרייט זיך דער רוסישער קנעכט
און די פֿרייע פֿאָהנען וועהען!

ברידער און שוועסטער! דעם דיכטערס פֿערלאַנגען
איז אַ שעהנער, אַ בליהענדער מערץ;
אָהן בלוטיגען קאַמפף, מיט די זיסע געזאַנגען,
וואָס דערפֿרעהען דאָס מענשליכע האַרץ!

אַ בליהענדער מערץ מיט ליעבע און פֿריעדען,
מיט בלומען און זונענשיין,
וואו אַלע מענשען גליקליך, צופֿריעדען
וועלען אַ פֿרייע פֿאַמיליע זיין...

דער קומענדער שטורם.

איך בין אַ הייסער רעוואָלוציאָנער,
פֿערהאַסט איז מיר געלדזאַק און טראָהן;
דאָך בליצט אין מיינע אויגען אַ טרעהר,
ווען איך קלעהר פֿון רעוואָלוציאָן.

איך בעזינג זי ניט מיט טרומפייטען-קלאַנג,—
איך בעדויער מיט טרעהרען די צייט
אין וועלכער דער מענש, דער פערשקלאַפטער געדאַנק,
קען זיין דורכ'ן שווערד נור בעפרייט!

און ווען נור איך בלעטער די וועלט-געשיכטע
און טראַכט זיך אין איהר איין גוט,
זעה איך פון איהרע אמת'ע בעריכטען,—
יעדע פיצעלע פרייהייט קאָסט בלוט.

מיר זיינען אויף איין האָר ניט פאָרגעשריטען
אין פרייהייט און הומאַניטעט,
מיר האָבען נור שטאָהל אויף פולווער פערביטען
און שטריק — אויף עלעקטריציטעט!

מיר האָבען אויף יעדער זאַך אַ מאַשינע,
מיר טוטען מיט וויסענשאַפט;
די וועלט איז, ווי תמיד, אַ בלוטיגע ביהנע,
דער עהרליכער מענש איז אַ שקלאַף.

וואָס ווייסט ער פון ליעבע, וואָס ווייסט ער פון לעבען?
וואָס האָט ער פון דער נאַטור?
זי האָט איהם אַן איידעלעס הארץ געגעבען—
צו פיהלען די וועהטאָגען נור!

ווער וועט איהם העלפען? וואָס וועט איהם רעטען?
ווערטער? — עס הויבט זיך ניט אָן!
מאַכען פלאַץ פאַר דער פרייהייטס-געטין
קען נור די רעוואָלוציאָן!

פֿריינד! איך בעוויין איהרע יונגע אלמנות,
איהר רױשענדען, בלוטיגען מעער;
ווער ס'פֿערמאָגט נור אַ פֿונק פֿון רחמנות
קען נישט דיינקען פֿון איהר אָהן אַ טרעהר.

דאָך דער שטורם מוז קומען — עס העלפֿען קיין טרערען!
איהם פֿערהאַלטען האָט קיינער קיין מאַכט!
ער וועט מיט זיין אייזערנער קראַפֿט צושטערען
די, וואָס האָבען אויף דער וועלט איהם געבראַכט.

דאָס זיינען די, וועלכע עס האָבען געשטיקט אונז,
גערויבט אונזער פֿרייהייט און ברויט,
געזעצט אונז אין תפיסות, געפייניגט, געדריקט אונז,
געשמידט אונז אין אייזען און קייט.

ער וועט צושטערען טיראַנען און טראָהנען
און אויף די רואינען פֿון שאַנד,
פֿון קייטען, פֿון טורמעס, פֿון מאָרד־קאַנאָנען
וועלען מיר בויען אַ פֿרייעס לאַנד!

אַ רייכען גן־עדן, אַ הייליגען טעמפעל
פֿון ליעבע, פֿון פֿרייהייט, פֿון גליק,
וואו אויף אַלעס וועט ליגען דער גייסטיגער שטעמפעל
פֿון וואַרהייט'ס אייביגען זיעג!

דער 11־טער נאָוועמבער.

עס פֿלאַטערען ווידער די בלוט־רויטע פֿאָהנען!
עס קלינגט דער פֿרייהייטס הייליגע שטים!
נאָך אַמאָל וועט מען דעם פֿאָלק דערמאָנען
די קעמפֿפֿער, וואָס לעבען און שטאַרבען פֿאַר איהם!

אין דער וועלט־געשיכטע וועלען מיר ווידער
אויפֿמישען דאָס מאַרטירער־בלאַט,
וואָס איז פֿריש נאָך מיט בלוט פֿון אונזערע ברידער,
ערמאָרדעט פֿון געלדזאַק, קירכע און שטאַאַט!

פֿינף גייסטער פֿערבלוטיגטע וועלען שוועבען
אויף דער פֿאָלקס־טריבונע צווישען ליידענדע קנעכט;
און וועלען אונז מוטה אונבעזיגבאַרען געבען
צו לעבען און שטאַרבען פֿאַר פֿרייהייט און רעכט!

זיי וועלען עראינערען אונז די צואה,
וואָס זיי האָבען דעם אַרבייטער פֿאָלק געלאָזט:
„קעמפֿפֿ פֿאַר דיין פֿרייהייט! קיין שום חיה רעה
דאַרף דיך ניט פֿערטרייבען פֿון הייליגען פּאָסט!"

„ניט שרעקט זיך פֿאַר היינקער מיט זייער תליה!
קעמפֿפֿט און קלינגט אין פֿרייהייטס־גלאָק!
און זייט די אַל־וועלטליכע שקלאַפֿען מודיע,
אַז עס גערהט אויף שוין דער בעפֿרייאונגס־טאָג!"

און אויףביידע ברעגען פֿון גרויסען אַטלאַנט
וועלען די שקלאַפֿען פֿון אַלע נאַציאָנען
זיך רייכען פֿריינדליך די ברודער־האַנד
און שווערען צו פֿערניכטען קייטען און טראָהנען...

שפּאַניען.

שפּאַניען! דו צופֿוילטער טראָהן
פֿון דער בלוטיגער אינקוויזיציאָן!
דיין פֿאָלק איז פֿערשקלאַפֿט, בערויבט און געטראָטען,
און יעצט עס דערהויבט זיין טרערען־שטים,
ווילסטו מיט מאָרד, מיט בלוט, עשאַפֿאָטען,
דערשטיקען איהם?!

דומע טיראַנען! די אינקוויזיציאָן
מיט איהר גאַראָטען אין פֿינסטערען טורם
וועלען ניט טויטען די רעוואָלוציאָן,—
איהר זייט די וואָלקענס, זי איז דער שטורם!

זי קומט, די טאָכטער פֿון ראַכע און צאָרן,
עס האָבען די טרערען פֿון פֿאָלק זי געבאָרען,
און דעם אַרבייטער׳ס ברענענדע וואונדען
איהר רויטען פֿאַקעל אָנגעצונדען!

זי קומט! און וועה צו אייך, דעספּאָטען!
איהר האָט דאָס פֿאָלק גערויבט און געטראָטען,
איהר האָט מיט מאָרד, מיט תפיסות, גאַראָטען,
דערשטיקען געוואָלט דעם פֿרייען גייסט!—
ווען דער שקלאַף זיינע קייטען צורייסט,
צוברעכט ער אויך אייערע טראָהנען!
איהר מאַכער פֿון אינקוויזיציאָנען!
שטויב וועט פֿון אייך ווערען, דאָך וועט'ן אייך דערמאָנען,
דערמאָנען אַלס מערדער, אַלס בלוטיגע היינקער,
וואָס האָבען געשטיקט יעדען עהרליכען דיינקער,
יעדען פֿריינד פֿון פֿרייהייט, ווי טיגערס פֿערפֿאָלגט,
ווייל ער האָט געליעבט דאָס ליידענדע פֿאָלק!
דאָך די, וועלכע איהר האָט געשטיקט און געוואָרגען,
זיי וועלען ווי אַ ליכטיגער מאָרגען
שיינען אין דער קומענדער צייט,
ווען אַלעס און יעדער וועט זיין בעפֿרייט!

*
* *

פֿאָרווערטס, איהר קעמפּפֿער פֿאַר אַנאַרכיע!
ווי שעהן, ווי גרויס, ווי הייליג איז זי,
די געטין פֿון פֿרייהייט! עס האָט ניט קיין שיעור,
ווי זיס איז צו לעבען און שטאַרבען פֿאַר איהר!

שרעקליכע געסט.

עס איז שפעט אין דער נאַכט, כ'האָב מיין ספר פערמאַכט
און זיך פערטראַכט ביי דעם פענסטער;
אַ שרעקליכער חושך; קיין לבנה, קיין שטערן...
פלוצלינג זעה איך, ווי ווייסע געשפענסטער

קומען גאַנץ שטיל אין מיין צימער אַריין
און זעצען זיך שוויינענד אַנידער;—
עס האָט מיך בעגאָסען אַ קאַלטער שוויים,
צוציטערט אין מיר אַלע גלידער.

געבליצט האָבען זייערע אויגען, אַזוי ווי
עס וואָלט דאָרט אַ פייער געברענט;
עס האָבען פערבלוטיגטע קייטען געהאַנגען
אויף זיי'רע פערוואונדעטע הענד.

איך האָב מיט טרערען און מורא געלייענט
אויף יעדען'ס בלאַסען געזיכט:
„מיר ווערען געשענדעט! מיר ווערען געמאָרדעט
פאַר ליעבע צו פרייהייט און ליכט!"

„ווילדע פערצווייפלונג! הייליגע ליעבע!
שמערצען אָהן אַ צאָהל!"—
עס האָט זיך, ווי פון אַ טיעפען קבר
געהערט זייער ריהרענדער קול:—

„ברודער! צי האָסטו אונז גאָרניט דערקענט?
מיר זיינען געקומען צו דיר
פון דיין פערשקלאַפּטער, פערבלוטיגטער היימאַטה,
פון רוסלאַנד, פון וויסטען סיביר!

„דאָס אייז און דער שנעע פון סיביר ווערט צוגאַנגען
פון אונזערע טרערען און בלוט;
דאָך לויפען מיר ניט פון דעם בלוטיגען שלאַכטפעלד
און קעמפפען מיט גלויבען און מוטה!

„מיר ווערען געשענדעט, מיר ווערען געמאָרדעט,
ווי חיות ווי ווילדע פערפאָלגט;
און אַלץ נור דערפאַר, ווייל מיר פאָדערען פרייהייט
און ליכט פאַר דעם ליידענדען פאָלק.

„מען שמידט אונז אין קייטען, אין פינסטערע תפיסות
בעגראָבט מען אונז לעבעדיגערהייט;
זעלבסטמאָרד איז דאָרט אונזער איינציגע רעטונג,
דאָך רויבט מען פון אונז אויך דעם טויט.

„פערלען און בלומען פון דער דיינקענדער מענשהייט,
עדעלקייט, בילדונג, טאַלאַנט,
וואָס אין לענדער אין פרייע בעדעקט מען מיט קראַנצען,
ווערען בעדעקט דאָ מיט שאַנד!

„אָה, מענשען! זיינען מיר דען אַלע ניט ברידער?
איז די גאַנצע וועלט ניט איין לאַנד?
קען דען אַ מענש פון אַ מענשען צושיידען
דעם היינקער'ס בלוטיגע האַנד?!

„אָה, ניין! — הויבט אויף אַלע איין מעכטיגע שטימע!
פֿון אמת דאָס פֿלאַמענדע וואָרט!
מוטהיג קעמפּפֿט מיט ווערטער און טהאַטען
געגען שרעקליכען ברודער־מאָרד!

„דאָס בלוט פֿון אייערע שוועסטער און ברידער,
אין זייער פֿערצווייפֿלונגס־געשריי,
רופֿט אייך: „צום קאַמפּף! צו גערעכטיגער ראַכע!"—
ברידער! פֿערגעסט ניט אָן זיי!

„דיינקט אָן די רוסישע יונגע מאַרטירער,
וואָס בלוטען מיט טויזענדע וואונדען!—"
....
קלינגענד מיט די קייטען זיינען די געשפּענסטער
אין שוואַרצען נאַכט־חשך פֿערשוואונדען.

סאפיא פעראווסקאיא.

(געווידמעט מיין שוועסטער שרה עדעלשטאַדט.)

דאָס איז געווען אַ פרוי! זעלטען זיינען פרויען
אַזוי בראַוו און נאָבעל, אַזוי גייסטיג וואונדערשעהן.
זי איז געווען בערופען דעם פרייהייטס-טעמפעל בויען
און מיט איהר בלוט האָט זי געפאַרבט זיין שטיין!

דאָס איז געווען אַ פרוי! דרייסטער פון אַ מאַן
האָט זי געקעמפפט פאַר פרייהייט און פאַר רעכט!
זי האָט געהאַמערט דעם זאַרג פאַר'ן טיראַן
און האָט געריסען די קייטען פון די קנעכט!

איהר פאָטער האָט זיין שעהנעם קינד ערצויגען
צווישען רייכטהום, בלומען און מוזיק;
איהר יוגענד, ווי אַ העלער רעגענבויגען,
האָט געשיינט מיט ליעבע און מיט גליק.

עס פלעגען שטונדען, ווי זיסע שטראָמען, פליסען
אין פרייד, אויף בעלער, ביז אַ נייער טאָג
האָט זי ערוועקט פון איהר טרוים דעם זיסען,
ווי דער קלאַנג פון אַ שטורם-גלאָק!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און מיט ווילדען צאָרען
  אַראָבגעריסען פון קאָפּ איהר בלומענקרוין;
טרייהייט האָט זי דעם אָרעמען פאָלק געשוואָרען;
  קעמפּפען, לעבען, נור פאַר איהם אַליין!

זי האָט פערלאָזען די וועלט פון רייבע[illegible]ראַפּען,
  אין פּראָסטע לאַפּטשעס און אַ סאַראַפאַן
איז זי אַוועק צו אונטערדריקטע שקלאַפען
  פריידיגען האַס צו יעדען טיראַן.

זי איז אַוועק צו די, וואָס אַק'רען, זעען, שניידען
  פאַר אונז דאָס ברויט מיט זייער שוויים און בלוט
און אַליין נור קעלט און הונגער ליידען
  און שטעהען פאַר זייער רויבער אָהן אַ הוט.

צו זיי האָט זי געבראַכט די פרייהייטס־לעהרע
  און האָט מיט טרערען דערלאַנגט דעם פאָלק איהר האַנד.
זי האָט אין איהם געוועקט זיין מענשען־עהרע,
  גערופען איהם צום קאַמפף, צום ווידערשטאַנד!

אַוועק זיינען יאָהרען און זי האָט פערשטאַנען
  אַז דאָס וואָרט איז שוואַך, עס האָט קיין ווערטה
אין דעם קאַמפף מיט הערצלאָזע טיראַנען;
  און זי נעהמט אין האַנד די פרייהייטס־שווערד!

זי קעמפפט און גראָבט אַ טיעפען שוואַרצען קבר
  פאַר דעם טיראַן אין גאָלדענעם פּאַלאַסט.—
ווער האָט, ווי זי, די טיראַניי געהאַסט
  מיט יעדען טראָפּען בלוט, מיט יעדען אבר?
....

און צום סוף איז דער ראַכע־טאָג געקומען,
פּעראָווסקאַיאַ הויבט אויף איהר ווייסע טוך...
אַ באָמבע דונערט... און אין בלוט פערשוואומען,
שטירצט דער טיראַן, פאַלט מיט אַ ווילדען פלוך!

....

ס'האָבען זי דערוואָרגען די געקרוינטע הייקער,
דאָך לעבט איהר גייסט און ווירקט נאָך איצט,
פון הערצער איידעלע און פון פרייע דיינקער
געליעבט, געאַכטעט, בעוואונדערט און געשעצט.

זי שוועבט פאַר מיר, די געטין וואונדערשעהנע!
בעצויבערענד, ענטשלאָסען, מילד און דרייסט,
און זי דערפילט מיין האַרץ מיט פערעל ריינע,
און בעפליגעלט מיין פערשקלאַפטען גייסט!

איך הער איהר שטימע: „עס שרעקט מיך ניט דאָס הייגען
ליעבע מוטער! מיט מיין טויט אַצינד
וועל איך מעהר דער פרייהייט נוצען בריינגען,
ווי מיט מיין לעבען! פערגיב דיין אָרעמען קינד!"

אָה, זיסע ווערטער! אָה, הייליגעס געזיכט!
לאָז יעדער מענש דיך אין זיין האַרץ פערשליסען
און, ווי די פריהלינגס־זונן, וועסט דו זיין וועג בעגיסען
מיט בלומענדופט און וואונדערבאַרען ליכט!

לואיזע מישעל.

צװאָרפֿען די גלענצענדע לאָקען,
מיט מעכטיגען שװערד אין דער האַנד,
האָט זי געקעמפֿט אונערשראָקען
געגען דער שקלאַפֿענשאַנד!

מיט אַ מוטה אַ װאונדערבאַרען,
האָט זי געבויט באַריקאַדען
און האָט די ביקסען געלאָדען
פֿאַר די קעמפֿענדע קאָמונאַרען.

צװישען דונערנדע קאַנאָנען,
אין פֿייער פֿון פולװער און בליי,
האָט זי געשטורמט די טראָהנען
פֿון דער הערשענדער טיראַניי!

פֿון דער בלוטיגער שלאַכטפֿעלד־טריבונע
מיט דעם שטאָלצען פֿאָלק פֿון פּאַריז
האָט זי פּראָקלאַמירט די קאָמונע,
דעם פֿרייהייטס־פּאַראַדיז!

דאָך ניט לאַנג האָבען רויטע פֿאָהנען
געפֿלאַטערט אין פֿרייען פּאַריז;
דער פֿיינד איז מיט מאָרד־קאַנאָנען
בעפֿאַלען דעם טרוימענדען ריעז!

עס פֿאַלט די קאָמונע... זי בלוטיגט;
דאָך ווייט איז דער פֿיינד פֿון ערפֿאָלג;
דער פֿרייהייטס-גייסט האָט זיך מוטהיג
דערהויבען צום ליידענדען פֿאָלק;—

און טויזענדע בראַווע קאַמעראַדען,
וואָס זיינען געוואָרען געשטירצט
אין קאַמפּף און די באַריקאַדען
מיט הייליגען בלוט בעשפריצט,

לעבען נאָך איצט — און „נאָך ראַכע!"
רופֿט זייער שטימע מיט מאַכט;
זי רופֿט פֿאַר דער הייליגער זאַכע
צום לעצטען, צום בלוטיגען שלאַכט!

לואיזע מישעל איז געבליבען
צו קעמפּפֿען פֿאַר פֿרייהייט און רעכט,
צו האַסען טיראַנען און ליעבען
די עלענדע ליידענדע קנעכט.

זי פֿריידיגט אונערשראָקען:
„פֿרייהייט, גלייכהייט און ליכט"
און ציהט די אַלאַרם-גלאָקען
און וועקט אונז צו טהאָן אונזער פֿליכט!

פֿון דער הייליגער פֿאָלקס-טריבונע,
פֿון ווילדע טיראַנען פֿערפֿאָלגט,
שרייט זי: „עס לעבע די קאָמונע!
עס לעבע דאָס אַרבייטער-פֿאָלק!"

דזשאן בראון.

געקרוינט מיט בלומען איז וואשינגטאן,
דער פאטריאטישער זעלנער,
און דער פרייהייטס-קעמפפער דזשאן בראון?—
ער בלוטעט אין גיפטיגע דערנער!

דער גאלגאן איז די קרוין פון דעם העלד
פון אמעריקאנער געשיכטע;
ער האט געזועט אויף'ן גייסטיגען פעלד
דער פרייהייט'ס הייליגע פריכטע.

עס האט געברענט אין זיין ליעבענדען הארצען
דער האס צו שקלאפען-שאנד;
ער האט דער ערשטער דעם קנעכט דעם שווארצען
דערלאנגט זיין ברודער-האנד.

ער האט מיט זיין פלאמענדער שטימע פערקינדיגט,
אז יעדער מענש מוז זיין פריי;
ער האט מיט זיין ליעבע צו פרייהייט געזינדיגט
נעגען דער טיראניי.

מען האט איהם געפאנגען, מען האט איהם דערווארגען;
דאך באלד נאך זיין העלדישען טויט
איז אויפגעגאנגען דער גאלדענער מארגען,—
געפאלען דעם ניגערס קייט.

פֿאַרביי זיינען יאָהרען... מען האָט ערפֿונדען
אַ נייע שקלאַפֿען־נעץ,
און איצט זיינען מיר אַלע געבונדען
פֿון אָרדנונג און געזעץ...

צוזאַמען מיט אונזער ברודער דעם שוואַרצען
זיינען מיר פֿערקויפֿטע קנעכט;
דאָך לעבט דשאָן בראון אין אונזער האַרצען,—
דער גייסט פֿון פֿרייהייט און רעכט!

ער איז דעם קעמפֿפֿענדען אַרבייטער ליעב
אַלס אַ וואַהרער אַמעריקאַנער,
וואָס האָט געקעמפֿפֿט פֿאַר זיין פֿרייהייטס פּרינציפּ,
געשטאָרבען אין האַנד מיט זיין באַנער!

ער האָט אונז געצייגט, אַז פֿאַלען און שטאַרבען
מוז די שקלאַפֿעריי,
אַז פֿעלקער פֿון אַלע ראַסען און פֿאַרבען
מוזען און וועלען זיין פֿריי!

אלבערט פארסאנס.

„לאָז די שטימע פון פאָלק געהערט ווערען !“
(א. פּאַרסאָנס.)

ער איז ווי אַ מעכטיגער אייכענבוים
געשטאַנען אין שטורם־ווינד!
די פאָלקס־טריבונע איז געוועזן זיין הוים,
דאָס פאָלק — זיין ליעבלינג, זיין קינד!

קיינער האָט, ווי ער, ניט פערשטאַנען
אַזוי גוט דעם גייסט פון פאָלק,
קיינעם האָבען ניט ווילדע טיראַנען
אַזוי אונערבאַרמליך פערפאָלגט.

ער האָט צום פאָלק אין זיין שפּראַך גערעדט,
בענוצט פאַר איהם פערשטענדיגע וואַפען;
ער איז געוועזן אַ קעמפּפער, אַ פרייהייטס פּראָפעט
פון די ווייסע און שוואַרצע שקלאַפען!

ער האָט די שקלאַפען־וועלט בערייזט
און מיט טרערען בענעצט איהרע קייטען!
איבעראַל פלעגט זיין פרייער גייסט
די שטאָלצע פליגעל פערשפּרייטען!—

צווישען שטיינבּרעכער, שמידען און וועבער,
אין יעדער שקלאַפֿען־געצעלט ;—
ער האָט אין די מינען פֿון קוילענגרעבער
זיין פֿרייע טריבונע געשטעלט!

אונטערן אָפֿענעם הימעל, אין רעגען און פֿרעסט
האָט ער די פֿרייהייט געפּריידיגט!
און מיט זיין דונערנדען פּראָטעסט
די ליידענדע שקלאַפֿען פֿערטהיידיגט!

ער איז געווען מאַראַט אין די פֿלאַמענדע רעדעס,
און ספּאַרטאַקוּס אין ווידערשטאַנד!
אַ מאַן פֿון פֿאָלק, אַ שטענדיגער עדות
פֿון'ם אַרבּייטערס טרערען און שאַנד!

פֿאַר זיין גייסטיגען אויג האָט תמיד געשוועבט
די גרויסע רעוואָלוציאָן ;
ער האָט מיט איהר געאָטהעמט, געלעבט,
מיט זיין בּלוט געפֿאַרבּט איהר פֿאָהן!

ער האָט אין דעם קלאַנג פֿון קייטען געהערט
דעם קרעכץ פֿון פֿערוואונדעטער פֿרייהייט,
צובּלוטיגט פֿון דעם שונא'ס שווערד,
געשענדעט פֿון מענשליכער נאַרהייט!

זיין האַרץ איז געווען אַן אָפֿען הייליג בּוך
פֿון אַן ערנסטען קעמפּפֿער און דיינקער—
ווי בּיטער, ווי גרויזאַם דאַרף זיין אונזער פֿלוך
צו זיינע פֿערפֿאָלגער און הייּנקער!

* * *

פֿאָלק! ער האָט דיך געליעבט אָהן אַ שיעור,
מעהר ווי זיך, ווי זיין פֿרוי און קינד!
ער האָט געלעבט און געשטאָרבען פֿאַר דיר —
ענדיג זיין אַרבייט אַצינד! —

לואיס לינג.

ער שטעהט פֿאַר מיר אין אַ שטראָם פֿון ליכט
אויף דער וועלט'ס פֿערבלוטיגטער ביהנע;
עס רוהט אויף זיין וואונדער־שעהנעם געזיכט
דער פֿרייהייט'ס הייליגע שכינה.

יונג און קרעפֿטיג, אין שוואַרצע לאָקען,
מיט אַ שאַרפֿען אָדלער־בליק;
ווי ברוטוס שטאָלץ און אונערשראָקען
איז ער געווען אין פֿרייהייטס־קריעג!

אין קאַמפף — אַ לייב; אין זיין העלדען־ברוסט
האָט אַ בלומען־האַרץ געשלאָגען,
וואָס האָט מיט דער הייליגסטער ליעבע געוואוסט
צו ליעבען אַלץ, וואָס איז שעהן און ערהאבען!

ווי מעכטיג האָט געדונערט זיין שטימע,
געבראַנדמאַרקט דעם פאַלשען געריכט!
וואָס פאַר וואַהרהייטען ביטערע, שלימע,
געשליידערט דעם פיינד אין געזיכט!—

„טיראַנען! איך האַס אייך מיט אייער געזעץ,
מיט די פינסטערע סטאַטוטען!
וואָס פאַנגען דאָס אָרעמע פאָלק אין נעץ
און צווינגען איהם ליידען און בלוטען!

„איך זאָג אייך אָפען: איך גלויב אין קראַפט,
אין קראַפט פון די אַרבייטער־רייהען!
געוואַלד האָט אונזער וועלט פערשקלאַפט
און געוואַלד וועט זי בעפרייען!

„אויף אייערע בלוטיגע מאָרד־קאַנאָנען
וועלען מיר ענטפערן מיט דינאַמיט!
מיר וועלען פערניכטען די קייטען און טראָהנען
מיט אונזער גיגאַנטישען שריט!

„איהר לאַכט — איהר דיינקט: „וואַרט, ברודער, וואַרט,
מיר וועלען דיין שטימע דערשטיקען, צושטערען,"
מערדער! דערשטיקט מיך! אַ צווייטער וועט באַלד
אויף מיין הייליגען פּאָסטען זיך שטעלען!

„און וועט פאָרטזעצען אונזער הייליגע זאַכע
מיט מעהר פייער און אייזערנעם מוטה!
טיראַנען! ער וועט פון אייך נעהמען ראַכע
פאַר אונזער אונשולדיגעם בלוט!

„איך פֿערהאַס אייער מערדערישען פֿערזוך
דערשטיקען די פֿרייע דיינקער!
איך האַס אייך, איך שיק אייך אַ דרייפֿאַכען פֿלוך!
היינגט מיך דערפֿאַר, איהר הענקער!...״

....

....

צי איהם האָבען ערמאָרדעט די אונטערדריקער,
אָדער ער אַליין מיט זיין פֿרייער האַנד
האָט צושמעטערט זיין שטאָלצען קאָפּ אויף שטיקער—
דאָס איז אונז אונבעקאַנט.—

נור ליגג איז ניט טויט... אויף די קאַמפּף־באַריקאַדען
שוועבט נאָך זיין גייסט! און איהר הערט,
ווי ער שרייט צו אונז: „פֿאָרווערטס, קאַמעראַדען!
פֿאָרווערטס מיט פֿאַנצער און שווערד!

„אונזער רויטע פֿאָהן מוז ווערען נאָך רויטער
אין דעם לעצטען פֿרייהייטס־קריעג!
די קברים פֿון קעמפּפֿער זיינען הייליגע לייטער,
וואָס פֿיהרען צו פֿרייהייט און גליק!״

אַזוי זאָגט אונז ליגג, זיין שטימע דונערט
און וועקט אונז צו אונזער פּפֿליכט!
און די זון פֿון צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט
שיינט אויף זיין שטאָלצען געזיכט...

אויגוסט שפּיעז.

רוהיג און שטאָלץ, ווי דער גרויסער סאָקראַט,
איז ער אויף דעם גאַלגאַן געשטאַנען;
זיין יעדעס וואָרט איז געווען אַ טהאַט,
אַ טויטשלאַג פֿאַר ווילדע טיראַנען!

זעלטען האָט זיך העלדישער, העכער,
דערהויבען אַ מענשליכער גייסט!
בלאַס זיינען געוואָרען די היינקער־פֿערברעכער;
ער — אונערשראָקען און דרייסט!

פֿון שרעקליכען גאַלגאַן, ווי פֿון אַ טריבונע,
ווי אַ בעגייסטערטער פּראָפֿעט,
האָט ער מיט דעם פֿייער פֿון דער שטאָלצער קאָמונע
צו זיינע מערדער גערעדט:

„עס וועט קומען אַ צייט, ווען פֿון אונזערע זאַרגען
וועט זיך ערהויבען אַ מעכטיגער קול,
שטאַרקער פֿון דעם, וואָס איהר ווילט איצט דערוואַרגען,
מעכטיגער, שלאַגענדער טויזענדער מאָל!"

דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פֿון שפּיעז...
היינקער, וואָס האָט איהר דערפֿון?
האָט איהר פֿערניכטעט דעם גייסטיגען ריעז?
האָט איהר פֿערלאָשען די זונן?

אָה, ניין! מאַרטירער לעבען. — און דער זינגער
פיהלט איצט זיין פֿרייעס געמיטה:
ער בעריהרט איצט זיין האַרפֿע מיט הייליגע פֿינגער,
ער זינגט מיר דאָס הייליגע ליעד!

און איך זעה: די זונן ברעכט דורך די טומאַנען,
די פֿינסטערניש זינקט צום גרונד,—
דער שקלאַף וואַכט אויף! ציטערט, טיראַנען!
עס שלאָגט אייער לעצטע שטונד!

עס קומט דער פֿרייער, דער ליכטיגער מאָרגען,
ווען עס וועט זיך ערהויבען אַ מעכטיגער קול—
שטאַרקער פֿון דעם, וואָס איהר האָט איצט דערוואָרגען,
מעכטיגער, שלאַגענדער טויזענדער מאָהל!...

צום אנדיינקען פֿון ניקאליי וו. שעלגונאוו.

פֿינסטער איז רוסלאַנד, ווילד איז איהר הייקער,
דאָך זים איז דאָס פֿרייע, רוסישע וואָרט;
אַ בילד פֿון אַ רוסישען קעמפֿפֿער און דיינקער
פֿערנעהמט אין מיין האַרצען דעם הייליגסטען אָרט.

שעלגונאָוו! אָה, וואָס פֿאַר אַ טרייער
אַפּאָסטעל פֿון פֿרייהייט, פֿון מענשענרעכט!
מיט וואָס פֿאַר אַ ליעבע, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿייער
האָט ער פֿערטהיידיגט די אָרעמע קנעכט!

ער האָט מיט זיין קריטישען מעסער געשניטען
יעדען שווינדלער און רויבער מיט ברענענדען וואוטה;
און וואָס דאָס ליידענדע פֿאָלק האָט געליטען
האָט ער פֿערצייכענט מיט טרערען און בלוט.

ער איז געשטאָרבען. דאָך ברענט און פֿלאַקערט
זיין פֿאַקעל אין רוסישען שטורמווינד.—
וואָס שעלגונאָוו האָט געזעעט און געאַקערט,
בליהט אין דער רוסישער יוגענד אַצינד!

עס בליהט און עס שפּריצט מיט גליהענדען פֿייער,
און יעטוועדער פֿונק פֿון'ם הייליגען פֿלאַם
בעשאַפֿט פֿאַר רוסלאַנד אַ נייעם בעפֿרייער,
פֿאַר ווילדע טיראַנען — אַ גיפֿטיגען סם.

צום אנדיינקען פון ק. גאללאפ.

מיר האָבען זיך קיינמאָל פערזענליך געקענט,
דאָך האָב איך געשפירט אין זיין וואָרט און זיין לעהרע,
אַ הייליגען פייער, וואָס העל האָט געברענט
מיט האַס און מיט ליעבע, מיט שטאָלץ און מיט עהרע.

ער איז ניט געוועזען קיין „מגיד", קיין „שרייער",
ער האָט ניט געפּעדעלט מיט זיין אידעאַל;
געוועזען פאַר'ן פאָלק אַן ארבייטער טרייער,
אין דער שקלאַפען-נאַכט — אַ פערוואָרפענער שטראַהל!

אַ הייליגטהום געוועזען איז פאַר איהם די אידעע,
ער האָט ביז זיין לעצטען אויגענבליק
איהר טראָהן ניט בעשמוצט מיט אַ „גראָבער מטבעה",
איהר פאָהן ניט בעשמוצט מיט פּאָליטיק!

ווי אַ בלום, וואָס האָט נאָך ניט צולאָזען
די יונגע קנאָספען, די ראָזאָווע קוויטען,
האָט ער די ליידענדע וועלט פערלאָזען
רייך — מיט שמערצען, אָרעם — מיט פריידען.

קיין מאָנומענט וועט זיין קבר ניט קרוינען,—
דאָך אויף ביידע ברעגען פון אָקעאַן
וועט איהם מיט הייליגע טרערען בעוויינען
דער שקלאַף, דער אידישער ארבייטס-מאַן!

צום „משוגענעם פילאזאף".

איך בין פערליעבט אין זיינע ציילען,
אין זיי לעז איך מיין אייגענעם שמערץ;
איך קען מיט זיי מיינע וואונדען היילען,
טרייסטען מיין ליידענדעם הארץ.

איך זעה אין זיי, ווי אין א שפיגעל
מיין לעבענס־יאמערטהאל;
איך זעה דארט מיין גייסט מיט פערוואונדעטע פליגעל,
ווי ער רייסט זיך צום זונען־שטראהל!

איך זעה, ווי עס צאפלען זיך דארטען געדאנקען,
דיזעלבע, וואס ליגען האלב־טויט
אין מיין ארעמען הארצען, צובראכענעם, קראנקען,
פון אייביגע ליידען און נויטה.

ווי זיי קומען צו איהם, דאס קען איך ניט זאגען,
דאך זיי זיינען מ י י נ ע, איך שווער!
פיללייכט האט צו איהם זיי דער שטורם פערטראגען,
די וועלען פון רוישענדען מעער.

זיינע געדאנקען זיינען צושלאגען
אויף טויזענדער רייגע אלמאזען,
ער קען מיט איינפאכע ווערטער אונז זאגען,
וואס מיר ניט מיט קלינגענדע פראזען.

ברידערליך דריק איך אַצונד זיין האַנד
און האָף, ער וועט אַנטוואָרט מיר געבען,
ווי קומט עס, וואָס ער איז אַזוי גוט בעקאַנט
מיט די שמערצען און קאַמפּף פון מיין לעבען!

זיין שרייבען דערפילט מיר מיט האָפנונג און מוטה,
דאָך קען איך זיך גוט ניט ערקלעהרען:
ווי קומט אין זיין טינטער מיין האַרצענס-בלוט?
ווי קומען צו איהם מיינע טרערען?

מיין אנטווארט צו ישראל בן עולם.

ווי זאָל איך, ברידער, פריילאך זינגען,
ווען האַס און קריעג איז איבעראַל?

ישראל בן עולם! דיין וואָרט איז מיר טהייער,
ווי אַ שטימע פון ליידענדען פאָלק,
אין וועלכען עס גליהט נאָך אַ גייסטיגער פייער,
ווי עס איז ניט פערפאָלגט!

איך וויים, מען וועט זאָגען: דאָס וויל איהם בעדאַנקען
פאַר זיין קאָמפּלימענט דער פּאָעט;
דאָך זאָל איך פערשטיקען מיינע געדאַנקען
צוליעב דער „הייליגער" מאַיאָריטעט?

זאָל דומהייט פערשקלאַפען מיין עהרליכע האַרפע?
ניין! לאָז זאָגען די וועלט, וואָס זי וויל.
איך ווייס, אַז איך זאָג די וואַהרהייט די שאַרפע,
איך זאָג וואָס איך דיינק און איך פיהל!

דו זאָגסט, איך בין קראַנק. ווי קען ניט קריינקען
אַן אויסגעמאַטערטער קנעכט,
וואָס קען אַביסעלע פיהלען און דיינקען
פון פרייהייט און מענשען־רעכט!

וואָס קען בעטראַכטען מיט אָפענע אויגען
יעדען שווינדלער און היפאָקריט,
און פאַר'ן גאָלדענעם גאָט אין דרייען געבויגען
פערשקלאַפטען פראָלעטאַריאַט!

עס שטורמט מיין האַרפע, עס פלאַצען די סטרונעס
פון קללות אויף טיראַניי,
אויף אַלע פינסטערע אמונות,
אונוויסענהייט און שקלאַפעריי!

דו זאָגסט גענוג פון דער געגענוואַרט זינגען,
פון קייטען, טרערען און שמערץ!
לאָז פון דער צוקונפט דיין האַרפע קלינגען
און דערפילען מיט האָפנונג דאָס האַרץ!

איך האָב אַליין מיינע זיפצען און טרערען,
דאָך וואו נעהמט מען זיסע מוזיק!
דעם ליידענדען פאָלק וואָלט איך איצט גערן
געזונגען פון פרייהייט און גליק!

נאָר ווי קען איך פֿון דער צוקונפֿט זינגען,
ווען די געגענוואַרט שטעהט מיט איהר שווערד!
טרערען פֿליסען, קייטען קלינגען,
בעפֿלעקט איז מיט בלוט די ערד.

אָה, ניין! איך ניט, מיין גוטער פֿריינד!
ניט פֿריי איז אין זינגען דער דיכטער!
און ווען אויך די גאָלדענע צוקונפֿט שיינט
פֿאַר מיר מיט הימלישע ליכטער—

דאָך טראָג איך אין ברוסט דער געגענוואַרטס וואונדען,
דעם האַס צו איהר גאָלדענעם גאָט!
צו דער ליידענדער מענשהייט בין איך געבונדען
מיט אַן עלעקטרישען דראָט!

פֿונקען צופֿלאַק'רען ביי מיר אין האַרצען
יעדע מענשליכע טרער, יעדען פֿלוך!
איך פֿיהל, ווי דער וועלט'ס גיפֿטיגע שמערצען
וועבען מיין לייבען־טוך!

דאָך פֿריינד! לאָמיר לערנען די געגענוואַרט האַסען,
איהר פֿאַלשקייט, אונמענשליכקייט, נויטה—
דער האַס וועט ערוועקען די אַרבייטער־מאַסען,
דער האַס וועט צוברעכען די קייט!

און ווען עס זאָלען נור אַלע שקלאַפֿען
די געגענוואַרט האַסען ווי איך,
וואָלטען זיי געקענט אין איין טאָג בעשאַפֿען
אַ גאָלדענע צוקונפֿט פֿאַר זיך!

אַלע דומהייטען, וועלכע די וועלט פֿערגעטערט,
אַלע רויבער, וואָס זי רעספּעקטירט,
וואָלט דאָס פֿאָלק אויף שטיקער צושמעטערט
און אַ פֿרייעס לאַנד פּראָקלאַמירט!

דיזע וועלט וואָלט פֿערשווימען אין בלומען און ליכטער
און קלינגען מיט זיסער מוזיק!
און אויך דער קראַנקער, דער טרערען־דיכטער
וואָלט זינגען פֿון ליעבע און גליק!

דער יונגער העלד.

(געווידמעט אַן אַ. בערקמאַן.)

מען האָט ניט געהערט פֿון דער ביהנע איהם שרייען,
זיין שרייבען איז געווען אָהן גליקליכען וויץ,
צווישען די ראַדיקאַלע פּאַרטייען
האָט ער ניט פֿערנומען דעם גאָלדענעם שפּיץ!

ער איז אַן איינפֿאַכע, רוסישע זעעלע,
אַן עהרליכע זעעלע, וואָס ליעבט אָהן אַ שיעור
די פֿרייהייט, די שטאָלצע, די ברייטע, די העלע,
און אָפּפֿערט זיין לעבען, זיין בלוט צוליעב איהר!

פאַר זיינע אויגען זיינען געשטאַנען
די עלענדע שקלאַפען פערשמאַכט און פערשטויבט,
פון בלוט-זויגער כיטרע, פוןווילדע טיראַנען
געקויפט און פערקויפט און אָהן מיטלייד בערויבט.

זיין יונגעם האַרץ האָט זיך אָנגעצונדען
מיט האַס און מיט ראַכע, מיט צאָרן און שאַנד,
און דעם ליידענדענס טרערען און וואונדען
האָבען בעוואַפענט זיין העלדישע האַנד!

זיין בראַווע האַנד האָט ניט געציטערט,
אויך זיין אויג האָט געצילעוועט גוט;
דאָך האַרט זיינען די ברואים, וואָס ווערען געפיטערט
מיט שקלאַפען-פלייש און שקלאַפען-בלוט!

זיין בלוטיגער פיינד איז לעבען געבליבען,
דאָך בערקמאַן'ס טהאַט, זיין נאָבעלע טהאַט,
איז מיט בלוטיגע טרערען פערשריבען
אין האַרצען פון פראָלעטאַריאַט!

איהר מעגט איהם מיט שמוץ אָדער בלומען בעדעקען,—
זיין טהאַט איז אַ הייליגער קריעגס-סיגנאַל,
וואָס מוז אַלע עהרליכע הערצער דערוועקען
צום קאַמפף פאַר דעם פרייהייטס-אידעאַל!

זייט איהר פערהייראטה?

נאָך ניט געהייראַטה? איז עס דען מעגליך?
אַך, איהר זייט גליקליך, מיין הערר!
אייער לעבענס-שיף, מיין פריינד, איז בעוועגליך
און פריי אין דעם וועלטליכען מעער!

אַך! איך בין ניט אַזוי גליקליך, ווי איהר! —
איך האָב געהייראַטה מיט אַ יאָהר צוריק;
מיין פרוי פלעגט מיר זאָגען, אַז זי איז מיט מיר
אויף'ן אייפעלטהורם פון גליק.

זי איז פשוט אַ מלאך! צום אונגליק בעגעגענט
האָט פלוצלינג זי אַ יונגען מאַן;
זיין מויל האָט מיט זיסע ריידלעך גערעגענט...
און וואָס מיינט איהר? דער טיראַן

האָט זי פער'כישוף'ט מיט זיין זיסען מויל
און אין דריי חדשים אַרום
האָט מיך געטראָפען אַ טויטען-קויל —
עס האָט מיך פערלאָזען מיין בלום!

דאָס האָט מיך געקריינקט! כ'האָב געוואָלט זיך הייננען
און טאַקע נעבען איהר טהיר!
נאָר פלוצלינג דאַרף דער טייפעל ברייננען
אַ נייע צרה אויף מיר

אין געשטאַלט פֿון אַ מיידעל, יונג — מילך און בלוט!
וױ זאָל מען זיך ניט פֿערליעבען?!
זי האָט מיר געזאָגט דורך טרערען: „גוט!“
און איז אויף מיר היינגען געבליבען...

און היינגט נאָך ביז איצט!... עס פּלאַצט מיר מיין ברוסט,
איך געה שיעור ניט אַראָב פֿון זינען!
זי האָט נור צו בעלער און קליידער אַ לוסט,
און איך קען קוים אויף ברויט פֿערדיענען!

איך וואָלט זיך אַודאי אומגעבראַכט,—
אַ נס וואָס אַ שעהנע ברונעטין
האָט מיט מיר בעקאַנטשאַפֿט געמאַכט...
אַך, זי נור, זי קען מיך רעטען!

אָה, יאָ! דיזער מלאך וועט מיך רעטען!
זי איז אַזוי מילד און שעהן!
מיין אַלטע טראַנטע וועל איך גט'ען—
אויך מיר אַ פאַרשוין!

עס וועט מיר זיין אַ ביסעלע שווער,
אָבער... איך בין ניט קיין אינגעל!
דאָך זאָג איך אייך אָפען, מיין ליעבער הערר!
איהר זייט גליקליך, וואָס איהר זייט נאָך „סינגעל“!

מיין טרוים.

איך האָב געטרוימט פֿון ווייסע בלומען,
ווייס, ווי געפֿאַלענער שנעע;
זיי זיינען אין מיין צימער געקומען,
איך ווייס ניט, ווי אַזוי.

זיי האָבען מיט זיידענע קווייטען בעריהרט
שטיל מיין הייסען שטערן;
איך האָב אויף מיין קראַנקער ברוסט געשפירט
זייערע פערל־טרערען.

איך האָב געפֿיהלט, ווי פֿון יעדער בלום
גיסט זיך אַריין אין מיין האַרצען
אַ וואונדערבאַר־זיסער פאַרפֿיום
וואָס היילט מיינע אַלע שמערצען.—

אין פֿענסטער צו מיר האָט אַריינגעבליקט
די שעהנע, בלאַסע לבנה.
איך פֿרעג זי: ווער האָט מיך בעגליקט
מיט דער גן־עדן מתנה?

זי קוקט מיך אָן מיט די זילבערנע שטראַהלען
און פֿליסטערט שטיל צו מיר:
„די בלומען זיינען אַראָבגעפֿאַלען
פֿון אַ הייליגען בוזים צו דיר!"

די פרייהייטס־געטין איז געפלויגען
שטיל דורך דער שקלאפען־וועלט,
עס האָבען בעמערקט איהרע הימלישע אויגען
דעם אָרעמען דיכטער'ס געצעלט.

בלאַס, אַליין, פון דער וועלט פערגעסען,
ווייט פון איהר שמוץ און שוים,
איז ער מיט זיין פעדער אין האַנד געזעסען
פערטיעפט אין אַ פרייהייטס־טרוים. —

מיט טרערען האָט די געטין געבליקט
אויף איהר בלאַסען זינגער
און האָט פון איהר בוזים די בלומען געפליקט
מיט ציטערענדע פינגער:

„ער טרוימט פון מיר, ער בייגקט נאָך מיר, —
געהט צו איהם, שנעע־ווייסע בלומען!
זאָגט, אַז איך שטעה ביי דער מענשהייטס טהיר,
וויל גיך צו דער מענשהייט קומען!

„טרייסט זיין האַרץ, היילט זיינע וואונדען
מיט אייערע פערל־טרערען."
און די געטין איז פערשוואונדען
צווישען די גאָלדענע שטערען.

איך האָב זיך אויפגעכאַפט. די לבנה
שיינט, ווי זילבערנער שוים,
אָבער, וואו איז די בלומען־מתנה?
ס'איז געוועזן נור אַ טרוים, נור אַ טרוים!...

דער זיסער טרוים איז אַוועקגעשוואומען;
דאָך ווייס איך ניט, וואַרום
איך קען ניט פֿערגעסען די שנעע־ווייסע בלומען
און זוך זיי אימער אַרום.

מיין לעצטע האפנונג.

אין שטורם, אין קאַמפף איז מיין יוגענד פֿערשוואונדען,
פֿון ליעבע, פֿון גליק האָב איך קיינמאָל געוואוסט;
נור ביטערע טרערען און בלוטיגע וואונדען
האָבען געקאָכט און געברענט אין מיין ברוסט.

פֿריה האָב איך מיין הויז און מיין היימאַטה פֿערלאָרען,
פֿון קינדהייט האָט מיך שוין דער מזל פֿערפֿאָלגט;
פֿערגיפֿטעט האָט ער מיינע בליהענדע יאָהרען
און תמיד געמאַטערט, געקוועלט און געיאָגט.

פֿריה זיינען געשטאָרבען מיינע האָפֿנונגען די זיסע,
פֿריה האָב איך דערזעהן דעם ווילדען קאָנטראַסט:
דאָס אַרבייטער־פֿאָלק אין אַ פֿינסטערער תפיסה
און שווינדלער און רויבער אין אַ רייכען פּאַלאַסט.

אַ געוואַלטיגער שטורם האָט מיין זעלע צוציטערט
און איך האָב געשוואָרען נקמה און טויט
צו אַלעם, וואָס האָט אונזער לעבען פערביטערט,
געמאָרדעט, בערויבט אונזער פרייהייט און ברויט.

פאַר אַלעם, וואָס מענשען איז הייליג און טהייער,
האָב איך גערופען צום קאַמפף מיט געוויין;
אין מיין הארץ האָט געפלאַקערט אַ הייליגעס פייער,
געוועזען מיין גאָט איז די מענשהייט אַליין!

עס האָבען געלאַכט די אונוויסענדע שקלאַפען:—
„משוגענער דיכטער, הער אויף דיין געשריי,
וואָס ווילסטו מיט פרייהייט, מיט קאַמפף און מיט וואַפען?
די רייכע זיינען מעכטיג און די וועלט איז פאַר זיי!"

עלענד בין איך אין דעם שטורעם געשטאַנען,
מיין עלענדער קאַמפף האָט געהאַט קיין ערפאָלג:
עס הערשען ווי תמיד די ווילדע טיראַנען,
עס בלוטעט ווי תמיד דאָס אָרעמע פאָלק.

אָה, מזל, דו האָסט ניט געלאָזט מיר ערווערבען,
איין פונק חאָטש פון פרייהייט, פון מענשליכען רעכט;
כ'בין אַ שקלאַף אין מיין לעבען,— אָה, לאָז מיך פריי שטאַרבען
פאַר די בעפרייאונג פון ליידענדע קנעכט!

רויב ניט ביי מיר מיין האָפנונג די זיסע,
מיין לעצטע האָפנונג אַ מינוט פאַר מיין טויט:—
זעהן ווי דאָס פאָלק וועט צוברעכען זיין תפיסה
און וועט זיך בעפרייען פון הונגער און נויטה...

עלענד.

עלענד צו זיין, אָה! וואָס קען זיין שלימער?
עס ליגט אויף דיין ברוסט אַ שטיין;
זעהסט טויזענדע מענשען און דאָך פֿיהלסטו אימער,
אַז דו ביסט אַליין... אַליין!

דו זעהסט, ווי די וועלט ווערט אין טרערען פֿערטרונקען,
ווי דער פֿרייהייטס-גייסט איז פֿערהאַסט,
און עלענד שטעהסטו, דיין קאָפּ געזונקען,
ווי אַ ניט געבעטענער גאַסט.

דו קענסט ניט פֿאַר קיינעם דיין טרויער ענטדעקען,
אַלץ דורשטעט איצט נאָך געלד און בעטרוג;
דו האָסט ניט קיין פֿריינדליכע האַנד, וואָס זאָל וועקען
דיין מוטה מיט אַ וואַרעמען דרוק.—

דיין שטאָלצער גייסט רייסט זיך העכער און העכער,
דאָך בויגט זיך אין שטורם דיין גוף,—
און, ווי פֿון א טורמע אַ יונגער פֿערברעכער,
קוקסטו מיט טרויער אַרויף.—

עלענד געהסטו דיין וועג פֿעראיבער,
דעם וועג פֿון דערנער און שטיין,
דו צאַפּעלסט זיך אין דעם פֿרייהייטס-פֿיבער,
דו קעמפֿפסט און פֿאַלסט אַליין!

אויף'ן שלאכט־פעלד.

עס שרעקען מיך ניט מיינע טרערען און וואונדען,
איך שטעה פון קינדהייט אין שטורם־ווינד.
דאָך, שיקזאַל, דו האָסט מיר די הענד געבונדען,
דו האָסט מיר בערויבט מיין פעדער אַצינד.

דו האָסט מיר מיין איינציגע וואַפע ענטריסען,
און ווי אַ פערוואונדעטער זעלנער אין פעלד,
ליג איך איצט עלענד, און זעה מיין בלוט פליסען,
שטיל אויף מיין אַלטען, צובראָכענעם שווערד.

איך ליג און הער, ווי די וואַפען קלינגען,
עס שוועבען די פאָהנען אין בלוטיגען דאַמפף;
מיין האַרץ רייסט זיך. אָה! ווער קען מיך צווינגען,
ניט וואַרפען זיך אויף דאָס ניי אין קאַמפף?

אָה, ניין! איך מוז זיך ווידער שטעלען
אויף מיין אַלטען פאָסט און מיט'ן שווערד אין האַנד
בעגייסטערען די רויטע רעבעלען
צום בלוטיגען קריעג געגען שקלאַפען־שאַנד!

דער אבענד גלאָק.

(פריי נאָך נאַדסאָן.)

אַה, מוזע, רופ מיך נים! מיט דיינע צויבער־פינגער
וועק נים די סטרונעס פון מיין קראַנקעם האַרץ!—
פער׳משפט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליעד פון קאַמפף און שמערץ!

זיין וועג געוועזן איז שווער! ער האָט אויף איהם בעגעגענט
דערנער, שטיינער, פערליימדונג, הונגער נויט און קעלט.—
עס האָט געבליצט, געדונערט און געדעגענט
און ער האָט אָבדאַבלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבענס־קאַמער,
ער זאָגט: צו ענדע איז דיין אַרבייטס־טאָג!
פערלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער!
קום! דו הערסט?... עס קלינגט דער אָבענד־גלאָק!

עס קלינגט דער אָבענד־גלאָק! יאָ, איך הער איהם קלינגען,
מיין טויטעס־אורטהייל הער איך אין זיין קלאַנג.—
און לעבען ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפפען געגען יעדען שקלאַפען־צוואַנג!...

איך וואָלט געוויאלט, אָה, פאָלק! דיין רויטען זעגעל
נאָך מאַכע, ווייטער מיט מיין האַרצענס־בלוט...
און, ווי א לייב מיט זיינע שאַרפע נעגעל,
דיין פיינד בעקעמפפען מיט שטאָלצען העלדען־מוטה!

דאָך, וואָס נוצען די הייליגסטע פערלאַנגען?
צו ענדע איז מיין לעבענס שטורם־טאָג!—
צו ענדע — טרוימען, טרערען און געזאַנגען,
עס רופט דער טויט, עס שלאָגט דער אָבענד־גלאָק!

דער קוילענגרעבער.

דען איהר וואַרמט זיך, ברידער, ביי דעם פרעהליכען פייער
בעשירעמט פון רעגען און ווינד,
צו דענקט איהר אַמאָל, ווי שרעקליך טייער
עס קאָסט יעדע קויל אונז אַצינד?

צו דענקט איהר אַמאָל, אַז מיר צאָהלען צו גוט?
איהר זעהט דיעזע גליהענדע אַשעם?—
זיי זיינען געפאַרבט מיט מענשליכען בלוט
פון טויזענדער יונגע נפשות!

דאָס פֿייער פֿלאַקערט פֿרעהליך און שעהן,
דאָך ציטערט אין מיר יעדער אבר,
איך וויים, יעדע קויהל איז אַ מצבה־שטיין
פֿון אַן גע׳הרג׳עטען קוילענגרעבער׳ס קבר.

אָה ניין! דאָס זיינען ניט טויטע שטיינער,—
דאָס ברענט אַ בלוטיגער באַרג
פֿון אַרבייטער ביינער, אָרעמע ביינער—
די קוילענגרוב געוועז איז זייער זאַרג!

ברידער! קענט איהר דאָס שרעקליכע לעבען
פֿון אַ פֿערשקלאַפֿטען „מיינער״?
זאָגט, צו עס קאָן אין דער וועלט נאָך געבען
אַ פֿינסטערער שיקזאַל ווי זיינער?!

ער אַרבייט פֿון קינדהייט אין דער ערד בעגראָבען
פֿאַר׳ן קאַרגען שטיקעלע ברויט,
און דאָס קאָן ער אויך נישט אימער האָבען,
און ליידט נאָך הונגער און נויט!

מיט זיין אייגענעם קינד איז ער ווייניג בעקאַנט:
פֿאַרטאָג נאָך פֿערלאָזט ער זיין שטוב,
און איילט צו דער אַרבייט, צו דער שקלאַפֿען־שאַנד
אין דער קאַלטער, פֿינסטערער גרוב!

ער אַרבייט און אַרבייט אין זיין דונקלען געצעלט
פֿאַר די רייכע אייזענבאַהנען,
פֿאַר אַלע דענקער און קינסטלער פֿון דער וועלט,
פֿאַר אַלע זאַטע טיראַנען!

ער אַרבייט זיין לעבען אין שרעק און געפאַהר,
לעבענדיגערהייט זיין פערשאָטען...
און וואָס איז זיין לוין? ער ווערט דערפאַר
גערויבט! מיט די פיס געטראָטען!!

קוילען־באַראָנען, רויבער־באַנדע!
איהר שעכט און בלייבט נאָך גערעכט...
אויב איהר זייט מענשען, איז אַ שאַנדע
בעלאַנגען צום מענשען־געשלעכט!

דאָן שטעהען די ווילדע חיות פיעל העכער
אין הומאַניטעט ווי איהר,
א טהיער איז קיינמאָל קיין פערברעכער
געגען זיין ברודער־טהיער.

איין לייב וועט דעם צווייטען לייב נישט טויטען,
און מענשען — די קרוין פון נאַטור—
מענשען פרעסען איינער דעם צווייטען,
ביז עס בלייבט פון זיי קיין שפור!

ווען איהר וואַרעמט זיך, ברידער, ביי אַ פרעהליכען פייער,
בעשירעמט פון רעגען און ווינד,
דענקט פון דעם „מיינער"! דענקט, ווי טייער
עס קאָסט יעדע קויהל אונז אַצינד!

דענקט פון דעם „מיינער", פון זיין פרוי און קינד,
פערשקלאַפט ביי די גאָלדענע געטער,
זעהט, ווי זיי ווערען ערמאָרדעט ווי הינד,
און האָבען קיין פריינד און קיין רעטער!

און, ווען איהר האָט נור אַ ביסעלע מוטה,
וואַכט אויף, גרייפט צו די וואַפען,
און מיט אייער האַרץ און בלוט
פערטהיידיגט די ליידענדע שקלאַפען!

דער יתום.

בלויע אויגען, גאָלדענע לאָקען,
ווייס ווי אַ ליליען־בלום,
אין אַן אָרעם העמדעל, אָהן שיך, אָהן זאָקען,
זיצט ער אין מיין רום.

אַן אָרעמער יתום! קיין פאָטער און מוטער,
פרעמדע גיבען איהם ברויט;
ער ווייסט, דאָס איך בין צו קינדער אַ גוטער
און קומט צו מיר מיט פרייד!

ער איז פול שענהייט און פאָעזיע,
נור פרעמד איז איהם קינדערלוסט;
טרויעריג זיצט ער ביי מיר אויף די קניע,
טוליעט זיך צו צו מיין ברוסט!

איך הער, ווי זיין הערצעלע קלאַפּט ווי דערשראָקען
פֿון לעבענס-שטורמווינד;
איך בענעץ מיט טרערן די שעהנע לאָקען
פֿון אונגליקליכען קינד!

שעהנעס קינד! ווען מען וואָלט דיך ערצויגען
צווישען מענשען-פֿריינד,
דו וואָלסט ווי אַ העלער רעגענבויגען
מיט לעבענספֿאַרבען געשיינט!

ווען די נויט מיט איהר אייזערנער האַנד
זאָל דיך ניט וואַרגען, ניט שטיקען,
דו וואָלסט אַמאָל מיט גייסט און טאַלאַנט
די מענשליכע הערצער דערקוויקען!

נור עלענד ביסטו, אָרעמעס קינד!
דו האָסט קיין פֿריינד, קיין היים,
ווי אַ צווייגעלע, וואָס דער בייזער ווינד
רייסט אַראָב פֿון אַ בוים,

און טראָגט אַרום צווישען זאַמד און שטיינער...
קינד! ווער פֿיהלט דיין שמערץ?
דיך קושט ניט קיינער, דיך דריקט ניט קיינער
צו אַ וואַרמען מוטער-האַרץ!

אין דער קאַלטער וועלט ווער וועט פֿון דיר דענקען?
צו „ביזי" איז דער רייכער העדר!
און דער אָרעמער שקלאַף קען דיר נור שענקען,
ווי איך, אַ וואַרעמע טרער!

וואוהין ווערסטו געהן? וואס וועט פון דיר ווערען?
עלענד ווי א שטיין:
אין טיעפען ים פון שמערצען און טרערען
וועט דאס עופה'לע אונטערגעהן!

בלויע אויגען, גאלדענע לאקען,
א וואונדער־שעהנעס קינד;
אונשולדיג, טרויעריג, בלאס און דערשראקען
שטעהט עס אין שטורמווינד.

דער קינדער־מערדער.

(אן אריגינעלעס בילד פון לעבען.)

אין א קאלטער, פינסטערער ווינטער־נאכט,
איז אין הויז צום דאקטאר גראן
אריינגעקומען בלאס און פערשמאכט
אן ארעמער יונגער מאן.

דער דאקטאר האט איהם געפרעגט, וואס ער וויל.
ער האט געשוויגען א פאר סעקונדען,
און האט מיט טרערען, טרויעריג, שטיל
ענטדעקט פאר איהם זיינע וואונדען.

„איך בין אָרעם, דאָקטאָר, שרעקליך אָרעם!
איך האָב אַ פרוי און קינדערלאַך צוויי;
מיר לעבען אין איינעם אין אַ פינסטערען קבר,
וואו די ווענד זיינען בעדעקט איצט מיט שניי...

„איך בין אין אַ סטרייק שוין אַ מאָנאַט פיער
און קען קיין סענט ניט פערדינען;
דער לענדלאָרד קומט יעדען טאָג צו מיר—
כ'געה שיער ניט אַראָב פון זינען!

„דאָך, דאָקטאָר, איך בין ניט געקומען צו אייך,
איהר זאָלט אַ נדבה מיר געבען.
כאָטש איך בין אָרעם און איהר זייט רייך,
דאָך האָב איך קיינמאָל געבעטעלט אין לעבען!

„אָה, ניין! איך קום עטוואָס אַנדערש בעטען...
אָה! ווי עס בלוטעט מיין האַרץ!
דאָקטאָר! איך וויל איהר זאָלט אונז רעטען
פון אַ נייעם אונגליק און שמערץ!

„ביז איצט האָבען מיר מיט צוויי קינדער געליטען
שרעקליכען הונגער און קעלט!
און גיך וועט מיין פרוי בריינגען אַ דריטען
אומגליקליכען שקלאַף אויף די וועלט!

„בריינגען אויף אייביגע שמערצען און ליידען,
אויף דעם בלוטיגען יאַגד נאָך ברויט!
איך וויל..., איך מוז דיזען אונגליק פערמיידען,
אָה, דאָקטאָר, העלפט מיר אין נויט!

„אַ שקלאַפּ'ס אַ קינד, חוץ קייטען און שמערץ,
וואָס וועט איהם די וועלט געבען?
עס וועט פערשעלטען זיין פאָטערס האַרץ,
וואָס האָט איהם געגעבען דאָס לעבען!

„עס ערוואַרטעט איהם די בעטלער־שאַנדע,
דעם הונגערס אייזערנע רוט,
וואָס טרייבט פערקויפען צו דער רויבער־באַנדע
אונזער פרייהייט, אונזער בלוט!

„אָה, דאָקטאָר! עס איז נאָך צייט אַצינד
דעם פונק פון לעבען דערשטיקען.
צו וואָס זאָל נאָך אַן אונשולדיגעס קינד
דיזע פינסטערע וועלט אָנבליקען?"

פערטראַכט האָט דער יונגער דאָקטאָר גראַן
אַרומגעשפּאַנט אין זיין חדר.
ער האָט בעטראַכט דעם אָרימען מאַן
אין זיינע צוריסענע קליידער.

זיינע שוואַרצע הענד, זיין בלאַסען שטערן,
זיין אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ,
און ווי עס קייקלען זיך גרויסע טרערען
פון די טרויעריגע אויגען אַראָב!

„יונגער מאַן, איך האָב מיטלייד מיט אייך!
איהר ווילט בעגעהן אַ גרויסען פערברעכען;
איך וואָלט געקענט אַרעטירען אייך גלייך,
נור איהר זייט יונג, און איך רעכען,

„אַז איהר ווערט מעהר דערפֿון ניט דענקען!
גערהט צו די וואָס זיינען רייך,
זיי וועלען אייך אַ פּאָר דאָלאַר שענקען
און האָבען מיטלייד מיט אייך!"

אויף דעם בלאַסען געזיכט פֿון אָרימען מאַן
האָט געשפּיעלט אַן איראָנישער שמייכעל;
ערשטוינט איז געוואָרען דאָקטאָר גראַן:
„דער מאַן האָט פֿערלאָרען זיין שכל!"

„געהן צו די רייכע! צו די רויבער פֿון ליכט!
צופּיעל גיפֿט איז שוין אין מיין בעכער!
ניט מיך — די רייכע שלעפּט צום געריכט!
זיי זיינען די וואַהרע פֿערברעכער!

„פֿון אונזער בלוט זיינען זיי רייך!
און ווען ניט די דיקע, רייכע לאָרדען,
וואָלט ניט געבעטען אַ פֿאָטער ביי אייך
זיין אייגען קינד ערמאָרדען!

„געה צו די רייכע!" איהר זייט ניט קיין שלעכטער.
איך דאַנק אייך, דאָקטאָר גראַן!"
און מיט אַ בייסענדען געלעכטער
איז אַוועק דער יונגער מאַן.

ווידער אַ קאַלטע ווינטער־נאַכט;
ביי אַ פֿייער אויף אַ דיוואַן,
זיצט איבער אַ בוך פֿערטראַכט
דער יונגער דאָקטאָר גראַן.

פלוצלונג הערט ער אַ געשריי:
„עפֿענט די טהיר, דאָקטאָר גראַן!“
און בלאַס ווי דער טויט, בעדעקט מיט שניי,
לויפֿט אַריין דער אָרימער מאַן.

„דאָקטאָר! פֿערליערט ניט קיין מינוט,
מיין פֿרוי, זי שטאַרבט אַוועק!“
דער דאָקטאָר נעהמט זיין ראָק און הוט,
און זיי געהן שנעל אַוועק.

....

אין אַ קליינעם רום, ביי אַ שיין פֿון אַ ליכט
האָט דער דאָקטאָר גוט בעטראַכט:
אַ יונגע פֿרוי מיט אַ דאַרען געזיכט,
שוואַרץ ווי די פֿינסטערע נאַכט!

נעבען איהר זיינען געלעגען צוויי קינדער
און האָבען געציטערט פֿון קעלט...
אָה, ווי גליקליך איז דער בלינדער
אין דיעזער פֿראַונגליקטער וועלט!

„וואָס האָט איהר דאָ מיט דער פֿרוי געמאַכט!“
האָט געשריען דאָקטאָר גראַן.
„—איך האָב צו איהר נעכטען אַ דאָקטאָר געבראַכט“
האָט געענטפֿערט דער אָרימער מאַן.

„ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט דאָס קינד...
—דאָך, דאָקטאָר, וואָס איז איצט מיט איהר?...“
—זי און דאָס קינד זיינען טויט אַצינד,
און דער שרעקליכער מערדער זייט איהר!

„אָה, דאָקטאָר, רעטעט! רעטעט זיי!
—צו שפעט! עס איז אַלעס פערפאַלען!"
און דער עלענדער איז מיט אַ ווילדען געשריי
טויט צו דער ערד געפאַלען.

דער אַרבייטער.

(נאָך נעקראַסאָוו.)

שנעל לויפען די רעדער, ווילד קלאַפּען די מאַשינען,
אין שאָפּ איז אַזוי שמוציג און היים;
דער קאָפּ ווערט פערטומעלט, אין די אויגען ווערט פינסטער,
פינסטער פון טרערען, פון שוויים.

גענוג שוין אייך גיסען, איהר ביטערע טרערען,
איהר מאַכט אויף מיין אַרבייט אַ פלעק:
און ווען דאָס דערזעהט נור דער גזלן דער מייסטער—
ער טרייבט מיך פון דאַנען אַוועק.

ווי זאָל מען דעם מייסטער מקנא ניט זיין,
זעהט, ווי ער איז פעט און ווי רויט;
ער זויפט נור זיין ביר און רויכערט זיין סיגאַר—
וואָס וויים ער פון הונגער, פון נויט!

ער שמייכעלט דעם באָם און ווי אַ ווילדע חיה
פאַלט ער אַרויף אויף די קנעכט;
ער צאַפּט זיי די דמים און בויגט זיי אין דרייען
און בלייבט דערצו אימער גערעכט.

איך פיהל שוין ביי זיך קיין גאַנצען אבר,
צובראָכען, צודריקט איז מיין ברוסט,
איך קען ניט פון וועהטאָג מיין רוקען איינבויגען,
ביי נאַכט לאָזט ניט שלאָפען דער הוסט.

וואו ביסטו פערשוואונדען, מיין גאָלדענע יוגענד,
וואו ביסטו מיין בליהענדע קראַפט?
פאַרוואָס, שלעכטע מענשען, האָט איהר מיך פון קינדהייט
גע'הרג'עט, געוואָרגען, פערשקלאַפט!

דאָך וואָלט איך ניט קלאָגען אויף מיין אייגענער לאַגע,
איך וויים, דאָס די צייט איז ניט ווייט,
ווען רוהיג וועל איך שלאָפען אין מיין פינסטערען קבר,
פון שמערצען, פון קייטען בעפרייט.

גאָר ווען איך דערמאָן זיך אָן מיין פרוי, מיינע קינדער,
דאַן ברעכט מיר מיין האַרץ פון געוויין—
ווער וועט זיי בעשיצען, ווער וועט זיי דערנעהרען?
זיי בלייבען אין דער וועלט גאַנץ אַליין!

איך זעה זיי, ווי איצט שוין פערהונגערטע, בלאַסע
ביי דער טיר פון אַ רייכען מאַגנאַט:
די פרוי בעגיסט זיך מיט ביטערע טרערען,
זי ציטערט פאַר דעם הערר ווי אַ בלאַט.

זי בעט ביי איהם הילפע, זי בעט איהם דעם רויבער,
מיט אַ קינד אויף די הענד פֿאַר איהם קניעט—
דער הונגער איז שרעקליך און בעצאָהל ניט דעם לענדלאָרד,
דאַן וואַרפֿט ער אַרויס אויף דער סטריט!

איך הער, ווי ער זאָגט איהר: „מיר קענען אייך שנאָרערס,
וואָס קומט איהר אונז דולען דעם קאָפּ"!
און ער טרייבט זי אַרויס מיט די וויינענדע קינדער,
דער מערדער... אָה, ניין — פֿילאַנטראָפּ!

אָה, אַרבייטער לעבען, אָה, שרעקליכעס לעבען,
דיין שמערץ איז אָהן אַ גרונד, אָהן אַ ברעג!
אין דיינע בלוטיגע וואונדען זיצען גיפֿטיגע שלאַנגען,
ווי אַ קבר איז פֿינסטער דיין וועג!

שנעל לויפֿען די רעדער, ווילד קלאַפּען די מאַשינען,
אין שאָפּ איז אַזוי שמוציג און היים:
דער קאָפּ ווערט פֿערטומעלט, אין די אויגען ווערט פֿינסטער,
פֿינסטער פֿון טרערען, פֿון שוויים.

דער מייסטער לויפֿט אַרום ווי אַ ווילדע חיה,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף—
אָה, יזי לאַנג וועט איהר וואַרטען, ווי לאַנג וועט איהר דולדען?
אַרבייטער, ברידער, וואַכט אויף!

אויף א באל.

דאָס שטעהסטו, בלאַסער טרוימער,
געזונקען דעם קאָפּ אויף'ן ברוסט?
זעה דיינע שוועסטער אוןברידער
זינגען און טאַנצען מיט לוסט!

זעה, ווי עס טראָגען זיך פּאַרלאַך,
בעפליגעלט פון זיסער מוזיק,—
בעקעלאַך גליהען, די אויגען
בליצען מיט יוגענד און גליק.

נור דו ביסט בלאַס און פערטרויערט,
נור דו ביסט, ווי אימער, אַליין!
אַליין, ווי אַ שטורם-וואָלקען,
אַליין, ווי אַ פעלזען-שטיין!

דו שטעהסט און דענקסט, אַז מאָרגען
וועט די העסליכע טיראַניי
ווידער דריקען און ווערגען
די קינדער פון שקלאַפעריי!

און די שעהנע אויגען, וואָס בליצען
איצט מיט ליעבע און מוטה,
וועלען זיין פייכט מיט טרערען
אונטער דעם אויסבייטער'ס רוט!

און די בעקעלאַך, וואָס גליהען
איצט, ווי אַ ראָזע שעהן,
וועלען פֿון שמערצען ווערען
בלאַס ווי אַ מאַרמאָרשטיין!

און דאָס שעהנע מויל, וואָס זינגט איצט
דאָס ליעד פֿון פֿרייהייט און גליק,
וועט מאָרגען דאָס לעבען פֿלוכען
אין דער פֿינסטערער פֿאַבריק!

אַזוי דענקט דער בלאַסער טרוימער,—
ער דענקט און שטעהט אַליין,—
אַליין, ווי אַ שטורם־וואָלקען
אַליין, ווי אַ פֿעלזען־שטיין.

זינג מיט לוסט.

איך זאָל האָבען הונדערט קעפּ,
וואָלט איך אַלע אָבגעגעבען
פֿאַר מיין גרויסען אידעאַל,
ווייל אָהן איהם וואָס איז דאָס לעבען?

הייסט דאָס לעבען? תמיד זעהן,
װי עס װעלקען אַרום דיר
יונגע בלומען און עס פֿליסען
הייסע טרערען אָהן אַ שיעור?

הייסט דאָס לעבען? פֿאַר אַ שווינדלער
שווייגענד איינבויגען דעם קאָפּ,—
קלייבען ברעקלאַך, וואָס ער וואַרפֿט דיר,
װי דעם הונד, פֿון טיש אַראָפּ?

גוט איז דעם, וואָס קען ניט לעזען
אויף די מענשליכע געזיכטער.—
גוט איז דעם, וואָס איז קיין דענקער,
גוט איז דעם, וואָס איז קיין דיכטער!

גוט איז דעם, וואָס האָט אין האַרצען
אַלעס מענשליכע פֿערלאָשען;
מעג די וועלט אין טרערען שווימען,
ער וועט צעהלען זיינע גראָשען...

אָבער דער, וואָס וויים צו לעזען
ניט נור ביכער און ראָמאַנען,
דער וואָס קען אויך לעזען הערצער,
וואָס פֿערבלוטען פֿון טיראַנען—

אויף די מאַרמאָר־ווייסע באַקען
אין די אויגען, טרויעריג, פֿייכט—
קענט איהר אונזער וועלט ערלערנען
בעסער ווי פֿון בוך פֿילייכט —

קוקט זיך צו צו די געזיכטער,
טרויעריגע, מידע, בלאַסע
פֿון די היימלאָזע, בערויבטע
קינדער פֿון דער שקלאַפֿען־מאַסע!

וואָס פֿאַר שמערצען! וואָס פֿאַר ליידען!
זיי צורייסען מיר מיין ברוסט!
און איך קוק מיט ווילדען צאָרן,
ווען מען זאָגט מיר: „זינג מיט לוסט!"

„זינג מיט לוסט?" אָ, דומע שקלאַפֿען!
רופֿט די טענצער! די פּאַיאַצען!
זאָלען זיי אייך אַמוזירען
מיט די פּויקען און די טאַצען!

אָבער ווייסט, אַז אויך פּאַיאַצען
לאַכען איצט דורך הייסע טרערען,
און דער הונגעריגער טענצער
טאַנצט און שילט די זאַטע הערען.

פֿרייד איז איצט ניטאָ ביי קיינעם;
יעדען איינעם איז איצט שלעכט;
פֿון די גלענצענדע באַנקירער
ביז די אונטערדריקטע קנעכט, —

ווייל דער רייכער ווייס זיין ענדע:
אַז פֿון דעם בערויבטען פֿאָלק,
פֿון פֿערבלוטיגטע געשפּענסטער,
ווערט ער טאָג און נאַכט פֿערפֿאָלגט.

און די אָרעמע — זיי ליידען,
ווייל זיי האָבען קיין פערשטאַנד,
אום צו רייכען זיך, ווי ברידער,
אין דעם פרייהייטס-קאַמפף די האַנד.

זאָגט, וואָס איז אַ דוצענד שווינדלער
געגען אַזוי פיעל אַרבייטס-לייט?
נור אַ ביסעל מוטה און אחדות—
און מיר וועלען זיין בעפרייט!

דאָך געננג... עס איז אַזוי קלעגליך!
רופט די טענצער, די פּאַיאַצען!
און זיי וועלען פאַר אייך שפּרינגען
מיט די פויקען, מיט די טאַצען!

אָבער ווייסט, אַז אויך פּאַיאַצען
לאַכען איצט דורך הייסע טרערען,
און דער הונגעריגער טענצער
טאַנצט און פלוכט די זאַטע העררען.—

פרעמדעם ברויט.

אך! ווי ביטער איז פרעמדעם ברויט,
וואס מען ווארפט אונז צו אין דער נויט,
זיין יעדעס ברעקעל איז ביטער ווי סם!—
ווי גליקליך איז דער, וואס ווייס ניט זיין טעם!

ווי גליקליך איז דער, וואס קען אהן שאנד
פערדיענען זיין ברויט מיט זיין אייגענער האנד,
ניט ווערן גרוי, בלאס, ווי דער טוידט
ביי יעדען ברעקעל פון פרעמדען ברויט!

בעסער הונגערן איידער בעטלען.

ווען דו קענסט דיין ברויט פערדיענען
ארענטליך, אהן שאנד,
שעהם זיך, ברודער, ווי א בעטלער
אויסשטרעקען די האנד!

ווען דיין כח איז פערלארען
און דיך דריקט די נויט,
בעטעל ניט! בעגעגען בעסער
שטאלץ דעם הונגער־טויט!

מיין לעצטער וואונש.

מיך שרעקט ניט דער טויט — מיך שרעקט דער געדאַנק
צו שטאַרבען אויף אַ קראַנקען־בעט;
מיין לעצטער וואונש, מיין לעצטער פֿערלאַנג איז:
דאָס שלאַכט־פֿעלד זאָל זיין מיין טהרה־ברעט!

ניט ווי די פֿערמאַטערטע, שוואַכע שקלאַפֿען,
ניט ווי אַן אָפּפֿער פֿון עלענד און נויט;
ניין! אין דער האַנד מיין פֿאָהן, מיין וואַפֿען,
קעמפּפֿענדיג וויל איך בעגעגנען דעם טויט!

ניט אונטער'ן גערויש פֿון פֿערשפּעטיגטע טרערען,
ניין! אונטער'ן פֿרייהייטס דונער־קראַך,
וואָס וועט אַלע קייטען און טראָהנען צושטערען,
וויל איך שטאַרבען מיט אַ שטאָלצען לאַך!

פון מיין טאג־בוך.

I.

די דום איז צו קעמפפען געגען דעם טויט;
דאָס לעבען איז טויזענד מאָל שלימער,
ווען האַס און פערלוימדונג, עלענד און נויט
פערפאָלגען דיך אימער און אימער!

ווען פריינדשאַפט און ליעבע, וואָס פלעגען אַמאָל
דיך טרייסטען אין עלענד אין שווערען,
פערמעהרען איצט נור די אונענדליכע צאָהל
פון דיינע וואונדען און טרערען!

ווען דיין אידעאַל, דיין לעבען, דיין זיין,
וואָס פלעגט פול מיט האָפנונג דיר שיינען,
איז יעצט פערשטעלט מיט אַ ווילדען טאָבען
פון טריאומפירענדע שווינען!

II.

איך האָב מיט'ן בלוט פון מיין האַרץ געשריבען,
און איצט איז מיין טינטער לעהר;
עס איז דאָרט קיין טראָפּען בלוט פערבליבען,
קיין איינציגע הייסע טרער!

אַלץ האָט פֿון מיר אויסגעזויגען
די קאַלטע, אונמענשליכע וועלט;
איצט זיץ איך צובראָכען און געבויגען,
אַליין אין מיין געצעלט.

פֿאָלק! איך האָב דיך געליעבט ניט ווי די,
וואָס גלעטען זיך רוהיג די בייכער,
און גלענצען מיט פֿרעמדער פֿילאָזאָפֿיע
און לעבען זיך, ווי אַ רייכער.

אָה, ניין! דעם ליידענדען'ס „אַך" און „וויה"
האָט זיך אָבגערופֿען
אין מיין ברוסט מיט אַ קריעגס-געשריי,
וואָס האָט נאָך נקמה גערופֿען.

עס האָט אויף מיינע פֿריהלינגס-בלומען
מיט שקלאַפֿען-בלוט גערעגענט;
וואו שקלאַפֿען-טרערען האָבען געשוואומען,
האָבען זיי מיינע בעגעגענט!

איך האָב מיין אייגענעם שמערץ פֿערטרונקען
אין ים פֿון דער מענשהייט'ס שמערץ;
עס האָבען יור פֿרייהייט'ס הייליגע פֿונקען
געגליהט און געברענט אין מיין האַרץ.

צום קעניג „טויט".

אוועק, אַוועק, שוואַרצער שאָטען,
דו קעניג־טויט, האַלט אָב דיין שווערד!
איך זעה נאָך פיעל, פיעל נאָבלע טהאַטען
פאַר מיר אויף אונזער שקלאַפען־ערד!

איך בין נאָך יונג, איך וויל פּרובירען
אין קאַמפף זיך שטעלען אויף דאָס ניי;
מיט נייע קרעפטען אַטאַקירען
אונמענשליכקייט און טיראַניי!

און אויב איך טרוים, אָה! קאַלטער קעניג,
אָה, לאָז מיר ענדיגען מיין טרוים;
איך האָב געלעבט נאָך זעהר ווייניג,
איך האָב נאָך צייט צו געהן אַהיים!

איך וועל נאָך קומען אויף דעם אינזעל,
דאָך איצט, טויט־קעניג, זיי ניט ווילד,
ניט רייס אַרויס פון האַנד מיין פּינזעל,
און לאָז מיר ענדיגען מיין בילד!

דער פערוואונדעטער אָדלער.

צווישען בערג פערשנייטע,
אויף אַ פעלזען-שטיין,
זיצט אַ יונגער אָדלער,
עלענד, קראַנק, אַליין.

מיט אַן אומעט קוק איך
צו דער זונן אַרויף;
דאָך די קראַנקע פליעגעל
הויבען ניט דעם גוף!

איך צאַפּעל זיך און רייס זיך,
איך שריי, איך פלוך, איך וויין,
ביז איך בלייב אין אונמאַכט
ליעגען אויף אַ שטיין.

אַך! ווער קען מיר זאָגען,
אויב איך וועל אַמאָל
ווידער פריי אומשוועבען
איבער בערג און טהאָל?

טראָגען זיך דורך שטורם
שטאָלץ צו זונענשיין;
צווישען פרייע אָדלער
אַ פרייער אָדלער זיין?

אך! קיינער גיט קיין ענטפער!—
איינגעהילט אין שניי
שלאפען בערג און טהאלען;
מיין שמערץ — וואס קימערט זיי?

אך! קיינער גיט קיין ענטפער!—
די וואלקען הייגען שווארץ.
און אהן אויפהער בלוטעט
דאס קראנקע אדלער־הארץ!

אין נאטור'ס טעמפעל.

ווען דיין אויג איז פערטרערט, ווען דיין הארץ איז פערוואונדעט
מיט דער וועלט'ס אונענדליכען שלעכטס,
אנטלויף פון דער שטאדט! פאר פעלדער און וועלדער
וויין אוים דיין הארץ און קרעכץ!

אנטלויף פון דער שטאדט, פון קייטען און טרערען,
פון'ם בלוטיגען יאגד נאך געלד;
געה צו דער נאטור, אין איהר גרינעם טעמפעל
אין איהר פרייע צויבער־וועלט.

אויף אַ בלומען־בעט, אונטער פֿערפֿלאָכטענע צווייגען
אונ דעם הימעל׳ס בלויער קרוין,
וועט די נאַטור דיינע וואונדען פֿערהיילען,
מיט קושען שטילען דיין געוויין.

אין איהרע זאַנפֿטע אָרעמס וועסטו פֿערגעסען
די וועלט פֿון יסורים און פיין;
אויף איהר מוטער־שוים וועסטו טרוימען
אַ חלום, אונשולדיג און שעהן.

דו וועסט פֿערגעסען די מענשען, וואָס האָבען
דיין ליעבע בעגעגענט מיט גיפֿט;
וואָס האָבען פֿערשטויסען דיין הייליגע פֿריינדשאַפֿט,
אין האַרצלאָזען עהרגייץ פֿערטיעפֿט.

וואָס האָבען זיך אָבגעקעהרט מיט שנאה, פֿעראַכטונג
פֿון דיין עהרליכער ברודער־האַנד,
ווייל דו האָסט געפריידיגט מענשליכקייט, וואַהרהייט
און קאַמפף געגען שקלאַפֿען־שאַנד.

דו וועסט אַלץ פֿערגעסען אין גרינעם טעמפעל
פֿון דער רייצענדער נאַטור;
זי וועט דיך בינדען צו איהר וואַרימען האַרצען
מיט אַ פראַכטפֿאָלער בלומען־שנור.

די נאַכטיגאַל, דער געפֿליגעלטער זינגער,
וואָס פֿערקויפֿט ניט צו קיינעם איהר ליעד,
וועט דיך פֿערגיסען, פֿערזיסען מיט טרעלען,
פֿול מיט פֿרייען און שטאָלצען געמיטה.

די פערשאלטענע.

(פריי נאך נעקראַסאָוו.)

ווען איך וואַנדער אַליין אין די פינסטערע גאַסען,
ווען איך הער זיך איין אין שטורם־ווינד—
שוועבסטו פאַר מיר מיט דיין פנים דעם בלאַסען,
דו היימלאָזעס, קראַנקעס, פערשאָלטענעס קינד!

עס צינדען אין מיר זיך פערגעסענע שמערצען,—
פון קינדהייט האָט דיך שוין דאָס שיקזאַל געהאַסט;
דו האָסט איינעם געליעבט מיט דיין איידעלען האַרצען,
מיט אַן אַנדערן האָט דיך דיין פאָטער פער'קנס'ט!

אַ שלעכטער געווען איז דיין מאַן... דאָך ניט לאַנג האָט גענומען
און דו האָסט צוריסען די שענדליכע קייט...
און ביסט צו דיין איינציגען פריינד געקומען,
דאָך אויך ניט אויף גליק, נור אויף שמערצען און נויט!

געדיינקסט יענעם טאָג, פערוואָלקענט אין כמאַרע?
איך האָב זיך געראַנגעלט מיט הונגער און קעלט...
פון אָטהעמען האָט זיך געטראָגען אַ פאַרע
אין אונזער פוסטען און קאַלטען געצעלט!

געדיינקסט, ווי דער שטורם האָט ווילד געליאַרעמט,
ווי אונז האָט אין קוימען בעווײנט דער ווינד...
דו האָסט מיט דיין הייסען אָטהעם געוואַרעמט
די הענטלאַך פון דיין פערפראָרענעם קינד!

עס האָט געשריען דער אונשולדיגער קרבן!
די נאַכט איז געקומען... און דאָס שוואַכע קינד
איז פון הונגער און קעלט אויף דיין ברוסט געשטאָרבען—
אָרעמע מוטער, וואָס וויינסטו אַצינד?!

ער דאַרף שוין איצט דיינע טרערען ניט האָבען,—
מיר מוזען שטאַרבען פון הונגער, ווי ער...
מיט פלוך וועט אונז דרייען דער הויז-ווירטה בעגראָבען,
קיינער ויעט אונז שיינקען אַ מענשליכע טרער!

מיר זיינען געזעסען פערזונקען אין שמערצען,
דו ביסט געוועזען צובראָכען און קראַנק;
אַ קאַמפף האָט געפלאַקערט אין דיין ליידענדען הארצען,
עס האָט דיך ערגריפען אַ געהיימער געדאַנק...

איך בין אַנדרעמילט געוואָרען... דו האָסט גענומען זיך דרעסען,
ווי צו אַ באַל... און ביסט אַוועק געשווינד;
אין אַ שטונדע האָסטו געבראַכט מיר צו עסען,
און אַ קליינעם ארון פאַר'ן טויטען קינד.

מיר האָבען דעם שרעקליכען ווייער פערטריבען,
אין קאַלטען צימער פייער געמאַכט,
.יאָס טויטע קינד אין ארון צוגעקליבען—
ווער האָט אונז געהאָלפען אין דער פינסטערער נאַכט?

איך האָב ניט געוואַגט קיין וואָרט ביי דיר פֿרעגען
און דו האָסט מיר אויך גאָרניט געזאָגט...
דיין שווייגען איז אויף מיר ווי אַ שטיין געלעגען—
מיר האָבעןביידע ביטער געקלאָגט...

וואו ביסטו איצט, אונגליקליכער קרבן?
מיט דיין ביטערען עלענד און שרעקליכער נויט!
ביסטו אין קאַמפּף מיט דיין שיקזאַל געשטאָרבען?
אָדער געפֿאַלען אין שאַנדע און קויט?!

אַלע, אַלע ווילען דיך פֿעראַכטען,
יעדער וועט וואַרפֿען אין דיר אַ שטיין—
איך אַליין וועל מיט פֿלוך דיזע וועלט בעטראַכטען,
וואָס קען נור פֿער'משפט'ן אָבער ניט פֿערשטעהן!

דער לעצטער סטרייק.

די לאַנג, אָה, ווי לאַנג וועט איהר, ברידער, נאָך סטרייקען
פֿאַר דאָס שטיקעלע שקלאַפֿען־ברויט?
ווי לאַנג וועט איהר שמאַכטען, ווי לאַנג וועט איהר בלוטען
אין פֿינסטערניש, הונגער און נויט?

ווי לאַנג וועט איהר שטעהן מיט אַ נאַקעטען רוקען
אונטערן בייטש פֿון'ם טיראַן,
און שווימען פֿון וויגעלע ביז צו דעם קבר
דורך אַ בלוטיגען אָקעאַן?

זאָג מיר, דו מעכטיגע, רייכטהימער שאַפֿענדע,
אייזערנע אַרביימער קראַפֿט:
וואָס האַלט דיך געבונדען? וואָס צווינגט דיך פֿערבלייבען
ביי עטליכע רויבער פֿערשקלאַפֿט?

וואָס דאַרפֿסטו שמאַכטען אין טונקעלען-הייזער,
וואו אויף דיר קוקענדיג וויינען די ווענד?
דער גאָלדענער שליסעל פֿון פֿרייהייט'ס גן עדן
ליגט דאָך ביי דיר אין די הענד?

וואַך אויף! און טרייסעל אַראָב פֿון די שולטער
דעם טויזענד יאָהריגען שטויב!
מיט איין קרעפֿטיגען שטוים צוואוואַלגער, צושמעטער
דיין תפיסה, דו אַרבייטער-לייב!

רוף צונויף דיינע שוועסטער און ברידער,
און אונטער דער רויטער פֿאָהן
וועלען מיר אַלע אַ סטרייק ערקלעהרען
די אויסבייטער, געלדזעק און טראָהן!

מיר וועלען סטרייקען פֿאַר פֿרייע אַרבייט,
וואָס ווייסט ניט פֿון הערר און קנעכט!
מיר וועלען סטרייקען פֿאַר פֿרייהייט און גלייכהייט
פֿאַר דאָס הייליגע מענשען-רעכט!

מיר וועלען סטרייקען פֿאַר אַ פֿרייע וועלט,
אָהן בלוט-הינד, אָהן מאָרד-אינסטרומענטען,
וואו פֿרייע ליעבע און דער פֿרייער פֿערשטאַנד
וועלען זיין די פּרעזידענטען!

וואו אַלע מענשליכע פֿערגניגען,
וואָס די וועלט קען געפֿינען נור,
וועט יעדער פֿראַנק און פֿריי געניסען
אויף'ן בוזים פֿון דער נאַטור!

פֿאַר דיזען גרויסען אַלוועלטליכען סטרייק
פֿעראייניגט זיך אַרבייטער-מאַסען! —
ווען איהר געווינט פֿאַר זיך שוין שקלאַפֿען-ברויט —
בלייבען נאָך הונגריגע אויף די גאַסען!

און וואָס טויג ברויט, ווען די הענד זיינען אין קייטען
און דאָס האַרץ איז פֿול מיט גאַל?
אָה ניין, נור פֿרייהייט קען מענשען רעטען
פֿון פֿינסטערן יאָמער-טהאָל!

צו איהר לאָמיר שטרעבען! פֿאַר איהר לאָמיר קעמפֿפֿען,
ווייל זי אַליין איז נור ווערטה,
אַז דער אַרבייטס-מאַן זאָל קושען איהר שטערען
און ציהען פֿאַר איהר זיין שווערד!

נור לאָמיר, ברידער, פֿערשטעהן מיט קלאָהרהייט,
וואָס מיר ווילען, און ווי אַזוי:
ניט „ברויט אָדער אַרבייט!“ — „טויט אָדער פֿרייהייט!“
דאַרף זיין אונזער קריעגס-געשריי!

פאָרוועמס, ברידער! צום לעצטען סטרייק
אונטער דער רויטער פאָהן!
זיין נאָמען מאַכט ציטערען אַלע טיראַנען
ער הייסט רעוואָלוציאָן!

דער שניידער.

אט זיצט אַ שניידער אַן אַלטער
מיט ווייסע גרויע האָר;
זיין שער און נאָדעל האַלט ער
שוין גאַנצע פופציג יאָהר.

ער זיצט אין דריי געבויגען,
ער אַרבייט טאָג און נאַכט;
מיט טרערען אין די אויגען
גייט ער, זיפצט און טראַכט...

„אַוועק זיינען מיינע יאָהרען
אין פינסטערניש און נויט:
די כוחות אין אַרבייט פערלאָרען,
און האָב דאָך קיין רוה, קיין ברויט.

איך מוז האָרעווען, זאָרגען,
עס פּלאַצט אין מיר די גאַל,
ווייל עס דאַרף האָבען מאָרגען
דעם פראַק אַ פּראַנט צום באַל.

דער פּראַק מוז אויף איהם ליגען
גלאַט, קיין קנייטש, קיין פּלעק;
אַז ניט קען דער שניידער קריגען
פון גוטען באָס די סעק.

גלענצען מוז ער ווי אַ שטערען
אין פּראַק דער מאָדנער העלד; —
פון דעם אָרעמען שניידער׳ס טרערען,
וואָס וויים פון זיי די וועלט?"

אָט געהט דער שניידער אָרעם,
צובראָכען, שוואַך און בלאַס;
זיין אַרבייט אונטערן אָרעם,
זיין געזיכט פון טרערען נאַס.

דער באָס וויל ניט בעצאָהלען,
דער ראָק ליגט עטוואָס שלעכט:
„פון הונגער ווער געשוואָלען
און אַרבייט ווידער נעכט!"

דאָרט אין אַ שטוב אַ קאַלטער,
דאָרט וואַרט מען שוין אַצינד,
אַז ברויט ברייננגט באַלד דער אַלטער
און אַ פּעני פאַר דעם קינד.

„איך קען מיין האַלז ניט שנײדען,
דער באָס גיט קיין פּיטאַק;
נאָך מוזט איהר הונגער ליידען,
אַ קנײטש איז דאָ אין פראַק!"

איהר שמערץ קען די פרוי ניט פערהאַלטען,
זי וויינט, ווערט בלאַס ווי טויט;
די קינדער קוקען אויף דעם אַלטען,
קוקען און בעטען ברויט...

אָה, מענשען רייכע, זאַטע,
קוקט אייך צו נור גוט!
אויף אייערע קליידער גלאַטע
ליגט דעם שניידער'ס בלוט!

א ביטערער מזל.

(פריי נאָך נעקראַסאָוו.)

א שווערע לאַסט מוז זי אין לעבען טראַגען;
דער, וועלכער האָט געריבט איהר שעהנעם האַרץ,
איז איצט איהר שלאַנג: זי טאָר פאַר איהם ניט קלאָגען,
זי מוז פערבאָרגען טיעף אין האַרץ איהר שמערץ.

אָה, זאָג מיר ניט, דו האָסט דיין וועלט פֿערלאָרען,
דיין שעהנהייט, יוגענד, אַלעס צוליעב מיר;
פֿאַר דיר זיינען נאָך פֿיעל זיסע, יונגע יאָהרען,
פֿאַר מיר איז נור — דעם קאַלטען קבר'ס טהיר...

אָה, זאָג מיר ניט, אַז איך האָב פֿערטריעבען
דעם זיסען גליק, די האָפֿענונג פֿון דיר;
איך וויס, דו וועסט נאָך לעבען און נאָך ליעבען...
אָבער צו מיר... קלאַפּט שוין דער טויט אין טהיר...

זי שטעהט פֿאַר איהם, איהר שעהנעם קאָפּ געבויגען,
ווי אַ מאַרמאָר־בילד, בלאַס און וואונדער שעהן;
ער — הערט ניט אויף איהר יונגעם בלוט צו זויגען...
און זי? זי מוז פֿערבאָרגען איהר געוויין...

כמאַרע און זונענשיין.

עס גיבען פֿינסטערע מינוטען;—
פֿערגיפֿטעט איז דער לעבענס־כוס;
עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו בלוטען,
צו קעמפֿען איז ניטאָ פֿאַר וואָס.

עס דאַכט: אויף אייביג איז פֿערלאָשען
די זונן, די ערד איז אַ טהרה־ברעט;
די מענשהייט ליגט אָהן גייסט, אָהן לשון—
אַ קאַלטער, העסליכער סקעלעט!

דו וואַנדערסט עלענד צווישען שטיינער
און קאַלטע בערג פֿון אייז און שניי;
און דיינע זיפֿצען הערט ניט קיינער,
און קיינער קומט אויף דיין געשריי.

דו האָסט אַמאָל געהאַט חברים,
דאָך עלענד, עלענד ביסטו היינט!—
וואַרפֿט אונז אַריין דער פֿיינד אין חרם,
פֿערגעסען אונז אויך די גוטע פֿריינד!

ווי שווער איז אין אַזוינע מינוטען!
אָה, טרינק געשווינד דיין טויטען־כוס!—
עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו בלוטען,
צו קעמפֿען איז ניטאָ פֿאַר וואָס!

....

עס גיבען ליכטיגע מינוטען;—
דאָס האַרץ איז פֿול מיט זונענשיין;
מיר זיינען שטאָלץ פֿאַר פֿרייהייט בלוטען
און טרייע פֿרייהייטס־קעמפֿער זיין!

מיר מאַכען אויך די שטיינער ריידען
און קעמפֿען געגען טיראַניי!—
די ערד קען ווערען אַ גן־עדן,—
די מענשהייט דאַרף נור ווערען פֿריי!

זאָל שטורמען, דונערן און בליצען,
מיר קעמפּפען דרייסט, — וואָס געהט'ס אונז אָן!
מיר קעמפּפען דרייסט, ביז ס'בלייבט ניט זיצען
קיין איין טיראַן אויף זיין בלוט־טראָהן!

מיר קעמפּפען, ביז מיר וועלען רעטען
די מענשהייט פון איהר נויטה און שאַנד;
מיר קעמפּפען ביז די פרייהייטס־געטין
וועט הערשען פריי אין יעדען לאַנד!

ניט קיין ווערטער און פּאַראַדען,
פויקען־שאַלען און מוזיק;
ברידער! שווערדען, באַריקאַדען
פיהרען אונז צום פרייהייטס-זיעג!

אין קאַמפּף זיינען טייער אויך מינוטען!
זאָל יעדער טהאָן זיין קעמפּפער־פּליכט!
מיר זיינען שטאָלץ פאַר פרייהייט בלוטען
און שטאַרבען אין איהר זונענליכט!

טרערן.

איך זעה אַ גלעזערנעם קאַסטען,
וואָס גרייכט פֿון דער ערד ביז די שטערען;
עס זידען דאָרט בלוטיגע טרערען
פֿון דעם אָרימען פֿאָלק דעם פֿערהאַסטען.

אַ שטורם קומט אָן... צושטערען
ווערט ער דעם גלעזערנעם קאַסטען;
און אַלע טהראָנען און פּאַלאַסטען
פֿערשלינגט דער ים פֿון טרערען.

א ראמאנס.

(פֿון דעם רוסישען.)

די בלויע ווערלען האָבען זאַנפֿט געמורמעלט
דער בלאַסער מאָנד געלויכט האָט העל און שעהן;
געקלאַפּט האָט שטיל דיין האַרץ, געטוליעט צו מיין האַרצען,—
אַך, יענע נאַכט! — פֿערגעסען האָסטו זי שוין!

דו האָסט געשוואָרען דעם דיכטער טרייע ליעבע,
דאָך דער פֿרומער, נאַרישער המון
האָט דיך געשראָקען, און דו האָסט דיין ליעבעס,
דיין יונגעם האַרץ פֿערוואַנדעלט אין אַ שטיין.

און איצט איז שוין ניט וויט מיין לעצטע שטונדע,
צום לעצטען מאָל וועט דיר דעם דיכטער'ס שטים
זינגען שטיל... ער האָט מיט דיר געאָטהעמט,
געליעבט נור דיך, — דו האָסט פֿערגעסען איהם!

אן אלטע געשיכטע.

איך האָב זי בעמערקט ביי אַ גאַז־לאַמטערן,
זי איז געוועזן אַ יאָהר זיעבצעהן אַלט;
שוואַרצע אויגען, אַ שניי־ווייסער שטערן,
צוואָרפֿענע לאָקען, אַ שטאַרקע געשטאַלט.

נור איהר טואַלעט איז קלעגליך געוועזען,
אויף איהר בלאַסען פנים, פֿון פודרע פֿערשטעלט,
האָב איך מיט ביטערען טרויער געלעזען:
„קויף מיך, איך הונגער, איך האָב ניט קיין ברויט!"

עס האָבען געראַלט פּערביי אונז קאַרעטען,
מיט רייכע, פּערפּוצטע דאַמען אין זיי,
אין זיידענע קלײדער, אין טייערע הוטען,
אין פּוטערס ווייס, ווי געפּאַלענער שניי.

איך האָב בעטראַכט מיט ברענענדען צאָרן
די רייכע זונות מיט דעם טיטעל „ווייב",
און די, וועלכע שטעהט אויף דער גאַס איצט פּערפראָרען,
געצוואונגען דורך הונגער פּערקויפען איהר לייב.

מיין האַרץ האָט געשטורמט... דאָך, פּלוצלינג, אָה, געטער!
וואָס זעה איך? דעם קרבן פון הונגער און שאַנד
האָט אַ פּאָליציי־מאַן, אַ געזעלשאַפטס־רעטער,
נעכאַפּט... זי ציטערט שוין אין זיין גראָבער האַנד!

זי בעט זיך ביי איהם, זי בעגיסט זיך מיט טרערען,
זי פאַלט אויף די קניע פאַר דעם העלד פון געזעץ;
ער בלייבט קאַלט, ווי אַ שטיין; ער איז תמיד געווען,
ווען אַזאַ „סחורה" פאַלט אַריין אין זיין נעץ.

אָט קומט שוין דער וואָגען, דער שענדליכער וואָגען,
הונדערטע נייגיעריגע שטעלען זיך אָפּ;
די אונגליקליכע! זי הערט ניט אויף קלאָגען,
זי רייסט זיך די האָר פון איהר עלענדען קאָפּ!

און אָט איז דער וואָגען, די מענשען פּערשוואונדען...
אַן אַלטע געשיכטע, אַן אַלטע... ניט וואָהר?
און דאָך וואָס פאַר וואונדען, פאַר ברענענדע וואונדען,
פיהל איך אין האַרצען, איך, אָרימער נאַר!

די הונגעריגע און די זאטע.

די הונגעריגע שרייען נאָך ברויט —
די זאַטע פילאָזאָפירען;
די הונגעריגע שטאַרבען פון נויטה —
די זאַטע פאַרלאַמענטירען.

די הונגעריגע בלוטען און שטרייטען
מיט דער הערשענדער רויבער־באַנדע;
די זאַטע שטעהען פון ווייטען,
און שרייען: „עס איז אַ שאַנדע!"

„גנב'ענען ברויט, — אַך, איהר בטלנים!
לומפען־פראָלעטאַריאַט!
מיר זיינען מיט אייך קיין מחותנים!"
ערקלעהרט דער „עס" דעמאָקראַט.

„וונגאַטש!" — מעקען איהם צו זיינע פּיה,
„וונגאַטש!" — ענטפערט זיין עזעל־קוואַרטעט.
אַך! אָבשעצען דיזע פילאָזאָפיע
קען נור דער, וואָס איז זאַט און איז פעט!

דאָך דער אָרעמער, פוסטער מאָגען
קען דאָס גאָר ניט פערשטעהן;
און ער וועט אין גיכען צושטערען, צוטראָגען
יעדען טראָהן, יעדען קערקער־שטיין!

די הונגעריגע שרייען נאָך ברויט—
די זאַטע פילאָזאָפירען;
די הונגעריגע שטאַרבען פון נויטה—
די זאַטע פאַרלאַמענטירען!...

א וויסענשאפטליכער מארד.

די מענשען זיינען וואונדערבאַר,
פון געטער שטעהען זיי העכער!
זיי האָבען מיטלייד איצט זאָגאַר
מיט מערדער און פערברעכער!

מען פלעגט ביז איצט פערברעכער טויטען
דורך פולווער, שטריק און שווערד,
מען פלעגט זיי מאַטערען אין קייטען
אין א פינסטערען געצעלט!

דאָך איצט טהוט וויסענשאַפט פערברייטען
ליכט, הומאַניטעט,
מיר וועלען איצט גאַנץ עדעל טויטען
דורך עלעקטריציטעט!

דאָס הייסט אַ וועלט פֿון לערנער, דיינקער!
ניט אינקוויזיטאָרען!
אָה, ניין! ביי אונז זיינען אויך די היינקער
וואַהרע פּראָפֿעסאָרען!

אָט האָב איך איצט אין בלאַט געלעזען,
מען האָט „עלעקטריזירט"
א מאַן, וואָס איז אַזוי ווילד געוועזען
אַזוי אונציוויליזירט,

אום מיט אַ האַק זיין פֿרוי צו מאָרדען!
און אָט האָבען דערפֿאַר
ריכטער וויסענשאַפֿטליכע, לאָרדען,
ערמאָרדעט דיזען נאַר!

דאָך ווי ערמאָרדעט! וויסענשאַפֿטליך,
אַנשטענדיג, סאָליד!
ניט היציג און ניט ליידענשאַפֿטליך,
קאַלטבלוטיג, טריט ביי טריט!

זיי האָבען געמאַכט אַ קליינעם טעות,
אוּן דאָך גערעכענט גוט:
עס האָט פֿערזאַמט דער מלאך המות
אויף עטליכע מינוט!

זיי האָבען שוין דעם אָרעמען קרבן
פֿון „טויטען־טשער" בעפֿרייט,
און ער... ער איז גאָך ניט געשטאָרבען...
ער צאַפּעלט זיך... ער שרייט!

דאָס האָט ערשטוינט די פּראָפעסאָרען,
די היינקער אין די „פּרעק",
ווי זיינען פלוצלינג בלאַס געוואָרען,
גע'חליש'ט ראָרט פון שרעק!

„ער לעבט! ער לעבט! אָה, שלעפּט איהם וויטער
צו דעם טויטען־טשער!"
אַזוי האָט געשריען אַ געשייטער,
וויסענשאַפטליכער הערר!

די פּראָפעסאָרען שטעהען אונשולדיג...
ער לעבט נאָך... ער איז היים!
עס פליהען פונקען... ס'פּלאַצען גלידער!
עס ברענט אויף איהם דאָס פלייש!

די פּראָפעסאָרען שטעהען אונשולדיג...
מיט זייגערס אין די הענד,
און ערוואַרטען אונגעדולדיג
דעם אונגליקליכען'ס ענד!

דאַן וועט מען איהם אַנאַטאָמירען,
אום וויסען, וויפיעל צייט
עס נעהמט מיט דעם עלעקטריזירען
ערמאָרדען אָרעמע לייט!

וואָס זיינען דורך די רייכע לאָרדען,
אונוויסענהייט און נויטה
געטריבען צו רויבען און צו מאָרדען
פאַר דאָס שטיקעל ברויט!

אָט דאָס הייסט פּראָגרעס!...

מוטער און קינד.

אויף דעם פינפטען פלאָר אין אַ שמאָלינקען חדר,
בײ דעם דונקלען שײן פון אַ ליכט,
זיצט אַ יונגע פרוי אין צוריסענע קלײדער
מיט אַ טרויעריגען, בלאַסען געזיכט.

זי זיצט, איהר דאַרען קערפּער געבויגען,
איבער איהר קראַנקען קינד;
זי גיט איהם מיט טרערען איהר ברוסט צו זויגען,
דאָך ניט מילך, — זי האָט גאַל דאָרט אצינד.

דאָס קינד געהט אויס פון הונגער, פון שמערץ,
עס שטאַרבט — „אוי וועה מיר און ווינד!"
די מוטער וויל שרייען, דאָך פערקלעמט איהר דאָס האַרץ—
און זי חליש'ט בײ איהר שטאַרבענדען קינד.

עס איז שטיל אין צימער, טרויריג קלאָגט נור דער ווינד,
און אַזוי ווי אַ פרײנד אַ גוטער
בעווײנט ער אַלײן דאָס אונשולדיגע קינד
און זײן אונגליקליכע מוטער.

פּלוצלינג קלאַפּט מען אין טהיר, אַז עס ציטערען די ווענט...
עס לויפט אַרײן דער לענדלאָרד פון הויז—
„וואָס זײט איהר דאָרט טויב! בעצאָהלט מיר מײן רענט,
אַז ניט וואַרף איך אײך פון צימער אַרויס!"

ניטאָ קיין אַנטוואָרט. שטיל גערט אויס דאָס ליכט...
אָט פלאַקערט עס נאָך אַמאָל אויף
און בעלייכטעט אַ פערמאַטערטעס טויטעס געזיכט
און דאָס קינד אין דעם אייביגען שלאָף.

דער לענדלאָרד בלייבט שטעהן פאַר דעם שרעקליכען קרבן,
ער נעהמט די פרוי פאַר די קאַלטע הענד,—
„זי איז טאָקע, אַפנים, פון הונגער געשטאָרבען;
ווער וועט מיר בעצאָהלען מיין רענט?!"

אין צימער איז פינסטער. טרויריג בלאָזט דער ווינד
איבער די אָפּפער פון הונגער און נויטה.
רוהיג שלאָפט די מוטער מיט איהר אונשולדיג קינד
אונטער די שוואַרצע פליגעל פון טויט...

א שטיקעלע ברויט.

פאַר אַ שטיקעלע ברויט אָהן קייטען, אָהן סם,
ביז מיין טויט וואָלט איך אַרבייטען גערן,
אָבער, ברידער! מיין ברויט איז איצט פול מיט מיין דם,
פערגיפטעט מיט בלוטיגע טרערען.

עס רעבעלירען מיין הארץ און מיין מח
געגען דעם שענדליבען ברויט,
פאַר וועלכען איך אָפּפער מיין לעבען, מיין כח
און לייד דערצו ביטערע נויטה.

אַ שטיקעלע ברויט אָהן סם און אָהן קייטען, —
ברידער! פערלאַנג איך דען פיעל?
בין איך דען שולדיג, אַז איך קען ניט טויטען
אין מיר יעדעס מענשען־געפיהל?!

אַ שטיקעלע ברויט אָהן שענדליבע קייטען, —
ברידער! ווער עס וויל אַזאַ ברויט,
דער מוז אונזער הייליגע לעהרע פערברייטען,
קעמפּפען אויף לעבען און טויט!

ער מוז איבעראַל אין זיין ברוסט מיט זיך טראָגען
פון פרייהייט דעם הייליגען פלאַם;
יעדען קנעכט, יעדען הערשער דעם אמת נור זאָגען:
„מיר ווילען קיין קייטען, קיין סם.

מיר ווילען פריי אַרבייטען און אויך פריי געניסען
די פירות פון אונזערע הענד;
מיר ווילען, איהר זאָלט אונז דאָס בלוט ניט פערגיסען,
מיר ווילען צו קנעכטשאַפט אַן ענד!

מיר ווילען די פרייהייט, מיר ווילען די ערד;
מיר זעהען די צוקונפט מיט קלאָהרהייט:
יעדער שקלאַף איז אַ מענש, יעדער מענש איז אַ העלד,
ווען זיין וואַפע איז — ליעבע און וואַהרהייט!"

דער „עלפטער" אין דער פרעמד.

דזייט האָט מיך דער שטורם פערטראָגען
פון אייך, מיינע ברידער, וואָס וועל איך איצט טהאָן?
מיט וועמען וועל איך דעם „עלפטען" טראָגען
אונזער בלוטיגע טרויער־פאָהן?

איך זעה אַרום זיך נור קאַלטע געזיכטער,
ברואים, וואָס וויסען נור ביזנעס און געלד;
וואָס געהען זיי אָן די שטערען, די ליכטער,
וואָס האָבען בעלויכטען די שקלאַפען־וועלט!

וואָס וויסען זיי פון פרייהייטס־מאַרטירער?
איז דען ניט פריי דאָס שווינדעל־וואָרט?
וואָס אַרט דען די רויבער, שופטען, פערפיהרער,
דאָס בלוט פון אַ פינפאַכען ברודער־מאָרד?

ניט אין גלענצענדען פרייהייטס־טעמפעל,
ניט דאָרט, וואו דאָס פאָלק ערשיינט אין זיין מאַכט,
אין אַן אָרעם צימער, פאַר דעם צאַנקענדען לעמפעל,
וועל איך פערברייננגען די בלוטיגע נאַכט.

עס וועלען שוועבען פאַר מיר די געשטאַלטען
פון די, וואָס האָבען דעם מוטה געהאַט
זויגען־הויך זייער פאָהן צו האַלטען,
און שטאַרבען פאַר דעם פראָלעטאַריאַט!

און דער דורשט נאָך קריעג, און דער גליהענדער פייער
פון נקמה דערוועקט זיך אין מיר אויף דאָס ניי;
וואו זייט איהר העלדען? וואו זייט איהר בעפרייער?
וואָס לאָזט איהר געוועלטיגען די טיראַניי?!

שקלאַפען-מוזיק און שקלאַפען-פאַראַדען—
דאָס העלפט ווי פּאַראַיאָהריגער שניי;
האָט איהר פערגעסען די שלאַכט-באַריקאַדען,
באַמבען און שווערדען? דערמאָנט זיך אָן זיי!

דערמאָנט זיך אָן זיי! און ווי מענער, ווי העלדען,
הויבט אויף געגען פיינד אייער שווערד און שפּיעז,
און זאָלען די גלאָקען קלינגען און מעלדען,
אַז פריי איז דער מענש אין זיין פאַראַדיז!

פון „אלבערט פארסאנס ליעדער".

קומט ניט אויף מיין קבר צו טרויערן,
קרעכצען, זיפצען און בעדויערן,
ווען איך מאַך מיינע אויגען צו,
שטערט ניט מיין רוה!

בעליידיגט ניט מיין שטויב
מיט אייער ביליגען לויב,
מיט אייער מיטלייד און טרערען,—
אין מיין גרוב וועל איך שלאָפען אַזוי גערן!

דריקט ניט מיינע ביינער
מיט די קאַלטע מצבה־שטיינער,
מיט די הענד אויף מיין האַרצען
לאָזט מיך רוהען פון טויזענדע שמערצען!

ניט איבער מיר דאַרפט איהר טרויערען,
ניט מיך — א י י ך דאַרף מען בעדויערען,
אייך, וואָס בלייבען אויף דער וועלט,
שלעפען קייטען, זיך בוקען צום געלד!

פאַר מיר איז ניט מעהר קיין ליידען,
אין מיין גרוב וועל איך אַלעם פערמיידען!
קיין וואונד, קיין קייט, קיין טרער,
וועט מיין האַרץ ניט פערבלוטיגען מעהר!

איהר, וואָס ציטערט מיט יעדען אבר,
ווען איהר זעהט פאַר זיך דעם קבר—
ווי קלעגליך איהר קוקט דאָ מיר אויס,
זעהט, ווי רוהיג איך געה אין מיין הויז!

דעם טויט׳ס שטילער געצעלט
איז פרייער פאַר אייער וועלט,
וואו גליק איז איצט אַ טרוים,
וואָס טרעפט זיך זעלטען קוים.

שטיל וועל איך אין קבר ליגען,
די מוטער נאַטור וועט מיך וויגען,
ביז דער פֿרייהייט׳ס הייליגע סטרונע,
וועט מיך אויפֿוועקען אין מיין טרונע!

1789.

איך ליעב דיך, פֿראַנקרייך! איך ליעב דיך, פּאַריז!
איך ליעב דיך, בעגייסטערטער, קעמפֿענדער ריעז
מיט דיין רויטען פּאַנצער און שאַרפֿען שפּיעז,
איך ליעב דיך, פֿאָלקס-בעפֿרייער!

איך ליעב דיין העלד, דעם גרויסען מאַראַט,
דעם אונערשראָקענעם פֿרייהייטס-סאָלדאַט;
זיין יעדעס וואָרט איז אַ העלדען-טהאַט,
זיין יעדער שריט איז פֿייער!

פֿון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט
הער איך, ווי עס קלינגט און דונערט,
פֿון דער גאַנצער וועלט בעוואונדערט,
פֿראַנקרייך, דיין שטורם-גלאָק.

ער קלינגט, ער רופֿט אויף אַלע שפּראַכען
צו יעדען פֿערוואָנעלטען, אָרעמען, שוואַכען:
„ליידענדער קנעכט, שוין צייט צו ערוואַכען,
עס געהט אויף דער פֿרייהייטס־טאָג!

„טהו אָן דיין פּאַנצער, הויב אויף דיין פֿאָהן!
פֿערניכט דעם קעניג, צושמעטער דעם טראָהן!
זיעגען מוז די רעוואָלוציאָן!—
אַרבייטער־פֿאָלק, צו די וואַפֿען!

„מיר ווילען ניט קענען קיין אויטאָריטעטען,
וואָס רויבען אונז, מאָרדען אונז, דריקען און טרעטען;
מיר ווילען קיין גאָט און קיין טייוועל ניט בעטען,
מיר ווילען ניט מעהר זיין קיין שקלאַפֿען!

„מיר ווילען זיין ווי די אָדלער פֿריי!
מיר ווילען געניסען דעם לעבענס־מאַי!
ציטער, דו בלוטיגע טיראַניי:
עס קומט דער ראַכע־טאָג!"

אַזוי הער איך, ווי ס'קלינגט און דונערט
פֿון יאָהרהונדערט צו יאָהרהונדערט,
פֿון דער גאַנצער וועלט בעוואונדערט,
פֿרייהייט, דיין שטורם־גלאָק!

די רעוואלוציאן.

(נאך׳ן דייטשען.)

די איז נימ טויט! איהר קענט זי נימ דערשלאָגען!
זי לאַכט פון אייער צאָרן, אייער ברומען און ברילען,
איהר מעגט זי הונדערט מאָל צום קבר טראָגען:
אונשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!

איהר גלויבט, איהר האָט זי געקייט און געבונדען,
אייף׳ן גאַלגאַן דערוואָרגען, מיט׳ן שווערד דערשטאָכען—
און דאָך, טראָטץ אַלע איהרע שווערע וואונדען:
אונשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!

זי שטורעמט, פאָהרט מיט בלוטיגע לאָקען,
מיט פלאַמענדע אויגען דורך שטעדט און לענדער—
זי ציהט אומעטום די אַלארם-גלאָקען:
אונשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!

יונג און אַלט איהר אויפרוף הערט,
בעגייסטערט ווערט מאַן און פרוי—
גרייפט מיט קראַפט דעם העלדען-שווערד:
אונשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!

זי לויפֿט געשווינד גליק פֿערקינדען,
איהר לעהרע איז מיט בלוט געטויפֿט—
געלדזאַק, פֿאַפּסט און טראָהן פֿערשווינדען:
אונשטערבליך לעבט די רעוואָלוציאָן!

וואַך אויף, אָה פֿאָלק, עס קומט די צייט!
הער איהר רוף און פֿערלאָז דיין געצעלט!
פּראָלעטאַריאַט, צום בלוטיגען זיי געגרייט!
בעפֿריי זיך, און פֿריי איז די וועלט!

די פֿאָלקסשטימע.

(געווידמעט אַן אַלע פֿריידיינקענדע ארבייטער.)

איך זעה אַ פֿינסטערע גרוב פֿאַר מיר,—
דריקענד איינעם דעם צוויטען,
ליגען געפֿאַנגענע שקלאַפֿען אין איהר,
געשמידט אין אייזערנע קייטען.

איך הער ווי זיי שרייען: „אָה, רעטעט אונז, ברידער,
פֿון פֿינסטערניש, הונגער און נויטה;
אָרעמע, עלענדע, פֿאַלען מיר ניעדער
אין קאַמפּף פֿאַר דאָס שטיקעלע ברויט!

האָבען מיר דען ביי דער וועלט פֿערדיענט
מען זאָל אונז מיט צוואַנגס־אַרבייט טויטען,
און דאָס פֿערשאָלטענע אַרבייטער־קינד
זאָל ירש'ענען שווינדזוכט און קייטען?

זעהט, יעדער פּאַלאַץ, יעדער וויסענשאַפֿטס־טעמפּעל
און אַלעס וואָס רייך איז און גרויס,
טראָגט אויף זיך דעם הייליגען שטעמפּעל
פֿון אונזער פּראַצע און בלוטיגען שוויס.

און אויך די ווערק פֿון גרויסע ערפֿינדער,
מיט וועלכע עס קלינגט די וועלט,
זיינען געבויט פֿון אַרבייטער־קינדער,
וואָס ליידען הונגער און קעלט!

און זיי לאַנג וועלען מענשען נאָך ליידען און בלוטען
אין פֿינסטערניש, עלענד און שאַנד!
ברידער! אין קאַמפּף זיינען אויך טהייער מינוטען,
קומט צו אונז! רייכט אונז די האַנד!"

אַזוי הער איך די שקלאַפֿען רופֿען און שרייען—
מענשען געהען קאַלטבלוטיג פֿערביי...
דאָך עס גיט אויך אַזוינע, וואָס ווינשען בעפֿרייען
די ברידער פֿון שקלאַפֿעריי.

נור זיי קענען זיך נאָך ביז איצט ניט דערקלעהרען,
וואָס זאָלען זיי אָנהויבען טהאָן!
איינינע שרייען, פֿריי קען מען ווערען
נור דורך רעוואָלוציאָן.

די אַנדערע שרייען, מען דאַרף נור האַרען,
אונז רעטעט די וויסענשאַפֿט!
עס שרייען צוזאַמען די קלוגע און נאַרען,
און דער שקלאַף בלייבט ווי אימער פֿערשקלאַפֿט!

יעדע פּאַרטיי האָט איהרע חסידים
און אַ פֿרומען רבי ביי זיך,
וואָס פּריידיגט אימער צו זיינע תלמידים:
„אַ שפּיי אויף יעדען, וואָס דיינקט ניט ווי איך!"

אָנשטאָט צו זעהן אַלע אַרבייטער ברייננגען
אונטער איין פֿרייע פֿאָהן,
שטרעבט איין פּאַרטיי די צווייטע הייננגען,
און עס יובלען געלדזאַק און טראָהן!

עס קלינגען זים געשליפֿענע צינגער,
עס זינגען אונז פֿאָלקס־פּאָעטען!
דאָך דעם עלענדען שקלאַף איז דערפֿון ניט גרינגער,—
נור איינינגקייט קען איהם איצט רעטען!

ער האָט שוין די לעצטע קרעפֿטען פֿערלאָרען,
דאָך זיין פֿיינד איז מיט בלוט נאָך ניט זאַט!
מענשען זיינען מיר? פּוסטע פֿראַזיאָרען,
ברידער, אין וואָרט, ניט אין טהאַט!!

זיינען אונז טהייערער „סיסטעמען"
פֿון מענשליכע בלוט און פֿלייש?
פּריידיגען מיר ניט פֿאַר זיך, נור פֿאַר יענעם
מענשענליעבע אַזוי הייס?

און ווילען מיר ווירקליך אַמאָל עררייכען
דאָס היילינע פרייהייטס-לאַנד,
וואָרום זאָלען מיר זיך ווי ברידער ניט רייכען,
איינער דעם צווייטען די האַנד?!

נור פעראייניגט איז מעגליך מיר זאָלען פערניכטען
דעם אַלגעמיינעם פיינד,
און פריי געניסען די היילינע פרוכטען,
וואָס ווערען גערויבט פון אונז היינט.

אמת׳ער פאטריאטיזמוס.

וואָס שרייט איהר געגען פאָטערלאַנד?—
זאָל יעדער טהון זיין פפליכט
און קעמפפען אין זיין פאָטערלאַנד
פאַר פרייהייט און פאַר ליכט!

זאָל יעדער ליעבען זיין פאָטערלאַנד גוט,
זיין שפראַך און זיינע ליעדער,
און קעמפפען מיט זיין האַרץ און בלוט
פאַר זיינע פערשקלאַפטע ברידער.

דאַרף איך דען האַסען פאָטערלאַנד?
זאָל די פרייהייטס-לעהרע פערברייטען
יעדער אין זיין אייגענעם לאַנד
און זיין פאָלק בעפרייען פון קייטען.

זאָגט: וואָס שאַדעט דעם פראַנצויז
זיין אמת'ער פאַטריאָטיזמוס?
איז דען ניט פראַנקרייך ווי פריער היים
אין קאַמפף פאַר סאָציאַליזמוס?

און ווען אין יעדען פאָטערלאַנד
פאַלען טיראַנען און טראָהנען—
דאַן פאַלט אויך די פינסטערע וואַנד,
וואָס צוטיילט איצט אַלע נאַציאָנען.—

אַלע מענשען וועלען זיך רייכען די האַנד,
ווי גוטע, ליעבענדע ברידער,
און יעדער וועט זינגען אין זיין שפּראַך און זיין לאַנד
די הייליגע פרייהייטס-ליעדער.

וואס איז א דיכטער.

גלויבט ניט דעם דיכטער! איהם איז שווער צו פערשטעהן,
ער בעוויינט טויזענדער זאכען;
ער קוויקט זיך מעהר מיט זיין געוויין,
ווי מיר מיט אונזער לאכען.

גלויבט ניט דעם דיכטער! פון זיין בלוטיגער וואונד
וועט ער אייך מיט טרערען דערצעהלען,
און קריעגט ער אַ קוש פון אַ געטין'ס אַ מונד—
זייט זיכער! זיין וואונד וועט פערהיילען!

גלויבט ניט דעם דיכטער! זיין הארץ קען פערביטערן
אַ צוטראָטענע בלום אויף דער גאַס;
ביי אַ זיפץ פון אַ בעטלער ווערט ער פערציטערט,
אַ קלאַנג פון אַ קייט מאַכט איהם בלאַס!

גלויבט ניט דעם דיכטער! ער איז פריי ווי דער ווינד!
אויף דאָס בלוט פון די קעמפפענדע ברידער
קוקט ער ווי אויף רויט־פאַרביגע טינט,
וואָס איז גוט פאַר בילדער און ליעדער...

גלויבט ניט דעם דיכטער! ער לאַכט מיט טרערען,
אין זיין געוויין ליעגט האָס און שפאָט...
וואָס איז אַ דיכטער? איז שווער צו ערקלעהרען—
ער איז אַלץ און גאָרנישט, אַזוי ווי גאָט!

אונשטערבליכקייט.

עס ווערט קיין זאַך פֿערלאָרען,
עס בייט די פֿאָרם נור;
געשטאָרבען און געבאָרען
איז גלייך פֿאַר דער נאַטור.

די גאַנצע וועלט די גרויסע
איז נור אַ לאַנגע קייט
פֿון רינגען, שוואַרצע און ווייסע,
וואָס רופֿען זיך „לעבען" און „טויט".

צומישט אין דער נאַטור אַרום
איז דאָס לעבען און דער טויט:
אַמ קריכט אַ גיפֿטיגער וואָרים
נעבען אַ בליהענדען בלומען־קרייט.

אַ טהייל הערליכע בוימער
גיבען פּירות, ביטער ווי גאַל;
און אָפֿטמאָל פֿון טויטע שטיינער
שטראָמט אַ לעבענס־קוואַל.

איך דיינק, אַז פֿון אונזערע ביינער,
פֿון די קעמפֿפֿער טויטען לייט,
וועט אויסוואַקסען אַ שענער,
אַ לעבענספֿולער בוים;

אַ בוים מיט גאָלדענע פּירות,
גשמאַק און פריש און זיס;
ער וועט געבען די קומענדע דורות
פון אונז אַ ברודער־גרוס.

צו דער מוזע.

מוזע! דו קלאַפּסט שוין ווידער אין טהיר
פון מיין אָרעמען, עלענדען האַרצען;
מיין קינד, איך האָב קיין פּלאַץ פאַר דיר —
מיין האַרץ איז פול טרערען און שמערצען.

זעה אַליין, איך בין קראַנק און מיעד,
ווי קען איך איצט זינגען ליעדער?
און וואָס קען העלפען מיין טרויער־ליעד
מיינע אָרעמע שוועסטער און ברידער?

די וועלט איז אַ בלוטיגער, ווילדער טיראַן!
זי צורייסט מיר יעדען אבר!
מיין ליעד איז דאָס ליעד פון אַ קברות־מאַן
איבער אַ יתום׳ל׳ס קבר.

פון זיסע ליעדער, געשליפענע גראַמען,
האָב איך קיינמאָל געוואוסט;
די וועלט מיט איהרע בלוטיגע דראַמען
צורייסט אויף שטיקער מיין ברוסט.

אַך, גרויס איז מיין טרויער! אַ גיפטיגע שלאַנג
לעבט אין דיין אָרעמען זינגער;
איך פיהל, ווי זי זיצט אין מיין יעדען געדאַנק,
זי שרייבט איצט מיט מיינע פינגער.

אוי, קלאַפּ ניט, מוזע, אין מיין אָרים האַרץ!
דאָרט ברענען קיין האָפנונגס־ליכטער;
עס איז דאָרט איינג פון טרערען און שוואַרץ —
געה צו די גליקליכע דיכטער!

צו די, וואָס וויסען פון גאָלדענע שטונדען,
פון זיסען, פון הימלישען חן, —
און מיך מיט מיינע קייטען און וואונדען,
מיך לאָז אויף אַ ווײלע אַליין!

פראגמענט.

פיעלע מענשען שטעלען די פראַגע:
װאָס קען העלפען אַ רעװאָלוציאָן?
װי קען זי פערבעסערען אונזער לאַגע,
פערניכטען קייטען און טראָהן? —

דאָס אונװיסענד פאָלק קען נור ברעכען און ברענען,
דאָך גיך שטילט זיך איין זיין צאָרן,
און דאַן װעט עס װיעדער דעם טראָהן אַנערקענען
און דער ביטערער קאַמפף איז פערלאָרען!

דיעזע קלוגע לייט גיבען אונז עצות,
צו לערנען און אָבװאַרטען נאָך
און שלעפען, װי תמיד, אויף אונזערע פלייצעס
דאָס שרעקליכע שקלאַפען־יאָך...

די עצה איז קלוג, דאָך עס קען זי נור געבען
אַזוינער, װאָס האָט פיליכט „געשטודירט"
די אַרבייטער־פראַגע, אָבער אין לעבען
אַן ארבייטער זיין ניט פּרובירט;

אָדער אַזוינער, װאָס טראָגט אין ברוסט אַ שמאַטע
און ניט קיין מענשליכעס האַרץ
און דיינקט, אַז מען קען מיט װערטעלעך גלאַטע
היילען דער מענשהייט'ס שמערץ.

דאָך אַ מענש מיט האַרץ און געהירען
אין דיעזער וועלט פֿון שווינדזוכט און נויטה,
קען ניט רוהיג פֿילאָזאָפֿירען...
פֿרייהייט! — שרייט ער — אָדער טויט!

מיר קענען איצט פֿון דער צוקונפֿט ניט קלעהרען,
מען דריקט אונז, מען צאַפּט אונזער בלוט,
ווען די פֿרייהייט זאָל אויך איין מינוט נור געוועהרען,
איז דאָך אויך זים איין פֿרייע מינוט!

און וואַרום זאָל די פֿרייהייט ניט זיין פֿאַר יאָהרען?
דאָס פֿאָלק גאַרט פֿרייהייט אומעדום!
און ווען דער פֿרייהייטס־קאַמפף געהט פֿערלאָרען,
איז עס דערפֿאַר ווייל די פֿיהרער זיינען דום!

וואַרפֿט ניט אַרויף די שולד אויף'ן פֿאָלק,
ווען איהר זייט שולדיג אַליין;
ווייסט נור צו פֿיהרען דעם קאַמפף מיט אַ טאַלק
און דער קאַמפף וועט פֿערלאָרען ניט געהן!

* * *

איך בין נים קיין שוועכלינג! דער אמת, וואָס ברענט
אין יעטוועדען טהייל פון מיין הארצען,
קען קיינמאָל נים ווערען פערטיליגט, פערלענדט
פון אַ ים פון יסורים און שמערצען.

און ווען מיין קערפער מיט יעדער מינוט
קומט נעהענטער צום טויט'ס געצעלט,—
פליהט מיין גייסט מיט שטאָלץ און מוטה
אלץ נעהענטער צו דער פרייער וועלט.

אונזער „פרייהייט".

אין דעם שטאַאַט, די פאָליציי,
אין דער פרעסע, די צענזורע:
אַלע שפייען איצט גאַנץ פריי
דער גערעכטיגקייט אין צורה.

דאָך איך זעה שוין פאַלען, זינקען,
שטאַאַט, דיין אַלטעס שקלאַפען־הויז!
און די שפייערס וועלען טרינקען
וואָס זיי שפייען איצט אויס...

דער פּראָפֿעט.

(נאָך לערמאָנטאָוו.)

פֿוּן דאַמאָלס, ווען דער פֿרייער גייסט
האָט מיך געמאַכט פֿאַר זיין פּראָפֿעט,
בעקעמפף איך פֿאַלשקייט שטאָלץ אוּן דרייסט
אוּן וועק דעם קנעכט מיט מיין טרומפּעט,

דאָך טויב איז נאָך דאָס שקלאַפֿען־פֿאָלק,
מיך הערט פֿוּן טויזענדע איינער;
איך ווער געהאַסט, איך ווער פֿערפֿאָלגט,
מען וואַרפֿט אין מיר מיט שטיינער.

עס שרעקט די וועלט דאָס פֿרייע וואָרט!
אוּן ווי אַ בעטלער, אָבגעריסען,
וואַנדער איך פֿוּן אָרט צוּ אָרט
אוּן קיינער וויל פֿוּן מיר ניט וויסען.

דאס פאבריק־קינד.

א מיידעלע אַ בלאַסע
האָב איך אין שאָפּ געזעהן;
אַ קינד מיט הענטלעך דאַרע
מוז האָרעווען שוין און נייהען!

ווי אַ קליינע פֿויגעלע
אין אַ שטורם־ווינד,
זיצט פֿערציטערט, דערשראָקען
דאָס אונגליקליכע קינד.

עס שרייט און שילט דער מייסטער,
דאָס קינד, עס אָטעמט שווער;
אין איהרע פֿעראומערטע אויגלעך
בליצט אַ הייסע טרער.

אָה, בלאַסעס, שוואַכעס מיידעלע,
ווי קומסטו דען אַהער?
צי קען אַ קינד דען אַרבייטען
ביטער אַזוי און שווער?

ביסטו אַ יתומה
און בייזע פֿרעמדע לייט
דינגען גערן דיך בעגראָבען
אין דיין פֿריהלינגס־צייט?

אָדער דו האָסט אַ מוטער,
אַן אלמנה, קראַנק און בלינד,
און פֿאַר ברויט פֿערקויפֿען
מוז זי איהר טייער קינד?

אָה, קינד, דיין בלאַסער פּנים,
פֿערטרויערט, שעהן און מילד,
ציינט ווי ווייט אונמענשליך
די רייכע זיינען, ווי ווילד!

זיי קויפֿען אָב פֿאַר קליינגעלד
אַ קינד'ס געזונד און יאָהרען
און מאַטערען עס, ביז וואַנען
עס געהט צום גרונד פֿערלאָרען!

אָה, ליעבעס קינד! דיין פֿריהלינג
האָט שוין פֿערבליהט! דיין קראַפֿט
זויגט אוים די מאַשינע,
דו ביזט פֿערשקלאַפֿט, פֿערשקלאַפֿט!

אָה, בייזע, ווילדע רייכע,
איהר פֿרעסט דאָס פֿלייש פֿון פֿאָלק,
איהר טרינקט זיין בלוט און ווערט ניט
קיינמאָל פֿון געזעץ פֿערפֿאָלגט!

און ווען אַן אָרימע מוטער,
פֿון הונגער, עלענד, נויטה,
נעהמט פֿאַ, איהר קינד ביי אַ בעקער
אָהן געלד אַ לעבעל ברויט—

דאַן פּאַקט מען גלייך די אָרימע,
ווי אַ שטומען פֿיש אין נעץ,
מען שליסט זי איין אין טורמע—
דאָס הייסט ביי אונז „געזעץ"!

עס עקזיסטירט אַפילו
אַ געזעץ פֿון פּאַטריאָטען,
וואָס האָט קינדער־אַרבייט
אין דער פֿאַבריק פֿערבאָטען—

דאָך וואָס הערען מאַגנאַטען
געזעצען אָדער מאָראַל,
ווען קינדער־פֿלייש איז ביליג—
מען „שלאָגט" פֿון דעם קאַפּיטאַל!

זיי ווינען נאָך שעהנע בירגער,
פֿויל און דיק און זאַט;
די גרעסטע, שווערסטע פֿערברעכענס
געהען אַראָב זיי גלאַט!

* * *

אָה רייכע, שעהנע „בירגער",
עס קומט באַלד אָן אַ צייט,
ווען דאָס פֿאָלק דאָס בערויבטע
וועט רופֿע... אייך אַ שטרייט!

אָה רייכע, שעהנע „בירגער",
עס קלאַפּט שוין אייער שעה!
דער אַרבייטס־מאַן, בעוואַפֿענט,
שטעהט אויף שויז דאָרט און דאָ!

א ניט געענדיגטע דראַמאַ.

(פֿון דעם רוסישען.)

געשטאָרבען איז מיין מוזע! זי האָט מיך ניט לאַנג
געטרייסט מיט איהר הייליגען, זיסען געזאַנג;
פֿערוועלקט זיינען די בלומען, פֿערלאָשען אַלע שטערען,
דאָס האַרץ איז פֿערטרונקען אין גאַל און אין טרערען.

אומזיסט זוך איך ווערטער, אומזיסט זוך איך ליעדער,
וואָס זאָלען מיין האַרץ בעגייסטערען ווידער;
טויט איז מיין מוזע! שטום אין אַ טרונע
ליגט מיין לעצטע, צובראָכענע סטרונע.

און דאָך איך געדיינק: אויף מיין לעבענסשוועל
האָט מיר געשיינט די זונן אַזוי העל!
איך האָב ניט בעמערקט פֿון קיין שטורם אַ שפור,
די פֿויגלעך, די בלומען, די גאַנצע נאַטור,
האָט מיר געזונגען פֿון ליעבע און גליק;—
אַך, גאָלדענע יוגענד! דו קומסט נים צוריק!

וואו איז דער אונטערשיעד.

איהר זאָגט, דאָס סיסטעם איז זעהר שלעכט,—
מיר שטימען מיט אייך מיט;
די אַרבייטער זיינען איצט נור קנעכט,—
דאָס איז אויך אונזער ליעד.

איהר שרייט: דער רייכער איז אַ דיעב,—
דאָס שרייען מיר נאָך מעהר;
איהר האָט אַ גרויסען הערר נישט ליעב,—
מיר האַסען יעדען הערר!

איהר זאָגט: דער מענש קען ווערען פריי
נור דורך ווויסענשאַפט,—
מיר זאָגען, אַז מען דאַרף דערביי
אויך מוטה און העלדענקראַפט!

איהר טרייבט די קנעכט צום באַלאָט־באָקס,—
מיר טרייבען נישט, אָה, ניין!
מען דאַרף דאָך פשוט זיין אַן אָקס
דעם שווינדעל נישט פערשטעהן.

איהר קעמפפט מיט אימפעט פאַר „אַכט שטונדען",—
מיר קעמפפען נור פאַר צוויי;
איהר ווילט נור צודעקען די וואונדען,—
מיר ווילען היילען זיי!

איהר פֿאַלט דעם „קאַיזער" **צו די פֿיס,**—
דאָס שטעהט אונז גאָר נישט אָן;
איהר מאַכט איהם חן'דלאַך צוקער־זיס,—
דאָס קענען מיר נישט טהאָן!

מען קען נישט שולדיגען אייך **פֿיעל,**
איהר האָט צו שוואַכע אויגען,
אום צו טרעפֿען גלייך אין ציעל
מיט דעם פֿרייהייטס־בויגען.

דאָס זעהט איהר, אַז מיר זיינען **פּראַקטיש,**
מיר קעמפֿפֿען נישט אומזיסט;
נור איהר זייט צו אַריסטאָקראַטיש—
אייך שרעקט דער „רויטער איסט".

אייב איינינקייט איז איצט נישר' **מעגליך,**
איז דאָס נישט אונזער שולד;
די זאַך איז ווירקליך זעהר **קלעגליך!**
דאָך, ברידער, האָט געדולד!

איך דיינק, עס וועט נישט נעהמען **לאַנג,**
מיר וועלען ווערען איינינג;
מיר האָבען אַלע איין פֿערלאַנג—
פֿערניכטען שקלאַף און קעניג!

נור איינע ווילען מיט **שלאָס און ריגעל**
אונז צווינגען ליעבען שעהן;
די צווייטע זאָגען: **צובינד די פֿליגעל,**
מיר **פֿליהען שוין אַליין!**

דאָךביידע מיינען צו טהאָן נור גוטס,
אונ ביידע זיינען קיין דיעבען;
פֿון ביידע האָט די וועלט אַ נוץ —
זיי לערנען פֿרייהייט ליעבען!

אונ איך האָף נאָך זיין דערביי,
ווען זיי וועלען ווי קאַמראַדען
קעמפֿפֿען געגען טיראַניי
אויף שלאַכטפֿעלד־באַריקאַדען!

אונ ווען זיי שלאָגען זיך איצט אַרום,
וואָס קען מען, ברידער, מאַכען!
סיען זאָגט, אַז וויינען איז צו דום, —
לאַכט, אויב איהר קענט לאַכען!

דאס צייט־ליעד.

„נייע צייטען, נייע פֿויגלען,
נייע פֿויגלען, נייע ליעדער".
ה. היינע.

מוזע, מיין לייבלינג, מיין איינציגע פֿריינדין,
קום נור אַהע[illegible] קראַנקען פּאָעט,
ער קען מעהר ניט שווייגען, ער קען מעהר ניט דולדען,
העלף איהם, מיין טהייערע, אויפֿשטעהן פֿון בעט!

זעה, וואָס עס טהוט זיך! ווי קען מען דאָס גלויבען?
עס יובעלט, עס הוליעט די רעאַקציאָן,
און זיי, די אַמאָליגע דיינקער און קעמפפער,
זיי שלאָפען, זיי שנאָרכען, עס געהט זיי ניט אָן!

זיי זיינען ניט לאַנג נאָך אַלס וואַהרהייטס-פּראָפעטען
געשטאַנען פאַר אונז אויף דער פרייהייטס-טריבון,
און איצט, ווי פעררעטהער, ווי פייגלינגע שוואַכע,
בעהאַלטען זיי זיך פאַר די ליכטיגע זונן!

פיהר מיך, אָה מוזע, אָה, פיהר מיך געשווינדער!
אַהין אין דעם נייעם „קאָלומבוס'עס רוים",
אַהין, וואו מענשליכקייט איז נור אַ פראַזע,
און מענשען-עהרע איז נור אַ טרוים!

פיהר מיך צו מיינע אַלטע קאַמראַדען!
פיהר דעם פערוואונדעטען אינוואַליד,
פילייכט וועלען זיינע טרערען און וואונדען
דערוועקען אין זיי אַ נייעם געמיטה!

ווידער וועט פלאַטערען שטאָלץ אונזער פאָהן!
עס וועט זיך דערוועקען אַ לעבען, אַ גייסט!
די שיף וועט צולאָזען די בלוט-רויטע זעגלען,
און יעדער מאַטראָז וועט זיין מוטהיג און דרייסט!

פיהר מיך אַהין, אָה, פיהר מיך געשווינדער!
דאָך שאַ... איך הער מעפיסטאָפעלעס רעדט:
גענוג שוין צו טרוימען, דו נאַרישער דיכטער!
גענוג פאַנטאַזירען, ליג שטיל אויף דיין בעט!

וואוהין וועסטו געהן? ווער וועט דיך הערען?
דיין בליצענדעס אויג, דיין ברענענדע שפּראַך
וועט די קאַלטע וועלט נור פֿערשפּאָטען
מיט אַ צינישען שמייכעל, אַ טייוועלשען לאַך!

מען וועט דיר דאָרט זאָגען: אַך, לאָז אונז צופֿריעדען!
דו ביסט נאַאיוו אָבער מיר זיינען קלוג!
אַפּלאָדיסמענטען און לאָרבער־קראַנצען
האָט אונז דאָס פֿאָלק שוין געגעבען גענוג!

וואָס דאַרפֿען מיר מעהר? דו שרייסט אונז מיט צאָרן:
דאָס פֿאָלק איז בערויבט, עס בלוטעט, עס פֿאַלט...
אונזערע ברידער שמאַכטען אין קערקער...
אַך, ברודער! דאָס מאַכט אונז ניט היים און ניט קאַלט.

אָט זעהסטו, קאַריערעס, טיטולען, דיפּלאָמען,
ביזנעס! דאָס אַכטען מיר. וואָס דאָרט ניט זאָג!
מען קען מיט דעם קנאַקען! מען קען מיט דעם גלענצען
און לעבען דערצו אויך אַ גוטען טאָג!

ווער קען אונז שטערען! ווער קען פֿערוועהרען!
און ווען אַמאָל אַ פֿעררוקטער פּאָעט,
שרייט דאָרט און ליאַרעמט: „וואָס טהוט איהר פֿעררעטהער!"
אַך! ווער הערט דען איהם, וואָס ער רעדט?!

אָדער ווען דער פֿערשמוצטער געוויסען
גיט פלוצלינג, ווי גיפֿט, אין האַרצען אַ ברען...
כאַפּט מען זיך אָן פֿאַר דער גלאַטינקער פֿראַזע:
אַך! איך טהו דאָך וויפֿיעל איך קען!

אַזוי האָט געשפּאָטעט דער מעפּיסטאָפּעל...
זיין שטימע איז געווען ביטער, ביטער ווי גאַל,
ביטער ווי מיין פערוואָגעלטעס לעבען,
אָהן א פיצעלע פרייד, אָהן אַ ליכטיגען שטראַהל!

צו די גאָטספארכטיגע בירגער.

מיר קומען צו אייך מיט דער פאָהנע פון פרייהייט,
מיט דעם פאַקעל פון ריינעם פערשטאַנד,
מיר ווייזען אייך אויף די אונשטערבליכע וואַהרהייט
מיט דער וויסענשאַפט'ס אייזערנער האַנד!

איהר ווילט אונז ניט הערען, איהר קריצט מיט די צייהנער,
פערדאַמט אונזער דיינקען אוי טהאָן;
איהר שלעפט אונז אין קערקער, איהר וואַרפט אויף אונז שטיינער
אין נאָמען פון גאָטס ביטער לעהר.

דאָך מיר מוזען ריידען און מיר וועלען ריידען,
אָה, דומע קנעכט פון גאָט מאַמאָן!
מיט אונז איז די וואַהרהייט, איהר קענט אונז ניט שיידען
פון איהר אונבעזיעגבאַרער פאָהי!

איצט זאָגען מיר אייך: געננוג שוין צו גלויבען!
ווער פֿון אייך ווייס ניט ריכטיג דעם סוד,
אַז גראַדע ווי אונטען, אַזוי אויך דאָרט אויבען
גיט ניט קיין שפור פֿון אירגענד אַ גאָט?

און וואָלט נור געוויעזען, אָה אידען, אַ בורא,
אַ גרויסער, שטאַרקער, אַלמעכטיגער גאָט—
וואָלט ער דערלאָזט דען, אַז איהם און זיין תורה
זאָל מען בעדעקען מיט חרפות און שפּאָט?

וואָס מאַכט מען היינט ניט פֿון רבונו של עולם?
מען שימפּפט איהם און שמוצט איהם גאָר אָהן אַ שיעור,
און דאָך זיצט ער ווי אַ ליימענער גולם,
און גיט זיך צוזמאָל ניט אפילו קיין ריהר!

און ווייסט איהר פֿאַרוואָס? עס איז פשוט ניטא
ווער און וואָס זאָל זיך אָנהויבען ריהרען,
וואָרים דער, ביי וועמען אַ גאָט איז נאָך דאָ
דעם פֿעהלען אימער אין קאָפּ געהירען!

אָה ניין! ווען ווירקליך עס זאָל עקזיסטירען
אַ גאָט, וואָס נור ער דריקט אונז און פּלאָגט,
וואָלט מען נייטיג געדאַרפֿט איהם עקספּלאָדירען,
ווי דער ויידע באַקונין האָט געזאָגט.

* * *

פוסט און גאָטלאָז, ברידער, איז דער הימ...ל
יעדער דיינקער ווייס דערפֿון—
און מיר זאָגען: „וואַכט אויף פֿון אייער דרימעל,
ערבליקט די ליכטיגע זונן!"

פֿערהאַסט ניט די וואַהרהייט, זי איז אייער רעטער,
יאָהרהונדערטע קעמפֿפֿט זי פֿאַר אייך;
זי וועט די מענשען מאַכען פֿאַר וואַהרע געטער,
און די ערד פֿאַר — אַ הימעל־רייך.

פֿערהאַסט ניט די וואַהרהייט און איהרע פּראָפֿעטען,
ערקענט זיי אַלס ברידער, אַלס פֿריינדע:
זיי קומען אייך וועקען, זיי קומען אייך רעטען
פֿון אייערע בלוטיגע פֿיינדע.

זיי קומען עראינערען אייך אָן די פֿליכטען
פֿון אַ יעדען פּראָלעטאַריאַט:
צו דיינקען, צו קעמפֿפֿען, צו העלפֿען פֿערניכטען
דעם געלד־זאַק, די קירכע און שטאַאַט.

מיר קומען צו אייך מיט דער פֿאָהנע פֿון פֿרייהייט,
מיט דעם פֿאַקעל פֿון ריינעם פֿערשטאַנד,
מיר ווייזען אייך אויף די אונשטערבליכע וואַהרהייט
מיט דער וויסענשאַפֿט'ס אייזערנער האַנד.

צו די פינסטערע בטלנים.

דאָס קריצט איהר מיט די צייהן, איהר פינסטערע בטלנים?
איהר ווייסט דאָך, אַז אַ פריהלינג מאַכט ניט איין שוואַלב,
איהר קענט נאָך ווי אימער מיט אַ רחמנות פנים,
ווי בעטלער בוקען זיך צו אייער גאָלדענער קאַלב.

איהר קענט ווי תמיד נאָך האָפען אויף נדבות,
זיין גרויסע פאַטריאָטען און לעבען פון „באָפ־לאָפ",
און רופען אין דעם לאַנד פון אונזערע טויטע אבות,
אַהין, וואו עס הונגערט איצט דער טערק און דער אַראַב.

די וועלט איז דום געגוג, איהר קענט נאָך שווינדלען, רויבען—
אַלעס אין נאָמען פון'ם אונטערדריקטען איד;
און ער, דער עלענדער, ער מוז אייך אַלעס גלויבען:
בעדעקט מיט פינסטערניש איז זיין יעדער שריט.

דאָך ניט דיינקט, אַז איהר וועט הוליען אייביג,
עס קומט די צייט, די וואונדערבאַרע צייט:
עס וועט ניט זיין קיין בעטלער און קיין קעניג
און יעדעס פאָלק און מענש וועט זיין בעפרייט!

דאַן ציטערט, איהר גנבים, פאַראַזיטען!
מען וועט אייך ברייגגען פאַר דעם פאָלקס־געריכט,
און איהר וועט פערשווינדען, היפאָקריטען,
ווי פינסטערניש פאַר דאָס זונען־ליכט!

די געפאלענע.

וואָס קוקט איהר אויף מיר מיט פעראַכטונג?
וואָס וואַרפט איהר שטיינער אויף מיר?
איהר זאָגט, איך פערקויף מיין עהרע—
האַנדעלט איהר זעלבסט ניט מיט איהר?

איהר זעהט דיזע „פיינע" פרויען,
געקליידעט אין גאָלד און אין זייד?
פערקויפען זיי זיך ניט גאַנץ אָפען
צו רייכע אָנשטענדיגע לייט?

נאָר איך פערקויף זיך איז אַרמוטה,
אין הונגער, דערפאַר ווייל איך מוז,—
און זיי פערקויפען די עהרע
און רייכטהום — פאַר איבערפלוס.

איהר זאָגט, זיי האָבען געהייראַטה...
ווייסט איהר, וואָס דאָס בעטייט?...
פיעלע הייראַטהען... דאָך ליעבען—
ווער ליעבט עס אין אונזער צייט?!

מען הייראַטה פאַר געלד, פאַר רייכטהום,
פאַר אַ טיטול פון אַ גראַף;
מען הייראַטה צו האָבען אַ קעכין,
מען הייראַטה צו האָבען אַ שקלאַף...

דאָס הייראַטהען איז איצט אַ שווינדעל
אויף׳ן שמוציגען לעבענס-מאַרק,
אַ מאַסקע פֿאַר ווילדע אינסטינקטען,
פֿאַר הייליגע ליעבע אַ — זאַרג.

קען אַ חופּה אָדער אַ קלויסטער
מאַכען הייליג פּראָסטיטוציאָן?
אַ פּראָסטיטוטקע ווערען אַ געטין,
צי זי אַ קאַרטע האָט, צי אַ טראָהן?

אויב נים, וואַרום פֿאַר די רייכע
נעהמט איהר דעם הוט אַראָב,
און פֿון אונז — עלענדע אָפּפֿער —
מיט פֿעראַכטונג קעהרט איהר זיך אָב?

און איהר שרייבער, פּראָפֿעסאָרען,
פריידיגער פֿון מאָראַל,
פֿערקויפֿט איהר ניט אייער עהרע
פֿאַר דעם גאָלדענעם מעטאַל?

פריידיגט איהר דען די וואַהרהייט?
דאָס, זאָגט איהר, ווערט ניט בעצאָהלט,
נור שמוציגע ליגען, נור פֿאַלשקייט —
ברייננט אייך קאָמפֿאָרט איצט און גאָלד.

זייט איהר דען ניט פּראָסטיטוטקעס
מיט געפֿאַלענע פֿרויען צוגלייך?!
נאָר מיר זיינען אָרים און עלענד —
און איהר זייט שטאָלץ און רייך.

מיר פֿערקויפֿען זיך אין דער דונקעל,
איהר — אין ליכטיגען פּאַרלאַמענט;
אונז בעגראָבט מען מיט פֿלוך, מיט שאַנדע,
אייך שטעלט מען אַ מאָנומענט.

און ווער האָט אונז געמאַכט וואָס מיר זיינען —
היימלאָז, פֿערלאָזען, געמיין?
ווער האָט געריבט אונזער אונשולד,
אונזער יוגענד — אויב ניט איהר אַליין?!

פֿון קלויסטערס, טעמפּעלס, טריבונעס,
וואו „מאָראַל" פּריידיגט איהר נור,
קומט איהר צו אונז בעשימפֿען
זיטליכקייט, עהרע, נאַטור.

איהר וואַרפֿט אונז אַרויס אין די גאַסען,
און ווען מיר בלוטען אין הונגער, אין שאַנד,
שרייבט געגען אונז געזעצען
אייער מערדערישע האַנד.

* * *

וואָס קוקט איהר אויף מיר מיט פֿעראַכטונג?
נעהמט צוריק אייער שמוציגען שטיין!
ווער האָט אונז געמאַכט וואָס מיר זיינען?
ווער, אויב ניט איהר אַליין?!

* * *

איך קען ניט זאָגען וויצען,
איך קען ניט חנפ'ען, ברידער;
עס דונערען און בליצען
מיינע פֿרייע לידער!

איך קען נור גיסען טרערען,
טרערען פּערל־ריין,
ליכטיג, ווי די שטערען
אין הימעל'ס בלויער קרוין.

איך קען נור ליעבען מענשען,
ליעבען מעהר ווי זיך,
און אַמאָל אויך בענשען
די, וואָס פֿלוכען מיך;

און אַמאָל אויך פֿלוכען
די, וואָס ליעבען מיך
און שטערען מיר אין זוכען
פֿרייהייט, ליכט פֿאַר זיך.

דער אלטער שמיעד.

עס זיצט אויף אַן אינזעל אַן אַלטער שמיעד,
לאָזט קרעפֿטיג זיין האַמער אַרונטער;
דאָס אייזען גליהט ווי זיין געמיטה,
זיין הארץ איז שטאָלץ און מונטער.

ער אַרבייט און שמידט אַן אייזערנע קייט
פֿאַר דעם גאָט מאַמאָן,
פֿאַר יעדען טיראַן, וואָס ליגט צושפּרייט
אויף זיין בלוטיגען טראָהן.—

דער האַמער קלאַפּט, די פֿונקען פֿליהען,
דאָס בלוטיגע אייזען גליהט;
„ניט אימער וועט דאָס פֿאָלק פֿאַר אייך קניען!"
דיינקט דער אַלטער שמיעד.

„ניט אימער וועט קנעכטשאַפֿט זיין פֿערגעטערט,
דאָס פֿאָלק הויבט אָן צו פֿערשטעהן;
איך שווער: מיין אייזערנער האַמער צושמעטערט
אייער גאָלדענע קרוין!"

עס טאגט.

(אַ קאַמפּף-ליעד, געזונגען מיט דעם מאָטיוו פֿון דעם רוסישען פֿאָלקס-ליעד „פּאָיעכאַל קאָזאַק מאָלאָדאָי נאַ טשוזבינו“.)

אַרבייטער, ברידער, איהר הערט ווי עס דונערט?
איהר הערט ווי עס ברומט, ווי עס קראַכט? —
שמשון הגבור פֿון אונזער יאָהרהונדערט
האָט פֿון זיין שלאָף ערוואַכט.

דער שקלאַף האָט ערוואַכט פֿון זיין פֿינסטערען דרימעל,
ער נעהמט זיך צום פּאַנצער און שווערד,
ער וויל ניט מעהר וויסען פֿון גאָט אויף׳ן הימעל,
ער וויל ניט קיין הארר אויף דער ערד.

איהם שרעקט ניט מעהר איבער די פֿאָהנע, די רוטע,
ער ווייסט, אַז מיר וועלען פֿערפֿאָלגט
דערפֿאַר, ווייל מיר ווילען צוברעכען די קייטען,
די קייטען פֿון אָרעמען פֿאָלק.

ער הערט מיט בעגייסטערונג די הייליגע לעהרע
פֿון פֿרייהייט, פֿון מענשליכע רעכט;
ער ווייסט, אַז צו קעמפּפֿען פֿאַר איהר איז אַן עהרע,
אַ שאַנדע — צו בלייבען אַ קנעכט.

אָה, ברידער, זייט מונטער! עס הויבט אָן צו טאָגען,
ניט ווייט איז די ליכטיגע זונן—
מיר זעהען שוין טויזענדע, טויזענדע טראָגען
מיט שטאָלץ אונזער בלוט-רויטע פאָהן.

נור לומפען, נור טרוסען אין אונזערע צייטען,
וואָס בייטען אידעען ווי שיך,
קענען איצט בלייבען שטעהן פון דער ווייטען,
פערזומפפט אין דעם אייגענעם „איך".

אָבער דער מענש, אין וועלכען עס פלאַקערט
דער פרייהייט'ס הייליגער שטראַהל,—
דער קען איצט ניט רוהען, ער אַרבייט, ער אַקערט,
ער בלוטעט פאַר זיין אידעאַל.

אויף צו דער אַרבייט, איהר מענער, קאַמעראַדען,
וואַהרהייט מוז האָבען איהר זיעג,
די הערצער בעגייסטערט, די ביקסען געלאָדען:
אַרבייטער, פאָרווערטס צום קריעג!

מיין צוואה.

(געווידמעט צו H. S.)

אה גוטע פריינד! ווען איך וועל שטארבען,
טראָגט צו מיין קבר אונזער פאָהן—
די פרייע פאָהן מיט די רויטע פארבען,
בעשפריצט מיט בלוט פון ארבייטסמאַן!

און דאָרט אונטער דעם פלאַג דעם רויטען
זינגט מיר מיין ליעד, מיין פרייעס ליעד!
מיין ליעד „אין קאַמפף", וואס קלינגט ווי קייטען
פון דעם פערשקלאַפטען קריסט און איד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערען
מיין פרייעס ליעד, מיין שטורם-ליעד;
אויך דאָרט וועל איך פערגיסען טרערען
פאַר דעם פערשקלאַפטען קריסט און איד!

און ווען איך הער די שווערדען קלינגען
אין לעצטען קאַמפף פון בלוט און שמערץ—
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל בעגייסטערען זיין הארץ.

ערצעהלונגען און בילדער

ווער איז שולדיג?

א שמאָלינקער חדר. אויף אַ קליינעם הילצערנעם טישעל ברענט מיט אַ דונקעלען פייערל אַ בלעכען לעמפּעל. לעבען וואַנד שטעהט אַ בעט, אויף וועלכען עס ליגט אַ פרוי פון אַ יאָהר 25. איהר געזיכט איז בעדעקט מיט אַ טויטער בלאַסקייט; איהרע שוואַרצע אויגען זיינען איינגעפאַלען און בליצען מיט פיבער און אינערליכע ליידען.

אויף'ן שמוציגען דיל ליגען צוויי קינדער: איין אינגעלע פון אַ יאָהר 6, דער אַנדערער פון אַ יאָהר 4.ביידע זיינען פער־שמירט, די העמדלאַך שמוציג און צוריסען. זיי קריכען אַרום פון איין ווינקעל צום אַנדערן און שלעפּען מיט זיך אַרום אַ קליין קעצעלע, וואָס זיי האָבען געכאַפּט אויף'ן הויף. זיי פּאַקען דאָס קעצעלע ביים קאָפּ און הויבען עס אָן רייסען און שטיקען. דאָס צימער ווערט פול מיט יאָמערליכע קולות פון דעם אָרעמען קרבן.

פון צייט צו צייט הויבט זיך די קראַנקע פרוי אויף פון איהר בעט און גיט אַ קוק אויף'ן וואַנד־זייגער, וואָס היינגט אַנטקעגען איהר, בעדעקט מיט שפּינוועבס. זי ערוואַרט איהר מאַן, וועלכער איז נאָך גאַנץ פריה אַוועק זוכען אַרבייט. דער זייגער איז צעהן. די קליינע קינדער האָבען זיך איינגעמאַטערט, אַרומשפּיעלענדיג זיך מיט'ן קעצעל, און זיינען געשמאַק איינגעשלאָפען איינער אין דעם אַנדערן'ס אָרעמס.

אַרום עלף אַזייגער איז דער מאַן און פאָטער פון דיזער אָרעמער פאַמיליע אהיים געקומען. דאָס איז געווען אַן אַרבייטער

פֿון אַ יאָהר דרייסיג. זיין געזיכט האָט אויף זיך געטראָגען דעם אויסדרוק פֿון פֿערשטיקטער פֿערצווייפֿלונג און געמאַכטער, קינסט־ליכער גלייכגילטיגקייט. ער האָט אַראָבגעוואָרפֿען זיין אַלטען צו־לעכערטען הוט אין אַ ווינקעל, האָט געוואָרפֿען אַ שטומען קאַלטען בליק אויף זיין פֿרוי און איז געבליבען זיצען ביים קליינעם טישעל.

ער איז ניט צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער. ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט ביי זיך בעשלאָסען זיך ניט קימערן, וואָס פֿאַר שמערצען, וואָס פֿאַר יסורים איהם זאָלען איצט ניט בעגעגענען.

די קראַנקע פֿרוי האָט מיט אויגען פֿול מיט טרערען איהם בעטראַכט פֿון איהר געלעגער, אָבער אויך זי האָט ניט געקענט קיין וואָרט זאָגען; זי האָט געוואוסט, אַז זיין האַרץ איז איצט פֿול מיט גאַל, פֿול מיט גיפֿט. זי האָט געוואוסט, אַז ער איז צובראָכען פֿון די ביטערע שטורעמס, וואָס האָבען אייניגע נאָך'ן אַנדערן אַריינגעדרונגען אין זייער אָרעם פֿאַמיליען לעבען. זי האָט געשוויגען.

עס זיינען פֿערבייגעגאַנגען עטליכע מינוטען, פֿון שווערען שווייגען.

— ראָבערט! ראָבערט! — האָט זיך געהערט די שוואַכע, ציטערענדע שטימע פֿון דער קראַנקער פֿרוי.

דער אונגליקליכער איז געזעסען, זיין פנים פֿערדעקט מיט ביידע הענד, און האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט.

— ראָבערט, קום אַהער! זעה, ווי קראַנק איך בין, איך פֿיהל זיך אַזוי שלעכט, אַזוי שלעכט! — און די שטימע פֿון דער עלענדער האָט געקלונגען מיט טרערען און טיעפֿע, דריקענדע שמערצען. ער איז געזעסען ווי פֿריהער, זיין פנים פֿערדעקט, זיין קאָפּ אָנגעשפאַרט אויף די שוואַרצע פֿערהאָרעוועטע הענד.

ווידער זיינען פֿערביי אַ פּאָר מינוטען. ענדליך האָט ראָבערט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ. זיין געזיכט איז געווען נאַס פֿון טרערען.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, האָט צוגעדריקט זיינע ליפּען צו איהרע, און אַ ווילדער געוויין האָט זיך אַרויסגעריסען פוןביידע צובראָכענע הערצער...

— ניין, ניין! איך קען דאָס ווייטער ניט איבערטראָגען!— האָט ער אויסגעשריען, אַרויספּרייסענדיג זיך פון איהרע אָרעמס.— אונזער לעבען איז ערגער ווי דער טויט! אָט די פינסטערע שטוב, דיזע פערהונגערטע, אָרעמע קינדער! און דו, וואָס דו ביסט ערשט גאָר ניט לאַנג געווען אַזוי יונג, אַזוי פול מיט בליהענדער געזונדהייט, דו ליגסט איצט אַלט, בלאַס, צובראָכען, צוטרעטען פון דעם ביטערן, אייביגען ליידען, — פון נויט, הונגער און שאַנד! דאָס בין איך דאָס געווען דיין מערדער! צו וואָס האָב איך, אַ שקלאַף אָהן אַ היים, אָהן אַ נאָמען, אַוועקגענומען דיך פון דיין היים, פון דיינע פריינד און עלטערען, דיך אַוועקגענומען אויף אַ לעבען פון אונענדליכע ליידען, ערנידערונגען, בעטלעריי?... ליעבע?... יאָ, איך האָב דיך געליעבט; געליעבט, ווי פיליכט טויזענדע ניט אָרעמע שקלאַפען, נאָר רייכע פערשקלאַפער קענען ניט ליעבען. איך האָב דיך געליעבט! אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט אַ שקלאַף צו ליעבען? אַ שקלאַף דאַרף נור ליעב האָבען זיין קייט, זיין בעל הבית. ער דאַרף נור קושען דעם בייטש פון שקלאַפען־הענדלער, אָבער ניט דאָס מויל פון אַ געליעבטער. טהייערע מיינע, איך האָב דיך אונגליקליך געמאַכט! און איצט, איצט דאַרפסט דו ברייגען נאָך אַן אונגליקליך וועזען אויף דער וועלט! וואָס וועט פון איהם ווערן? וואָס וועט ווערן פון אונז און פון אונזערע קליינע, אונשולדיגע קינדער?... ניין! איך קען דאָס ווייטער ניט אויס־האַלטען! אָה, ווי אונגליקליך, ווי שרעקליך אונגליקליך איך בין! מיין מוח ברענט, עס צורייסט זיך אויף שטיקער מיין ברוסט. איך מוז אַנטלויפען... אַנטלויפען ווייט, ווייט פון דער וועלט!

ער האָט געכאַפּט זיין הוט און איז ווי אַ וואַהנזיניגער אַרויס־געלאָפען פון צימער.

* *
*

מיט האַלב־פערשלאָסענע אויגען, ווייס ווי אַ מאַרמאָר־שטיין, איז די קראַנקע געלעגען אויף איהר בעט. פון צייט צו צייט האָבען זיך טיעפע קרעכצען אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט און דער אויסדרוק פון מורא'דיגע שמערצען האָט בעדעקט איהר בלאַס געזיכט.

ענדליך האָט זי זיך מיט גרויסע אָנשטריינגונגען אויפגעהויבען פון בעט, און זיך אָנהאַלטענדיג מיט די הענד פאַר די ווענטלאַך, איז זי צוגעגאַנגען צו די שלאָפענדע קינדער. זי האָט זיך אָנגעבויגען צו דעם עלטערן אינגעלע, האָט איהם מיט טרערען אין די אויגען אַ קוש געטהאָן און איהם אויפגעוועקט.

דאָס קינד האָט געעפענט פערוואונדערט די אויגען.

— אַלבערט! טהו זיך אָן שנעל און געה אַריבער צו דיין טאַנטע; זאָג איהר, זי זאָל באַלד אַהער קומען.

דאָס אינגעלע האָט שטום אָנגעקוקט זיין בלאַסע מוטער; ער האָט זי ניט באַלד דערקענט. אַזוי האָבען די שמערצען אומגעענדערט איהר געזיכט אין דיזע קריטישע מאָמענטען. ענדליך האָט ער פאַרזיכטיג אַרויסגעשלעפט זיינע הענטלאַך פון אונטער'ן קעפּעל פון זיין שלאָפענדען חבר און מיט זיי אַרומגעכאַפּט זיין אָרעמע מוטער.

— מאַמא, וואָס איז דיר? — האָט ער געפרעגט, צופרעדענדיג זיך צו איהר ברוסט.

— געה, אַלבערט, שנעל און רוף די טאַנטע אַהער! איך בין זעהר קראַנק.

דאָס קינד האָט אויף גיך אָנגעטהאָן זיין אָרעם רעקעל,

אַרױפֿגעכאַפּט אױף'ן קאָפּ זײן „קעפּ" און איז אַװעק רופֿען זײן „טאַנטע".

צװײ אַזײנער בײנאַכט. דאָס קלײן טישעל, אױף װעלכען עס ברענט דאָס בלעכען לעמפּעל, איז צוגערוקט נעהענטער צום בעט. לעבען דער קראַנקער זיצט די „טאַנטע", אַ יונגע פֿרױ, װעלכע האָט ניט לאַנג אױסגעשטודירט אױף אַקושערקע. זי זיצט און ערוואַרט דאָס נײע אומגליקליכע װעזען, װאָס דאַרף איצט קומען אױף דער װעלט!

די צװײ קלײנע קינדער שלאָפֿען ניט. זײ שטעהען לעבען דער „טאַנטע" און האַלטען זיך פֿאַר איהר קלײד. זי האָט זײ צוגעזאָגט הײנט בײנאַכט אַ נײ שװעסטערל און זײ ערוואַרטען זי מיט אומגעדולד. פֿול מיט נײגיעריגקײט זײנען זײערע קינדערשע אײגעלאַך, װעלכע קוקען פֿרעגענדיג אױף דער „טאַנטע".

די קריטישע מאָמענטען קומען אַלץ נעהענטער. עס הערען זיך טיעפֿע קרעכצען, װעלכע געהען איבער אין פֿערצװײפֿעלטע געשרײען. די „טאַנטע" האָט אַװעקגעפֿיהרט די קינדער אין אַ װינקעל. זײ האַלטען זיך פֿעסט פֿאַר די הענטלאַך און ציטערען, הערענדיג די געשרײען פֿון זײער אָרעמער מוטער.

עס זײנען אַריבער עטליכע מינוטען... עס האָט זיך דערהערט דאָס צאַפּעלדיגע געשרײ פֿון אַ נײ־געבאָרענעם קינד. דער נײ־געבאָרענער פּראָלעטאַריער האָט אַרײנגעטראָטען אין אונזער װעלט, אַרײנגעטראָטען מיט אַ געשרײ, װאָס װעט זיך פֿילײכט ניט שטי־לען ביז אין זײן פֿינסטערן קבר.

די צװײ קינדער האָבען זיך אַ װאָרף געטהאָן פֿון װינקעל גלײך צום בעט. זײ האָבען דערקענט די שטימע פֿון זײער נײ־געבאָרענער שװעסטערל.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּערײ אין טהיר. ניט

וואַרטענדיג אויף אַן ענטפער, האָט זיך אין צימער אַריינגעבראָכען אַ מאַן. פון אונטער זיינע צוזאַמענגעקנייטשטע ברעמען האָבען געבליצט אויגען, פול מיט ווילדען וואהנזין. זיינע האָר זיינען געווען צוזאַמענגעפערסט אין פויסטען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעגרייט אימיצען צו צושמעטערן, צו פערניכטען. זיינע פינגער צווזאַמענגעפרעסט אין פויסטען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעגרייט אימיצען צו צושמעטערן, צו פערניכטען.

דאָס איז געווען ראָבערט.

די קראַנקע געווינערין האָט פערדעקט איהר פנים מיט ציטערענדע הענד און האָט ביטער געוויינט.ביידע קינדער האָבען זיך צוגעטוליעט צו דער „טאַנטע", וועלכע איז איצט אַליין געווען בלאַס און פערלאָרען. נור דאָס ניי־געבאָרענע קינד האָט גלייכגילטיג געקוקט מיט זיינע ליכטיגע אייגעלאַך אויף דיזע פינסטערע וועלט, וואוהין עס איז געקומען ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט.

ראָבערט איז געשטאַנען אין מיטען חדר און האָט מיט ווילדבליצענדע אויגען בעטראַכט, וואָס עס טהוט זיך אַרום איהם, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אָן עטוואָס דערמאָנען. אין דער רגע האָט זיך דערהערט דאָס געשריי פון דעם ניי־געבאָרענעם. דאָס האָט געמאַכט אַ מורא'דיגען איינדרוק אויף איהם. פון זיינע אויגען האָט אויסגעבראָכען אַ וואַהנזיניג פייער; ער האָט ווילד אויסגעשטרעקט זיין פויסט; זיינע צייהנער האָבען געקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע; ווייסער שוים האָט זיך בעוויזען אויף זיין אויסגעקרימטען מויל.

— ניין, ער דאַרף ניט לעבען! ער טאָר ניט לעבען! ווידער אַ שקלאַף, ווידער אַ בעטלער, ווידער הונגער, ערנידערונגען, טרערען, פלוך און שאַנד! ניין, לאָזט מיך איהם דערווערגען! לאָזט מיך איהם טויטען מיט מיינע אייגענע הענד!

ער האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום בעט און זיינע ציטערענדע הענד האָבען געזוכט דאָס אונשולדיגע קינד.

אַ שרעקליכער קאַמפּף איז ענטשטאַנען.

די קראַנקע פרוי האָט פערגעסען איהר שוואַכקייט. זי האָט ווי אַ פערוואונדעטע טיגערין פערטהיידיגט איהר קינד.

דער וואַהנזיניגער האָט אַלץ מיט מעהר ווילדקייט אַטאַקירט די עלענדע מוטער. אַ וואַהנזיניג פייער האָט געשפּריצט פון זיינע בליצענדע אויגען.

די אויף טויט דערשראָקענע „טאַנטע" איז מיט ביידע קינדער, וועלכע האָבען געוויינט און געציטערט, אַרויסגעלאָפען פון צימער: זי האָט גערופען נאָך הילף.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַ שטורמדיגע. אַלעס איז געווען בעדעקט מיט גדיכטער פינסטערניש.

— העלפט! העלפט! — האָט געשריען די דערשראָקענע, אָבער איהרע ווערטער זיינען פערהילכט געוואָרען פון ווינד און אָהן אַן ענטפער אָבגעשטאָרבען אין דער לופט.

עטליכע מינוטען שפּעטער איז די „טאַנטע" מיט איינינע מענשען אַריינגעקומען צוריק אין צימער.

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

דאָס קליין בלעכען לעמפּעל האָט געוואָרפען אַ דונקעל ליכט אויף אַ שרעקליך, גרויזאַם בילד.

אויף'ן שמוציגען דיל איז געלעגען אַ פרוי. איהרע האָר צוואָרפען, איהר העמד צוריסען, ווי אין אַ פערצווייפעלטען קאַמפּף. איהר געזיכט איז געווען בעדעקט מיט דעם בלויען קאָליר פון אַ דערשטיקטער; זי האָט נאָך אויף זיך געטראָגען דעם אויסדרוק פון מורא'דיגע יסורים און אונפערגעבליכער ראַכע... אויף איהר ברוסט איז געלעגען דאָס ניי-געבאָרענע קינד, קאַלט און טויט, ווי זיין מוטער...

דער וואַהנזיניגער מערדער איז געשטאַנען מיט אַן אַרונטער-

געלאָזענעם קאָפּ און האָט געקוקט אויף זיינע קרבנות. אַ טייוועלשער שמייכעל האָט געשפּילט אויף זיין פֿערקרימטען מויל.

— איצט זייט איהר גליקליך! איך האָב אייך בעפֿרייט, איך האָב אייך גערעטעט! — האָט ער געשריען מיט אַ הייזעריגער שטימע און געלאַכט מיט דעם ווילדען געלעכטער פֿון אַ וואַהנזיניגען.

דער קאַר־קאָנדוקטאָר.

(ברוויט און עהרע).

עדוואַרד ראַבין איז געווען אַ קאַר־קאָנדוקטאָר. ער איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָהר 30, שעהן, שטאַרק און געזונד. ער איז געווען בעליעבט ביי זיינע קאַמעראַדען, ווי אויך ביי דער קאָמפּאַני, וועלכע האָט איהם גקענט אַלס טרייען אַרבייטער און אָרענטליכען מענש.

עדוואַרד ראַבין איז געווען פֿערהייראַטהע און האָט געהאַט 5 קינדער. ער האָט געלעבט אָרעם, ווייל די שכירות, וועלכע ער האָט בעקומען, זיינען געווען קוים גענוג צו דערהאַלטען אַ זעהר בעשיידענעם לעבען פֿון אַזאַ גרויסער פֿאַמיליע. דאָך אַזוי לאַנג, ווי אַלע זיינען געווען געזונד; אַזוי לאַנג, ווי זיין פֿרוי מערי האָט געקענט מיט איהר שווערער אַרבייט העלפֿען דעם מאַן, אום צו דערהאַלטען די אָרעמע פֿאַמיליע, איז נאָך דאָס לעבען געווען ווי עס איז ערטרעגליך.

עס זיינען אָבער געקומען שווערע צייטען. די קינדער האָבען אָנגעפֿאַנגען קראַנק צו ווערען, די מוטער אַליין האָט אויך גע־דאַרפֿט אַ דאָקטאָר, ווייל איהר געזונד איז אונטערגעגראָבען גע־וואָרען פֿון אונערמידליכער אַרבייט און שלעכטער נאַהרונג.

דאָס לעבען פֿון אָרעמען קאַר־קאָנדוקטאָר איז געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ שווערער און אונערטרעגליכער. מיעד, צובראָכען,

פלעגט ער קומען אַהיים פון זיין אַרבייט. די קראַנקע קינדער האָבען געוויינט און געשריען. די קראַנקע פרוי, בלאַס און שוואַך, האָט זיך קוים אַרומגעשלעפּט איבער'ן אָרעמען צימער. עס האָט געפעהלט ברויט, עס האָט געפעהלט מעדיצין, — עס האָט גע־פעהלט געלד. מען האָט אומעדום שוין געליהען און געבאָרגט. דעם לענדלאָרד האָט שוין אויך געקומט פאַר אַ מאָנאַט דירה־געלד. די שבירות, וועלכע ער האָט געבראַכט, זיינען באַלד פער־שוואונדען געוואָרען אויף מעדיצין, אויף בעצאָהלען דעם דאָקטאָר. נו, וואָס טהוט מען ווייטער?

אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט איז געזעסען, שטום און טרויעריג, דער אָרעמער קאָנדוקטאָר אין זיין אונגליקליכען פאַמיליען־נעסט און האָט געטראַכט און געטראַכט איבער זיין פינסטערען מזל.

„פאַרוואָס קומט עס, מיר זאָלען אַזוי שרעקליך ליידען?" האָט ער זיך געפרעגט אין זיינע געדאַנקען. „שוין 10 יאָהר זייט איך בין ביי דער קאָמפּאַני. איך בין תמיד געוועזען טריי און אָרענטליך. די קאָמפּאַני איז אין דיזע 10 יאָהר געוואָרען אַ סך רייכער. נור איך ווער אָרעמער, אונגליקליכער פון יאָהר צו יאָהר. וואָס האָב איך פון מיין אַרבייט? זיי רופען מיך: אָרענטליכער מאַן, אָבער וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין אָרענטליכקייט, ווען איך דאַרף ליידען, פערהונגערן מיט מיין פרוי און קינדער? די אַנדערע קאָנדוקטאָרס זיינען קליגער פון מיר, זיי נאַרען אָב די קאָמפּאַני אָבער דערפאַר לעבען זיי בעסער פון מיר. זאָל איך אויך אָנפאַנ־גען צו שווינדלען, ווי זיי? ניין, איך קען דאָס ניט! איך וועל ניט קענען קוקען דער קאָמפּאַני אין געזיכט!"

„שווינדלען? הייסט דען דאָס שווינדלען, צו האָבען אַן ער־טרעגליכען לעבען פאַר אַזאַ שווערע אַרבייט, ווי מיינע? און דאָך... איך קען דאָס ניט, איך קען דאָס ניט!"

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט מיט גרויסע שריט אַרומ־געשפּאַנט אַ לאַנגע צייט אין זיין פינסטערען צימער. ענדליך איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פרוי, וועלכע איז געזעסען לעבען איהר קראַנקען קינד און האָט געקוקט אויף איהם מיט טרערען.

— מערי! — האָט ער געזאָגט — מיר זיינען אונגליקליכע מענשען. אָבער דו ווייסט, אַז איך האָב דיך אימער געליעבט, איך ליעב מיינע קינדער. איך האָב געמיהט זיך צו מאַכען אייך גליקליך, אָבער עס איז ניט געגאַנגען. מיר מוזען זעהן איבערטראָגען אַלעס מיט מוטה, פיליכט וועט זיך אונזער לאַגע פערבעסערען.

מערי האָט גאָר ניט געענטפערט. הייסע טרערען האָבען אָנגעפאַנגען זיך צו קייקלען איבער איהרע בלאַסע באַקען. אויס־געמאַטערט, צובראָכען איז זי געפאַלען אויף זיין ברוסט און האָט שטיל געוויינט.

* * *

עס איז געווען אַ שעהנער זומער־טאָג. די גאַסען זיינען געווען פול מיט מענשען. עדוואַרד ראָבין איז געשטאַנען אויף דער פלאַט־פאָרמע פון זיין קאַר און האָט בעטראַכט די גרויסע מאַסע פון שפּאַציר־געהער, וועלכע ער האָט בעגעגענט, מיט בלומען און פרעהליכע געזיכטער. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער אונגליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

ער האָט אָפט אָבגעשטעלט די קאַר, אום אַרויפצונעהמען פּאַסאַזשירען, וועלכע זיינען דאָס רוב געפאָהרען אין פערשיעדענע פערגניגענס־פּלעצער. שעהנע פרויען, געזונדע, פיין געקליידעטע קינדער האָבען איהם עראינערט אָן זיין קראַנקע פאַמיליע, אָן דעם אייביגען ראַנגלען זיך מיט ביטערער נויטה און שווערע קראַנקהייטען. זיין האַרץ האָט געבלוטעט. פּלוצלונג האָט ער דערזעהן, שטע־הענדיג לעבען דער קאַר, עפּעס אַ בלאַסע זעהר בעקאַנטע פיגור

איינגעוויקעלט אין אַ שאַל. ער האָט אויפגעציטערט און אָבגעשטעלט די קאַר. דאָס איז געווען זיין פרוי.

— מערי! האָט ער אויסגערופן, — וואָס איז געשעהן? זי איז געווען בלאַסער ווי תמיד און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פים.

— עדוואַרד! עלאַ איז זעהר קראַנק. איך האָב גערופען דעם דאָקטאָר, אָבער ער וויל ניט שרייבען קיין רעצעפּט, ביז איך וועל איהם ניט בעצאָהלען. אויך אויף מעדיצין האָב איך קיין פעני ניט.

— אָבער מערי, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט קיין געלד, —האָט געענטפערט דער אָרעמער פאָטער, און ער האָט געפיהלט, ווי עטוואָס דריקט איהם אונערטרעגליך אין זיין ברוסט. ער האָט שווער געליטען.

— עדוואַרד! — האָט זי איהם שטיל, דאָך ליידענשאַפטליך צוגעשעפּטשעט — מיר מוזען רעטען דאָס קינד. איך האָב ניט וואו צו באָרגען. דו מוזט זיך ענטשליסען, אין נאָמען פון דיין קינד, פון דיין עלאַ!

— מערי, דאָס איז אונמעגליך, אונמעגליך! — האָט עדוואַרד אויסגערופען מיט אַ פייעריגער שטימע. — געה אַהיים, פיליייכט קענסטו ערגעץ וואו באָרגען. בעט דעם דאָקטאָר ער זאָל דיר אויסהעלפען. מערי, ווי קענסטו פון מיר אַזוי וואָס פערלאַנגען?

אין זיין שטימע האָבען געקלונגען טרערען און ביטערע פערצווייפלונג. די אָרעמע פרוי האָט מיט איהר טאַשענטוך פערדעקט דאָס קראַנקע, בלאַסע געזיכט. איהר ברוסט האָט שווער געאָטעמט. גיפטיגע שמערצען האָבען געמאַטערט איהר צובראָכען האַרץ.

— עדוואַרד, — האָט זי צו איהם ווידער געזאָגט. — דו מוזט זיך ענטשליסען, איך קען דאָ לאַנג ניט שטעהן. איך זאָג

דיר, אַז מיר האָבען קיין פּעני ניט. מיר האָבען ניט קיין ברויט פֿאַר די געזונדע און קיין מעדיצין פֿאַר די קראַנקע קינדער. קיינער וויל אונז מעהר ניט באָרגען. זאָל איך געהן בעטלען, פֿערקויפֿען זיך? איך קען דאָס ניט, עדוואַרד, איך קען ניט!

קאַלט, פֿינסטער ווי אַ שטורם־וואָלקען, איז געשטאַנען עדוואַרד לעבען זיין אָרעמע פֿרוי. אין זיין ברוסט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען אַ שרעקליכער קאַמפּף: אין איהם האָבען זיך געראַנגעלט די פֿאָדערונגען פֿון זיין לעבען מיט די פֿאָדערונגען פֿון זיין מאָראַל, פֿון זיין אָרענטליכקייט, וועלכע איז געווען דאָס איינציגע רייכטהום פֿון זיין עקזיסטענץ.

„זאָל איך ווערען אַ גנב און געבען איהר געלד, וואָס געהערט דער קאָמפּאַני, אָדער בלייבען אַן אָרענטליכער מאַן און מקריב זיין מיין קראַנק קינד, מיין עלאַ'ן, וועלכע איך ליעב בעסער פֿון מיין לעבען?" יעדער קרבן איז גרויס. יעדער שריט איז שווער און פֿיהרט צו אַ שרעקליכען אָבגרונד.

עס זיינען פֿערבייגעגאַנגען אַ פּאָר מינוטען פֿון שווערען שווייגען. ענדליך האָט עדוואַרד אַ ציה געגעבען דעם סיגנאַל־גלאָק און אָבגעשטעלט די קאַר.

— מערי! האָט ער געזאָגט ענטשלאָסען, — געה אַהיים, וואָס וועט זיין, וועט זיין!

מערי איז געשטאַנען אונבעוועגליך אויף דער פּלאַטפֿאָרם, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געהערט זיינע ווערטער.

— מערי! — האָט ער נאָך אַמאָל אויסגערופֿען אין פֿערצווייפֿלונג. זי האָט איהם רוהיג אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען.

— עדוואַרד! איך געה ניט אַהיים, ביז איך האָב ניט די מיטלען צו רעטען מיין קינד.

— אָבער עס איז אונמעגליך, איך האָב קיין געלד.
— דו האָסט געלד, דו מוזט רעטען דיין קינד!
— מערי, געה אַראָב פֿון קאַר, זאָג איך דיר! האָט ער אויסגעשריען.

דער מאָטאָרמאַן האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי. מערי האָט מיט איהר בלאַסער האַנד געגעבען אַ ציה דעם סיגנאַל-גלאָק: די קאַר זאָל געהן ווייטער, און איז געבליבען, ווי פֿריהער, שטעהן לעבען איהר עדוואַרד.

זיי האָבען ביידע געשוויגען אַ ווײַלע.

דער קאָנדוקטאָר האָט געלאָזט פֿאַלען זיין קאָפּ אויף די ברוסט. זיין געזיכט איז פֿערצויגען געוואָרען מיט אַ פֿינסטערען וואָלקען. ער האָט געקעמפּפֿט מיט זיך, ער האָט געליטען און פֿערשאָלטען דעם טאָג, אין וועלכען ער איז געבאָרען געוואָרען.

— מיין קינד, מיין עלאַ!—האָט ער געמורמעלט שטילערהייט.

זיין האַנד האָט ווי מעכאַניש זיך אַרונטערגעלאָזט אין זיין טאַש, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. ער האָט זיך אומגעקוקט. די קאַר איז שנעל געלאָפֿען. אויף דער פּלאַטפֿאָרמע איז געוועזען נור ער און זיין פֿרוי. דער מאָטאָרמאַן איז געשטאַנען צו זיי מיט'ן רוקען. ער האָט אַרויסגעשלעפּט זיין האַנד פֿול מיט זילבערנע מטבעות, האָט זיי שנעל איבערגעגעבען מערי'ן און האָט אַ שלעפּ געטהאָן דעם סיגנאַל-גלאָק. די קאַר האָט זיך אָבגעשטעלט, מערי איז אַרונטער.

עדוואַרד האָט פֿערמאַכט די אויגען, עפּעס אַזוי ווי אַ שרעקליכעס געשפּענסט וואָלט געשטאַנען פֿאַר איהם. ווען ער איז געקומען צו זיך, איז שוין זיין פֿרוי פֿערשוואונדען. ער האָט זיך טיעף אָבגעזיפֿצט, אָבגעווישט דעם קאַלטען שוויס פֿון זיין בלאַסען שטערן און איז אַריין אין קאַר.

פֿיעלע נייע פֿאַסאַזשירען האָבען פֿערנומען פּלעצער. ער האָט אָנגעפֿאַנגען צו זאַמלען פֿון זיי דאָס געלד. ביי יעדען ניקעל האָט ער געדריקט דעם רעגיסטער, וועלכער האָט הויך געקלונגען. עס זיינען געבליבען 10 אָדער 12 פּאַסאַזשירען, וועלכע האָבען נאָך ניט בעצאָהלט. עדוואַרד האָט זיך אָבגעשטעלט אויף אַ ווײַלע. עס איז איהם צום ערשטען מאָל אין 10 יאָהר פֿון זיין אַרבייט גע־קומען אויף די געדאַנקען, אַז ער מוז יעצט זעהן אַ מיטעל זיך צו רעכטפֿערטיגען פֿאַר דער קאָמפּאַני; דאָס גאַנצע געלד ניט רעגיסטערן, כדי צו קענען דעקען די סומע, וועלכע ער האָט געגעבען זיין אונגליקליכער פֿרוי.

ער האָט ניט געוואוסט גענוי, וויפֿיעל געלד ער האָט איהר געגעבען; אָבער יעדענפֿאַלס ניט מעהר ווי אַ דאָלאַר. ער האָט געהאַט אין האַנד שוין 20 ניקעלס. ווען ער וועט איצט רעגיסטערן נור 10, וועט ער שוין האָבען האַלב פֿון'ם געלד, און שפּעטער ווידער דאָס זעלבע, אַזוי וועט ער זיך רעטען און קיינער וועט ניט וויסען פֿון זיין פֿערברעכען.

צעהן מאָל האָט הויך דער רעגיסטער דורכגעקלונגען, אין יעדען קלאַנג פֿון רעגיסטער האָט זיך דעם אָרעמען קאָנדוקטאָר געהערט דער שאַנד־גלאָק פֿון זיין פֿערברעכען, אַזוי ווי מען וואָלט געקלונגען נאָך זיין בעגראָבענער עהרע, וועלכע ער האָט אָבגעהיט פֿון זיין קינדהייט אָן און פֿאַר וועלכע ער האָט אַזוי פֿיעל גע־קעמפֿט און געליטען אין זיין לעבען.

זיין האַרץ האָט אונרוהיג געקלאַפּט. ער איז אַרויס אויף די פּלאַטפֿאָרמע, זיינע הענד האָבען נאָך געציטערט, אַזוי ווי ער וואָלט בעגאַנגען אַ מאָרד. אין דיזער מינוט איז צו איהם צוגע־גאַנגען אַ פֿרוי געקליידעט אין שוואַרצען, איהר געזיכט איז געווען בלאַס און קאַלט.

— האַלט אָב די קאַר! — האָט זי זיך צו איהם געווענדעט.

עדוואַרד האָט געוואָרפֿען אַ בליק אויף זיין פּאַסאַזשיר און איז געוואָרען בלאַס, ווי דער טויט. ער האָט דערקענט דיזע פֿרוי... דאָס איז געווען אַ שפּיאָן, אַ קאַר־שפּיאָן, וועלכע די קאָמפּאַני האַלט, אום זיי זאָלען היטען די קאָנדוקטאָרען, זיי זאָלען רעגיס־טערן ריכטיג דאָס געלד, זיי זאָלען חס וחלילה ניט אַראָבנעהמען אויף אַ ברויט פֿאַר זייערע פֿרויען און קינדער.

„זי האָט אַלעס געזעהן!" איז דורכגעפֿלויגען אין די גע־דאַנקען פֿון דעם אָרעמען קאָנדוקטאָר. ער האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם שפּיאָן, וואָס איז רוהיג געשטאַנען פֿאַר איהם.

„יאַ, זי ווייס אַלעס, איך זעה דאָס אין איהרע אויגען!" האָט ער ווייטער געטראַכט מיט פֿערצווייפֿלונג.

— מאַדאַם! — האָט ער ענדליך אויסגערופֿען מיט אַ ציטער־רענדער שטימע, — מאַכט מיך ניט אומגליקליך; איך האָב אַ פֿרוי און קינדער, זיי האָבען קיין ברויט ניט, מיין עלאַ שטאַרבט אָהן מעדיצין. מאַדאַם, רואינירט ניט מיין לעבען! שוין צעהן יאָהר, ווי איך דיען דער קאָמפּאַני. איך שווער אייך, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען."

ער האָט געכאַפּט איהרע הענד און האָט זיי געדריקט און בעטענדיג געקוקט אין איהרע קאַלטע אויגען.

— מאַדאַם, רעטעט מיין עהרע, איך שווער אייך, איך בין אַן אָרענטליכער מאַן! מאַדאַם, האָט מיטלייד! איך וועל דאָס ניט איבערטראָגען!

זי האָט איהם רוהיג אויסגעהערט.

— איך האָב מיט אייך מיטלייד — האָט זי ענדליך געזאָגט, —אָבער איך קען אייך ניט העלפֿען, איך מוז טהאָן מיין פֿפֿליכט. איהר ווילט ברויט, איך וויל אויך ברויט. ווען איך זאָל ניט טהאָן

דאָס, פֿאַר וואָס מען בעצאָהלט מיר, פֿערליר איך מיין ברויט. איך מוז עס באַלד רעפּאָרטען דער קאָמפּאַני. שטעלט אָב די קאַר.

עדוואַרד האָט אויף איהר אַ וואָרף געטהאָן אַ שרעקליכען בליק פֿון האַס, פֿון ביטערער פֿעראַכטונג.

— שפּיאָן, שלאַנג! — האָט ער אויסגערופֿען מיט אַ הייזעריגער שטימע. — יאָ, איך בין אַ גנב, איך האָב גע'גנב'עט ברויט פֿאַר מיין פֿרוי, מעדיצין פֿאַר מיינע קראַנקע קינדער. געה, זאָג דאָס דער קאָמפּאַני! זאָג דער גאַנצער וועלט, אַז איך בין אַ גנב, אַ פֿערברעכער. געה!

דער שפּיאָן איז אַרונטערגעשפּרונגען פֿון קאַר.

— וואַרט, איך וועל דיר צייגען, וואָס פֿאַר אַ שלאַנג איך בין! — האָט זי אויסגערופֿען און איז פֿערשוואונדען אין דער גרויסער גאַס.

* * *

די זומער־נאַכט האָט צושפּרייט איהרע שטערען־פֿליגעל. די זילבערנע לבנה האָט רוהיג געשיינט אויף איהר בלויען טראָהן.

עדוואַרד האָט שוין לאַנג געענדיגט זיין אַרבייטסטאָג. ער האָט איבערגעגעבען זיין קאַר דעם נאַכט־קאָנדוקטאָר, אָבער אָנשטאָט ווי געוועהנליך געהן גלייך אַהיים צו זיין פֿרוי און קינדער, האָט ער שטיל געוואַנדערט דורך די שטילע, פֿינסטערע גאַסען. זיין קאָפּ האָט געברענט, ווי אין אַ שרעקליכען פֿיבער; זיין ברוסט איז געווען צוזאַמענגעדריקט פֿון שווערען טרויער און מורא פֿאַר זיין שרעקליכען שיקזאַל.

— מאָרגען וועט עס די גאַנצע וועלט וויסען! — האָט ער מיט ביטערקייט געטראַכט. — עדוואַרד ראַבין איז אַ גנב! די קאָמפּאַני וועט מיט שאַנד מיך אַרויסטרייבען... וואָס וועל איך

טהאָן? וואוהין וועל איך געהן? ווי אַזוי וועל איך קוקען דער וועלט אין פנים? ווי אַזוי וועל איך קענען פערדינען ברויט פאַר מיין פרוי און קינדער? אָה, ווי שרעקליך! ווען מערי וואָלט אָבער מיר געפאָלגט און אַוועק אַהיים? אַך, דאַן וואָלט אַלעס געווען ווי פריהער!... דאָך וואָס רעד איך?... איז דאָס איהר שולד? דאָס קינד! דיזע גאָלד־לאָקיגע עלא איז נעבעך געלעגען קראַנק, פערשמאַכט; זי האָט קיין פעני ניט געהאַט צו רעטען דאָס קינד... וואָס האָט זי געזאָלט טהאָן? ניין, זי האָט קיין שולד ניט! ווען ניט זי... ווער האָט די שולד? איך? צעהן יאָהר האָב איך זיך געראַנגעלט מיט נויטה; איך האָב געדיינקט אַז איך וועל קענען דורכקעמפפען מיין לעבען, אָבער ניין! אַלץ איז געווען אומזיסט! אַלע מיינע ליידען, אַלע מיינע ערנידעריגונגען, מיין שווערע אונער־מידליכע אַרבייט — אַלעס איז איצט פערלאָרען, אַלעס געגאַנגען צו גרונד. וואו איז מיין עהרע? וואו איז מיין פריעדען? עס ברענט אין מיין האַרצען אַ העליש פייער. מיין פרוי! מיינע אָרעמע קינדער! איהר זייט פערפאַלען, פערפאַלען!

ער איז געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער, דריקענדיג די ציטערנדע הענד צום קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט דערשטיקען די פינסטערע געדאַנקען, וואָס האָבען זיך דאָרט אַרומגעטראָגען ווי שוואַרצע וואָלקען. ענדליך איז ער געקומען צום האַדסאָן און איז געבליבען שטעהן פאַר דעם זילבערנעם טייך, וועלכער איז געווען בעגאָסען מיט די שטראַהלען פון דער שיינענדער לבנה.

אַרום האָט געהערשט אַ טיעפע שטילקייט. פון צייט צו צייט האָבען ווייסע זעגלען דורכגעשניטען דעם זילבערנעם שפיגעל פון שלומערנדען טייך.

— דאָס זעגעלט אַוועק מיין יוגענד, מיין לעבען, מיין עהרע! — האָט עדוואַרד שטיל געמורמעלט, בליקענדיג פערטראַכט אויף אַ

שיפּעל, וואָס איז, ווי אַ ווייסער פֿויגעל, דורכגעלאָפֿען פֿערביי איהם

— ניין! פֿאַר מיר איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ אויף דיזער וועלט. איך האָב געוואָלט לעבען, ליעבען מיין פֿרוי, מיינע קינדער, זיין עהרליך, מענשליך, אָבער מען האָט מיך ניט געלאָזט. מען האָט מיך געשטיקט, געמאַטערט, געשטופּט אין אָבגרונד!

וואָס טויג מיר איצט מיין לעבען? בעטלען? זעהן, ווי מען קערט זיך אָב פֿון מיר, ווי פֿון אַ גנב? הערען, ווי מען זאָגט אויף מיינע קינדער: דאָס זיינען די קינדער פֿון דעם גנב? אויף מיין פֿרוי: דאָס איז דעם גנב'ס פֿרוי? ניין! איך קען ניט. איך קען ניט זיך צווינגען צו אַזאַ שרעקליכען לעבען.

געניג זיך געמאַטערט, געראַנגעלט זיך מיט דער ביטערער נויטה. זיי געזונד, אָרעמע מערי! זייט געזונד מיינע קינדער! אָרעמע אונגליקליכע קינדער! איך וויל אייך ניט זעהן מעהר, איך קען מעהר ניט איבערטרעטען די שוועל פֿון אייער אונגליקליכער היים. אייער פֿאָטער איז פֿעראורטיילט צום טויט. זיין עהרע, זיין לעבען האָט מען אַוועקגערויבט פֿון איהם!...

עדוואַרד האָט אַ שפּרונג געטהאָן אין טייך און איז באַלד פֿערשוואונדען געוואָרען צווישען די קאַלטע וועלען.

ניט ווייט פֿון זיין בלויען קבר האָט זיך שטאָלץ אויפֿגעהויבען די סטאַטוע פֿון דער אַמעריקאַנער פֿרייהייטס-געטין און האָט מיט איהר פֿאַקעל בעלייכט די וועלט פֿון קייטען, פֿון טרערען, פֿון זעלבסטמאָרד, פֿון די שרעקליכסטע פֿערברעכען געגען דער ליידענדער מענשהייט!

די באָמערקע.

— אַ באָמערקע! אַ באָמערקע! — האָבען געשריען פֿערשמירטע האַלב-נאַקעטע קינדער, וועלכע פֿערברייננגען זייערע יאָהרען אויף די גאַסען פֿון נויאָרק.

זיי האָבען זיך אַלע אַ שאָט געגעבען צו אַ טענעמענט-הויז, לעבען וועלכען עס איז געשטאַנען אַ ווייס-גרויע פֿרוי, מיט אַ געלען צוקנייטשטען פנים. שמוציגע טראַנטעס האָבען זיך נאָכגעשלעפּט פֿון איהרע קליידער. האַלב בייז, האַלב דערשראָקען האָט זי געקוקט אויף די קינדער און האָט זיי געוואָלט אַוועקיאָגען פֿון זיך.

די קינדער האָבען זי געשלעפּט פֿאַר איהרע צוריסענע קליידער, האָבען געלאַכט און געוואָרפֿען אין איהר שמוץ און שטיינער. די אונגליקליכע האָט ניט געקענט בייקומען איהרע פֿיינד און איז אָהן כחות געפֿאַלען אויף די טרעפּ.

עס האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסענד געוויין. דאָס האָט געוויינט די באָמערקע. די לויפֿערס האָבען זיך פֿערוואונדערט איבערגעקוקט. זיי האָבען זיך געוואונדערט, וואָס אויך אַ באָמערקע קען פֿיהלען איהרע ליידען, וואָס אויך אַ באָמערקע קען וויינען, און זיי זיינען פֿערשוואונדען.

די היימלאָזע האָט אויפֿגעהויבען איהר גרויען קאָפּ. אַ שטראַהל פֿון צופֿרידענהייט האָט אויף אַ רגע בעלייכט איהר אַלט פֿערוויינט געזיכט — זיי זיינען אַוועק! — האָט זי געמורמעלט. — איצט וועל איך קענען איינשלאָפֿען.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די אייזערנע גראַטעס פֿון אַ קעלער, וועלכער איז איצט געווען פּוסט, האָט פֿערשלאָסען איהרע פֿערשוואָלענע אויגען און איז איינגעשלאָפֿען.

מיר לעזען מיט אינטערעס די טרוימען פֿון גרויסע שרייבער און דיכטער, ווארום זאָלען מיר ניט אַמאָל אויך אויסהערען דעם חלום פֿון אַ באָמערקע?

אמת, אַ באָמערקע פֿערנעהמט דעם נידעריגסטען צווייג אויף אונזער געזעלשאַפֿטליכען בוים. זי איז זעהר ניט אַנשטענדיג געקליידעט. זי פֿערראַכטעט מאָדע און עטיקעט. זי שלאָפֿט אָפֿטמאָל אויף דער גאַס, אונטער שניי אָדער רעגען. זי הונגערט. זי ווערט געקלאַפּט פֿון פּאָליציימאַן. זי ווערט אַרויסגעוואָרפֿען ווי אַ הונד פֿון יעדען אַנשטענדיגען הויז, אויב זי וואַגט אַריינגעהן אַהין בעטען אַ שטיקעל ברויט, אָדער אַ פּאָר גראָשען אויף אַ גלאָז ביער. אַן אַנשטענדיגער יונגער מאַן, וועלכער הויבט אויף עלעגאַנט דאָס טאַשענטיכעל פֿון זיין דאַמע, וועט זיך ניט אָנבויגען אויפֿצוהויבען דעם קראַנקען קערפּער פֿון אַ באָמערקע, וועלכע פֿאַלט אין גאַס הונגעריג און פֿערשמאַכט.

אָבער אויך אַ באָמערקע איז אַ מענשליכעס וועזען. אויך זי האָט אַ לעבענסגעשיכטע, וועלכע איז אויך די געשיכטע פֿון אונזער געזעלשאַפֿטליכער מאָראַל. אויך אַ באָמערקע קען האַסען און ליעבען, בענשען און שעלטען. אונטער די טראַנטעס פֿון אַ היימלאָזער באָמערקע קען שלאָגען אַזאַ עדעל, וואַרעם האַרץ, ווי אונטער דעם זיידענעם קאָרסעט פֿון אַן אַנשטענדיגער וועלט-דאַמע. ווארום דען ניט אויסהערען דעם חלום פֿון אַ באָמערקע? ווארום זיך ניט פֿערטראַכטען איבער די בילדער פֿון איהר פֿערגאַנגענהייט?

זי חלום'ט: זי איז נאָך אַ קליין, אונשולדיג קינד.

— עלאַ! עלאַ! דער אָנבייסען איז שוין פֿאַרטיג! זי דערקענט

די שטימע פֿון איהר מוטער. אַ געפֿיהל פֿון זיסער פֿרייד צו־גיסט זיך איבער איהרע אַלע גליעדער. אָבער זי לויפֿט ניט באַלד צו איהר מוטער. די גרינע וויינטרויבען, וואָס האָבען זיך רייך פֿונאַנדערגעוואַקסען אין זייער קליינעם גאָרטען, ציהען צו זיך ווי אַ מאַגנעט; זי קען זיך פֿון זיי ניט אָברייסען. די מוטער זוכט זי אַרום, ביז זי געפֿינט איהר שעהנע עלאַ. איהרע בלאָנדע זיידענע לאָקען זיינען איבערגעפֿלאָכטען מיט די גרינע צווייגען פֿון די מיט וויין־שפּראָצענדע וויינטרויבען — און בעדעקען איהר גראַציעזען קעפּעל, ווי אַ פּערעל־קראַנץ. די מוטער נעהמט זי אָן פֿאַר'ן הענטעל און זיי געהען ביידע אין שטוב אַריין.

דאָס צימער איז גרויס און ליכטיג. ביים טיש זיצט דער פֿאָטער. ער נעהמט זיין עלאַ אויף די קניע, ער דריקט זי צום האַרצען און בעדעקט איהרע ליליען־בעקלאַך מיט הייסע קושען. ער האָט זי ליעב מעהר ווי זיין לעבען! זי איז זיין איינציגע טרייסט אין זיין שווערען לעבענס־וועג. די מוטער דערלאַנגט דאָס עסען. איהרע אויגען שטראַהלען מיט גליק. עלאַ זיצט צווישען זיי מיט איהרע זיידענע לאָקען און בלויע אויגען, ווי אַ שטילער מלאך פֿון אונשולד און פֿריעדען.

אַ צווייטעס בילד.

עלאַ לויפֿט פֿון דער שולע מיט איהרע ביכער, בליי־שטיפֿטען און טאַפֿעל. איהרע באַקען ברענען מיט אַ ראָזאָווען פֿייער. די אויגען בליצען מיט פֿרייד, די לאָקען זיינען צוואָוואָרפֿען איבער איהרע קיילעכדיגע שולטערען.

— מאַמאַ! מאַמאַ! זעה, וואָס איך האָב געבראַכט!

עלאַ האָט בעקומען אַ גאָלדענעם מעדאַל פֿאַר איהר גוטען שטודיום. די מוטער איז אויסער זיך פֿון פֿרייד. דער פֿאָטער קושט זי מיט טרערען אין די אויגען. — עלאַ! עלאַ! ווי וואָלט איך

געלעבט אָהן דיר אויף דער וועלט? וואָס וואָלט מיר געבען מוטה אַלעם איבערצוטראָגען?

עלאַ קוקט מיט ליעבע אויף איהר אָרעמען פאָטער און דריקט זיך צו שטאַרקער צו איהם.

*

אויף דיזעס בילד אי פערשוואונדען. עלאַ איז שוין אַ גרויסע. דער פאָטער איז טויט. די אַלטינקע מוטער איז דער איינציגער פריינד, וועלכען עלאַ האָט אויף דער וועלט. עלאַ אַרבייט אין אַ גרויסען געשעפט. זי איז אַ „סיילס־ליידי". אַלע האָבען זי זעהר ליעב. איהר שעהנהייט ציהט צו אַ סך קונים. עס איז 9 אוהר אָבענדס. עלאַ קומט פון איהר אַרבייט. זי איז היינט בלאַס און פערוויינט. זי נעהמט אַרום שטאַרק איהר מוטער. טרערען קייקלען זיך פון איהרע שעהנע, דונקעל־בלויע אויגען.

— עלאַ, וואָס איז דיר?

— מוטער, דער עלטערער קאָמי פערפאָלגט מיך. ער האָט זיך מיר ערקלערט אין ליעבע. ער זאָגט, אויב איך וועל איהם ניט ליעבען, וועט ער מיך אומברייננגען.

— עלאַ, מיין קינד, זיי רוהיג! ער קען דיר גאָרנישט טהאָן! דערצעהל דעם בעל הבית, ער וועט איהם שוין מאַכען שווייגען.

— מוטער! דער קאָמי איז זעהר פערטרויט מיט'ן בעל הבית; ער וועט ניט גלויבען און וועט מיך אַוועקשיקען. וואָס וועלען מיר טהאָן? ווער וויים, אויב איך וועל געפינען אַזוי שנעל אַ נייעם פלאַץ?

די אַלטינקע שווייגט און בענעצט מיט טרערען די שעהנע בלאָנדע לאָקען פון איהר איינציגען קינד. עלאַ זיצט בלאַס און פערטראַכט. איהר האַרץ איז אונרוהיג; זי פיהלט, אַז אַ ביטערער שטורם וועט אויסברעכען אין איהר לעבען.

עס געהען אַריבער עטליכע טעג.

— מוטער! מוטער! איך בין אונגליקליך!

עלאַ לויפֿט אַריין אין שטוב, בלאַס ווי דער טויט; נאָך איהר געהט נאָך אַ גרויסער פּאָליציימאַן מיט זיין קלאָב אין דער האַנד.

— עלאַ, מיין קינד, וואָס איז געשעהן? — די אַלטע האַלט זיך קוים אויף די פֿיס פֿון שרעק.

— מוטער! זיי זאָגען, איך בין אַ גנב'טע! דער קאָמי האָט געהאַלטען וואָרט: ער האָט אַריינגעלייגט אַ שטיק זייד אין מיין האַנד־טאַש און האָט געזאָגט, אַז איך האָב עס גע'גנב'עט. מוטער, זיי ווילען מיך איינשפּאַרען אין געפֿענגנים. אָה! איך וועל שטאַרבען פֿון שאַנדע!

— עלאַ, מיין קינד, זיי רוהיג! — שרייט די אָרעמע מוטער מיט אַ ציטערנדער טרערען־שטימע. — זיי קענען דיר גאָרניט טהאָן, דו ביסט אונשולדיג; יעדער איינער קען דאָס זעהן. איך, די גאַנצע וועלט וועט עס שווערען! ניין, עס איז אונמעגליך צו בעשולדיגען דיך, מיין מלאך, אין אַזאַ פֿערברעכען!

מוטער און טאָכטער פֿאַלען איינע דער אַנדערער אין די אָרעמס און וויינען.

— קומט! אייער וויינען וועט ניט העלפֿען! — מורמעלט דער אָרדנונגס־בעוואַכער. — דאָס געריכט וועט שוין אויסגעפֿינען, אויב דו ביסט אונשולדיג.

* * *

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָהר.

עלאַ קומט נאָר וואָס אַרויס פֿון געפֿענגנים, וואו זי איז אָבגעזעסען פֿאַר דער גנבה, וועלכע איז פֿאַבריצירט געוואָרען פֿון דעם אויפֿגערייצטען קאָמי. איהר מוטער איז פֿון צרות קראַנק און האַלב וואַהנזיניג. זי ליגט אין אַ דונקעלען צימער. אַ שכן האַלט

זי פֿון רחמנות. עלאַ פֿאַנגט אָן זוכען אַ נייע בעשעפֿטיגונג. עס געהט אַוועק אַ וואָך, אַ צווייטע, זי קען קיין אַרבייט ניט געפֿינען, אין די געשעפֿטען איז זי בעקאַנט אַלס אַ גנב'טע. קיין אַנדער אַרבייט ווייס זי ניט. דערווייל מוז מען לעבען. מען מוז האָבען געלד. די מוטער דאַרף אַ דאָקטאָר, אַן אַנדער וואָהנונג. אין האָספּיטאַל וויל זי ניט געהן. „זיי ווילען מיך דאָרט ערמאָרדען, ווי זיי האָבען ערמאָרדעט מיין עלאַ!" שרייט די האַלב-וואַהנזיניגע און קוקט אויף יעדען, ווי אויף אַ מערדער פֿון איהר טהייערער עלאַ.

נאָך אַ מאָנאַט איז אַריבער. קיין אַרבייט איז נאָך אַלץ ניטאָ, די עטליכע קליידלעך, וואָס עלאַ האָט געהאַט זיינען אַלע אַוועק אין לאָמבאַרד. אין שטוב איז קאַלט. קיין ברויט, קיין קוילען, קיין שטיקעל ליכט צו בעלייכטען די אָרעמע וואָהנונג. עלאַ וואַרפֿט אויף זיך אַרויף איהר יאַקעל און געהט אין גאַס, זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך אַ חבר'טע, וועלכע האָט מיט איהר צוזאַמען געאַרבייט אין געשעפֿט און האָט געוואוסט, אַז זי איז אונשולדיג. „פֿילייכט וועט זי מיר עפּעס באָרגען."

עלאַ איז שנעל דורכגעלאָפֿען אַ פּאָר פֿינסטערע גאַסען און האָט אָנגעקלאַפּט צו איהר חבר'טע.

— זי איז ניטאָ! אַוועק אויף אַ באַל! איז געווען דער ענטפֿער.

עלאַ האָט אַרונטערגעלאָזען איהר קאָפּ און איז טרויעריג אַוועק ווייטער.

עס איז שוין 11 אוהר ביינאַכט. די גאַז-לאַמטערנעס בעלייכטען דונקעל די שמוציגע גאַסען פֿון נויאָרקער „דאַון-טאַון".

עלאַ וואַנדערט שטיל דורך די גאַסען. וואוהין זי געהט, קען זי זיך אַליין ניט אָבגעבען קיין רעכנונג. זי געהט וואוהין עס איז, אַבי נור ניט אין דעם קאַלטען, שמוציגען חדר, וואו עס ליעגט יעצט איהר קראַנקע, וואַהנזיניגע מוטער.

ווי אַזוי קען זי איהר העלפֿען? וואו נעהמט מען די מיטלען צו ערלייכטערן איהר די שרעקליכע ליידען?

טרערען האָבען איהר געשטיקט. איהר עלענד, איהר נויטה, איהר אונגליקליכע מוטער — אַלעס האָט זיך פֿערוואַנדעלט אין אַ גיפֿטיג העליש פֿייער, וואָס האָט פֿערצעהרט איהר האַרץ און געדריקט מיט שאַרפֿע אייזערנע צוואַנגען איהר גאַנצעס וועזען. זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אַ גרויסער געביידע און האָט ביטער געוויינט.

— יונגעס פֿריילין, וואָס איז געשעהן? — האָט זי דערהערט לעבען זיך אַ מענער־שטימע.

זי האָט אויפֿגעהויבען איהר קאָפּ. לעבען איהר איז געשטאַנען אַ רייך־געקליידעטער יונגער־מאַן אין אַ זיידענעם צילינדער, מיט אַ ציגאַר אין מויל. איהר ערשטער געדאַנק איז געווען: אַנטלויפֿען! אָבער טאַקע באַלד האָט אין איהר קאָפּ דורכגעבליצט אַן אַנדער פּלאַן: זי וועט איהם בעטען, ער זאָל איהר געבען עטוואָס געלד, מיט וואָס זי וועט קענען רעטען איהר מוטער און זיך זעלבסט. וואָס קען זי זיך העלפֿען? זי מוז בעטלען, קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ.

— העלפֿט מיר! איהר זייט, זעה איך, רייך, מיין מוטער איז זעהר קראַנק, איך קען קיין אַרבייט ניט געפֿינען... — האָט זי אָנגעפֿאַנגען, אָבשטעלענדיג זיך אויף יעדען וואָרט און ווערענדיג באַלד בלאַס, באַלד רויט אין געזיכט.

דער רייכער יונגער מאַן האָט זיך גוט איינגעקוקט אין איהר געזיכט און איז געבליבען שטעהן ווי פֿערוואונדערט. איהר שעהנהייט, איהר נאַאיוויטעט, איהר אונשולד, וועלכע האָט געשטראַהלט פֿון איהר יעדען געזיכטס־צוג, פֿון איהר יעדער בעוועגונג, האָט איהם ווי בעצויבערט. ער האָט ערוואַרטעט צו בעגעגענען איינע פֿון די

נאַכט-פֿייגעל, מיט וועלכע ער איז געווען גוט בעקאַנט, און איז ערשטוינט געוואָרען צו געפֿינען אַזאַ ריינעם, וואונדערשעהנעם פערל אין די שמוציגע גאַסען פֿון נויאָרק.

— וואו וואוינט איהר? פֿון וואַנען קומט איהר? — האָט ער שטיל געפֿרעגט.

זי האָט איהם דערצעהלט איהר לעבענס-געשיכטע און ער האָט איהר בעגלייט אַהיים. ער האָט בעטראַכט איהר קראַנקע מוטער. האָט איבערגעלאָזען עטליכע דאָלאַר און האָט צוגעזאָגט מאָרגען ווידער צו קומען.

יעדען טאָג פֿלעגט ער בעזוכען די שעהנע עלאַ. זיי האָבען איבערגעצויגען אין אַ שעהנע וואוינונג. דאָך די אַלטינקע מוטער האָט זיך ניט געקענט ערהוילען פֿון איהר קראַנקהייט און איז אין גיכען געשטאָרבען.

עלאַ האָט געליעבט איהר איינציגען פֿריינד און רעטער. ער פֿלעגט איהר פֿערשאַפֿען די בעסטע פֿערגניגען, און זייער לעבען איז די ערשטע צייט געווען זעהר אַ גליקליכעס.

אָבער פלוצלינג איז ער פֿערשוואונדען. עלאַ איז געבליבען אַליין. זיינע פֿריינד האָבען איהר געזאָגט, דאָס ער איז מיט אַן אַנדער פֿרוי אַוועק נאָך אייראָפּאַ. עלאַ האָט געהאַט אַ קינד. די נויטה האָט ווידער אָנגעפֿאַנגען צו קלאַפּען אין טהיר.

וואָס זאָל זי טהאָן ווייטער? עלענד, אָרעם, מיט אַ קינד אויף די הענד, פֿעראַכטעט פֿון דער מאָראַלישער געזעלשאַפֿט אַלס אַן אונמאָראַלישע פֿרוי, וואו זאָל זי געהן? צו וועמען זאָל זי זיך ווענדען?

עס איז איהר געבליבען נור איין מיטעל, נור איין אויסגאַנג. זי איז געווען נאָך יונג און שעהן. רייכע בעלי־תאוה האָבען געקלאַפּט אין איהרע טהירען. זי וועט אָנפֿאַנגען צו האַנדלען מיט איהר שעהנהייט.

מיט קללות, מיט האַס, מיט ברענענדען צאָרן האָט זי זיך אָבגעגעבען דעם שענדליכען האַנדעל. איהר געוויסען פּלעגט איהר ניט געבען קיין רוה. איהר שענדליך לעבען איז תמיד געשטאַנען פאַר איהרע אויגען, זי פּלעגט הערען די ציטערענדע שטימע פון איהר טויטער מוטער: „עלאַ, וואָס האָסט דו געטהאָן? עלאַ, דיין שאַנד ברענט ווי אַ העליש פייער אין מיין קבר און לאָזט מיך ניט רוהען!"

אום צו פערטויבען אין זיך די גיפטיגע שטימע פון איהר קראַנקען געוויסען האָט זי אָנגעהויבען טרינקען. זי האָט געטרונ־קען ביי טאָג און ביי נאַכט, איהר דיענסט פּלעגט איהר אָפט געפינען אויף דער פאָדלאָגע שכור מיט אַ פערשוואָלענעם געזיכט.

— וואו זיינען זיי? — פּלעגט זי פרעגען מיט אַ הייזעריגער שטימע? — וואָרום קויפען זיי מיר ניט קיין וויין?

אין איין יאָהר איז זי געוואָרען אַלט און גרוי.

די מענער האָבען געווייכט פון איהר.

— וואָס אַנטלויפט איהר פון מיר? — פּלעגט זי שרייען מיט אַ ביטערען שמייכעל. — איהר אַליין האָט צוטרעטען די בלום און איצט שפּייט איהר אויף איהר!

* * *

— סיי געט אָפּ! — די באַמערקע האָט דערפיהלט ווי אַ שווערע האַנד דריקט איהר שולטער. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. געגען איהר איז געשטאַנען אַ גרויסער פּאָליציי־מאַן מיט אַ קלאָב אין די הענד. זי האָט זיך מיט שרעק אויפגעהויבען און איז שנעל אַוועק ווייטער.

קוקענדיג אויף דיזע קלעגליכע פיגור, איינגעוויקעלט אין שמוציגע טראַנטעס, ווער וואָלט געגלויבט, אַז ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק איז דאָס געווען אַ צאַרט, אונשולדיג קינד, אַ וואונ־

דער־שעהנע עלאַ, אַ רייצענדע בלום, וועלכע האָט געבליהט אויף דער ברוסט פון איהר טרייער מוטער? ווער וואָלט געגלויבט, אַז אויך דיזע שמוציגע באָמערקע האָט אַמאָל געשיינט, ווי אין פריה־לינג די זונן, געליעבט און געטרוימט פון אַ ערליכער צוקונפט?

וויפיעל אַזעלכע געפאַלענע, צוטראָטענע „עלאַס" בלאָנדזשען אַרום אין די גאַסען פון נויאָרק, געשענדעט פון יעדען אויסוואורף פון דער מענשהייט, פערוואָרפען מיט שמוץ און שטיינער פון דער „יונגער אַמעריקאַ", געשלאָגען פון די היטער פון געזעץ און אָרדנונג?

און וויפיעל יונגע קינדער מיט לאָקען, ווייך ווי זייד, מיט באַקען, פריש ווי ראָזען, וועלכע לויפען נאָך פאָרלויפיג אין שוהלע און שיינען מיט זייער נאַאיוויטעט און אונשולד, ערוואַרטעט דאָס שיקזאַל פון אַן עלאַ, דער שרעקליכער גורל פון אַ נויאָרקער באָמערקע!

דאָך גענוג! איך וויל דיך, לעזער, ניט בעלעסטיגען מעהר מיט אַזאַ נידעריגער פערזאָן, ווי אַ „באָמערקע". איך וויל דיך נור בעטען, ווען דו געהסט דורך די גאַסען פון נויאָרק און בעגעגענסט אַ „באָמערקע", וואַרף ניט אויף איהר קיין שטיינער, דיינק פון דער „עלאַ" און פרעג: וועמעס שולד איז דאָס?

געלד און לעבען.

— נו, מאַטילדע, פיהלסט דו היינט בעסער? — האָט אַלבערט געפרעגט זיין יונגע פרוי, וועלכע איז געלעגען קראַנק אין בעט.

— ניין, אַלבערט, איך פיהל היינט ערגער, — האָט זי שטיל געענטפערט. איהרע איינגעפאַלענע שוואַרצע אויגען זיינען געווען פייכט פון טרערען.

— איז דער דאָקטאָר שוין געווען?

— ניין, קיינער איז דאָ היינט ניט געווען.

אַלבערט האָט אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און געשוויגען. ער איז געווען אַן אַרבייטער. אַ גאַנצען טאָג האָט ער שווער געאַרבייט אין פאַבריק. ווי אָרעם ער האָט ניט געלעבט מיט זיין מאַטילדע, דאָך האָט ער מונטער און שטאָלץ געטראָגען די לאַסט פון עהרליכער אָרימקייט. יעדען אָבענד פלעגט איהם מאַטילדע בעגעגענען מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף איהר ערדלען שעהנעם געזיכט. זי איז געגאַנגען אָרעם געקליידעט, אָבער תמיד ריין און נעט. זייער וואוינונג איז בעשטאַנען פון צוויי קליינע נויאָרקער צימערלאַך און ביי זיי איז אימער געווען אַלעס ציכטיג, אַלעס אויף אַן אָרט, ריין און בעקוועם.

אָבער פלוצלינג האָט זיך אויף דיזען אָרעמען העררליכען פאַמיליען־בילד אַראָבגעלאָזט אַ שוואַרצער וואָלקען. מאַטילדע האָט געהאַט אַ קינד, וואָס איז באַלד געשטאָרבען. פון דאַמאָלסט אָן, שוין 4 מאָנאַט, ליגט זי קראַנק. איהר אויסגעמאַטערט, פערוועלקט

געזיכט צורייסט אויף שטיקער דאָס האַרץ פֿון׳ם אָרעמען אַלבערט. די גרעסטע טהייל פֿון זיין קלעגליכען לוין האָבען פֿערשלונגען דאָקטוירים און מעדיצין. און מאַטילדע׳ס חופּה־קלייד און זיין זילבערנער זייגער האָט ער אַוועקגעטראָגען אין לאָמבאַרד, אום צו קענען פּינקטליך בעצאָהלען רענט און דעם דאָקטאָר פֿאַר זיינע וויזיטען.

דאָך, וואָס קען עס זיין, וואָס דער דאָקטאָר איז שוין צוויי טעג ניט געווען? אַלבערט האָט זיך ערינערט, אַז דעם לעצטען מאָל האָט ער איהם ניט געהאַט מיט וואָס צו בעצאָהלען און האָט איהם געבעטען, ער זאָל וואַרטען ביז ער וועט ערגעץ קריגען אַ פּאָר דאָלאַר.

— זאָל דאָס זיין די אורזאַכע, וואָס ער קומט ניט מעהר?

— האָט זיך אַלבערט געפֿרעגט מיט אַ ביטערען פֿערדרוס. — איז דאָס מעגליך? האָב איך דען איהם ניט געצאָהלט אימער פֿאַר זיינע וויזיטען? האָב איך דען ניט אָבגעריסען פֿון מיין לעצטען ביסען, אום איהם צופֿרידענצושטעלען, אום צו וויסען, אַז מאַ־טילדע ליגט ניט אָהן שום הילפֿע? וויפֿיעל מאָל האָב איך מיר געלייגט שלאָפֿען אָהן נאַכט־מאָהל, אַ הונגעריגער, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז ווען איך וועל קויפֿען עטוואָס צו עסען, וועל איך ניט האָבען מיט וואָס צו בעצאָהלען דעם דאָקטאָר?

און איצט... איז דאָס מעגליך? אַז ער האָט אַוועקגעוואָרפֿען מיין מאַטילדע? אַוועקגעוואָרפֿען, זי געלאָזט פֿערוועלקען, שטאַרבען, ווייל מיר האָבען איהם איין מאָל ניט בעצאָהלט? ווייל מיר זיינען אַזוי אונגליקליך און אָרעם?

— מאַטילדע! איך מוז אַריבערגעהן צום דאָקטאָר און וויסען די אורזאַכע, וואַרום ער קומט ניט מעהר צו דיר! — האָט גע־זאָגט אַלבערט מיט אַ ציטערנדער שטימע פֿון פֿערשטיקטען צאָרן.

זי האָט אויף איהם אויפגעהויבען איהרע שעהנע, גרויסע אויגען, אין וועלכע עס האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט איהרע טיעפע ליידען און איהר עדעלע, ליעבענדע זעעלע.

— אַלבערט, מיר האָבען מעהר קיין געלד ניט, און דאָקטוירים קומען נור צו די, וואָס האָבען געלד, — האָט מאַטילדע שטיל געזאָגט און אַ הארצרייסענדער טרויער האָט זיך געהערט אין איהר שטימע. — אַלבערט, שיק מיך אַוועק אין אַ האָספּיטאַל, דו זעהסט אַליין, אַז מיר קענען זיך ניט העלפען.

— אין האָספּיטאַל! — האָט אויסגערופען אַלבערט מיט ביטערער פערצווייפלונג און זיין שטימע האָט זיך איבערגעריסען.

ער האָט זיך עראינערט, ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק איז ער קראַנק געוועזען און זיין בעל־הבית האָט איהם געשיקט אין קראַנקען־הויז. אָהן קרעפטען, פערשמאַכט איז ער געלעגען גאַנצע טעג, און ווען ער פלעגט בעטען אַ טרונק, פלעגען די האָספּיטאַל־וועכטער זיך מאַכען ניט הערענדיג און איהם איבערלאָזען מיט זיין ברענענדען דורשט. ער געדיינקט, ווי דער האָספּיטאַל־דאָקטאָר פלעגט, ווי אַ שנעע־זאַווערוכע, דורכלויפען פערביי די בעטלעך פון די קראַנקע מיט דער קאַלטער פראַגע: „ווי געהט'ס?" און ביז דער קראַנקער האָט געעפענט זיין מויל עטוואָס צו ענטפערן, פלעגט דער דאָקטאָר שוין זיין 3 מייל ווייט פון איהם...

ווי לאַנג וועט מאַטילדע קענען אויסהאַלטען אַזאַ טהיערישע בעהאַנדלונג? זאָל ער זי אַוועקשיקען אין האָספּיטאַל שטאַרבען? ניין! ניין! ער קען דאָס ניט טהאָן. ער וועט לויפען צו דאָקטוירים, ער וועט בעטען, ער וועט וויינען, ער וועט זיך וואַרפען צו זייערע פיס, אום זיי זאָלען רעטען זיין מאַטילדע, זיין איינציגע טרייסט אין לעבען.

— ניין, מאַטילדע! דו דאַרפסט ניט געהן אין האָספּיטאַל!

נאָך אַ פּאָר וואָכען און דו וועסט קומען צו דיינע קרעפטען, — האָט ער זי געטרייסט און איז אַוועק צו זיין אַלטען בעקאַנטען דאָקטאָר. דער ארצט האָט איהם בעגעגענט אין זיין אָפּיס מיט דעם אייביג קאַלטען שמייכעל אויף זיין ביזנעס-מעסיגען געזיכט.

— נו, מיין פריינד, האָט איהר שוין געקראָגען געלד? — איז געוועזען זיין ערשטע פראַגע.

אַלבערט האָט געפּיהלט עפּעס, ווי אַ שלאַנג וואָלט איהם אַ ביס געטהאָן אין זיין ברוסט.

— ניין, ווערטהער דאָקטאָר! איך האָב נאָך קיין געלד ניט געקראָגען. איך האָף אין גיכען צו קריגען. איך בין געקומען צו אייך, ווייל מיין מאַטילדע פיהלט זעהר שלעכט. פיעל ערגער, ווי ביז אַהער.

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען אַ סיגאַר, האָט פעררויכערט און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין וויכען שטוהל.

— הערט, יונגער מאַן, — האָט ער זיך ענדליך געווענדעט צו אַלבערט'ן. — איהר דאַרפט וויסען אַליין, אַז אָהן געלד קען מען קיין דאָקטאָר ניט האָבען. דיינקט איהר, אַז איך לעב פון דער לופט? איך האָב זעהר גרויסע אויסגאַבען און מוז אויך בעצאָהלען מיינע בילס. איין זומער־פּלאַץ פאַר מיין פאַמילע קאָסט מיר אָב מעהר, ווי אַזאַ מענש ווי איהר פערלעבט אין אַ גאַנץ יאָהר. היינט פערד און עקיפּאַזש און נאָך הונדערטע בעדירפ־ניסע, ווי אַ מעטראָפּאָליטען אָפּעראַ, פאַמיליען-בעלער, אָהן וועלכע איהר קענט גאַנץ לייכט אויסקומען, אָבער מיר, וועלכע לעבען אין אַן אַנשטענדיגער געזעלשאַפט, מוזען נאָכקומען דיזע בעדירפ־ניסע; אויך אונזער פּראָפעסיאָן, ווען מיר ווילען האָבען אַ נאָמען פון אַ גוטען אַרצט, פאָדערט פון אונז, מיר זאָלען לעבען מיט לייטען גלייך. היינט בעקלעהרט אַליין, מיין פריינד, איך זאָל געהן

צו אייך אָהן געלד און צו אַ צווייטען אָהן געלד, וואו וועל איך נעהמען צו בעצאָהלען פאַר אַ זומער־פּלאַץ פאַר עטליכע הונדערט דאָלאַר, אָדער דערהאַלטען מיינע פערד און עקיפּאַזש?

— אָבער, דאָקטאָר, איהר האָט שוין ביי מיר איבערגענומען ניט ווייניג געלד, און איצט ווילט איהר מיך אַוועקוואַרפען? איצט ווילט איהר איבערלאָזען אַ געפעהרליך קראַנקע פרוי אָהן שום הילפע? לאָזען זי פּלייכט שטאַרבען אין איהרע יונגע יאָהרען, נור דערפאַר, ווייל איך האָב איצט ניט צו בעצאָהלען אייך דעם דאָלאַר?

— איך האָב אייך איין מאָל געזאָגט, מיין פריינד, און איך ליעב ניט איבערצורייזען נאָך אַמאָל, דאָס וואָס איך זאָג. — האָט דער דאָקטאָר רוהיג געענטפערט, אַרויסלאָזענדיג בלויע רינגען רויך פון זיין האַוואַנאַ־סיגאַר.

— אָבער דאָקטאָר, איז עס מעגליך, אַז איהר וועט זי איצט לאָזען שטאַרבען? — האָט אַלבערט אויסגעשריען, ציטערנדיג מיט זיין גאַנצען קערפּער.

— שטאַרבען! — האָט איבערגעזאָגט דער דאָקטאָר מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף זיין זעלבסט צופרידענעם געזיכט:

— כאַ! כאַ! איהר זייט זעהר נאַאיוו, יונגער מאַן, ווייניג מענשען שטאַרבען דען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע, ניט זעהענדיג אין די אויגען קיין דאָקטאָר? וואָס איז דען דער מעהר מיט אייך! איהר זייט אָרעם און קענט איבערהויפּט ניט פיהרען קיין פאַמי־ליען־לעבען, איהר וועט זיך דאַן פיהלען פרייער...

אַלבערט איז געשטאַנען בלאַס, ווי דער טויט. זיינע הענד האָבען געציטערט און זיינע אויגען האָבען געבליצט מיט צאָר־ניגען וואַהנזין. ער האָט געפיהלט, ווי אַלעס מענשליכע האָט איהם פערלאָזען; ער האָט געפיהלט, ווי ער פערוואַנדעלט זיך אין אַ

ווילדע חיה, אַלעס איז פֿאַר איהם פֿערשוואונדען, ער האָט נאָר געזעהן פֿאַר זיך אַ בייזען הונד, אַ פֿיינד, אויף וועלכען ער וועט זיך באַלד אַרויפוואַרפֿען מיט דונערנדען געשריי פֿון אַ פֿערוואונדעטען לייב און צורייסען זיין אָפּפֿער אויף שטיקער.

דער דאָקטאָר האָט בעמערקט, ווי זיינע ווערטער האָבען געווירקט אויף'ן אונגליקליכען און ער איז צוגעגאַנגען צו איהם מיט אַ שמייכעל:

— זייט רוהיג, מיין פֿריינד...

— אונמענש! ווילדע חיה! אַוועק פֿון מיר! — האָט אויסגערופֿען אַלבערט מיט אַ ציטערנדער שטימע, — אַוועק! אָדער איך צוריים דיך, איך פֿערניכט דיר!

— ער איז פֿעררוקט! — האָט ווי פֿערלאָרען אויסגעמורמעלט דער דאָקטאָר — פֿערלאָזט באַלד מיין אָפּיס.

אַלבערט האָט זיך, ווי אַ צורייצטער לייב אַ וואָרף געטהאָן אויף זיין פֿיינד און האָט איהם אַ שליידער געטהאָן צום באָדען.

— רעטעט! רעטעט! — האָט געשריען דער מעדיצינישער רעטער.

אַלבערט איז ווי אַ וואַהנזיניגער אַרויסגעלאָפֿען פֿון אָפּיס.

וואוהין געהט מען איצט? וואָס טהוט מען?! זיין קאָפּ האָט געברענט, ווי אין אַ שרעקליכען פֿיבער און ער האָט נאָך געציטערט פֿון אויפֿרעגונג. ער האָט זיך עראינערט אָן אַ פֿריינד, וועלכער איז געוועזען בעקאַנט מיט פֿיעלע דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרען. — „פֿילייכט וועל איך דורך איהם קריגען אַ דאָקטאָר", — האָט געטראַכט אַלבערט.

ער האָט געפֿונען זיין פֿריינד שטאַרק בעשעפֿטיגט אין זיין קליינעם קרעמעל. אַלבערט האָט אָבגעוואַרט אַ גינסטיגע מינוט און האָט איהם איבערגעגעבען אין קורצע ווערטער זיין שרעקליכע לאַגע.

— מאַטילדע איז אין געפֿאַהר, איך מוז זי רעטען! — האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פֿריינד מיט פֿליסענדע טרערען.

— וואָס קען איך דיר איצט העלפֿען? דו זעהסט, ווי איך בין שטאַרק פֿערנומען. איך קען פֿערלירען מיינע קונדען, ווען איך זאָל מיך איצט אָבגעבען מיט דיר. קום מאָרגען, וועל איך זעהן, פֿילייכט קען איך דיר העלפֿען.

— מאָרגען! — האָט ביטער אויסגערופֿען אַלבערט,—ווער ווייס, אויב מיין מאַטילדע וועט לעבען ביז מאָרגען? זיין פֿריינד האָט שוין ניט געהערט זיינע לעצטע ווערטער, ער איז אַוועק צו זיינע קונדען.

צוּבראָכען פֿון שמערצען און פֿערצווייפֿלונג האָט זיך אַלבערט געלאָזט געהן אַהיים. דורכגעהענדיג אַ גרויסע גאַס האָט ער דערזעהן אויף אַ טהיר פֿון אַ רייכען הויז אַ מעשענעם ברעטעל מיט דעם אויפֿשריפֿט „פּראָפֿעסאָר א...״ אַ פֿונק פֿון האָפֿנונג האָט זיך ווידער אָנגעצונדען אין אַלבערט׳ס ברוסט. ער האָט אָנגעקלונגען.

— איז דער פּראָפֿעסאָר צו הויז?

— יאָ, קומט אַריין!

אַלבערט איז געשטאַנען אין אַ רייך־אויסגעפּוצטען אָפֿיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז אַריינגעגאַנגען דער פּראָפֿעסאָר. ער איז געווען אַ מאַן פֿון אַ יאָהר פֿערציג, מיט רויטע האָר און באַקענבאָרד, ער האָט עפּעס ווי פֿערוואונדערט אָנגעקוקט דעם אָרעמען אַלבערט אין זיינע אַלטע, אָבגעטראָגענע קליידער.

— פּראָפֿעסאָר, פֿילייכט קענט איהר בעזוכען מיין פֿרוי, וועלכע איז איצט געפֿעהרליך קראַנק? — האָט אַלבערט קוים אויסגערעדט. עס האָבען איהם געשטיקט די טרערען.

— יאָ, געוויס, איך קען דאָס טהאָן, — האָט געענטפֿערט

דער פראָפעסאָר. — אָבער ווייסט איהר, מיין פריינד, אז איך נעהם פאַר אַ וויזיט ניט ווייניגער פון 25 דאָלאַר?

אַלבערט האָט אויסגעשטאַרטשט אַ פּאָר אויגען.

— 25 דאָלאַר! ניין, פּראָפעסאָר! איך האָב איצט אַפילו קיין 25 סענט ניט. אָבער אין נאָמען פון אַלעס, וואָס איז אייך הייליג און טייער, אין נאָמען פון אייער אייגענער פרוי, וועלכע איהר ליעבט, קומט, רעטעט מאַטילדע'ן! איך וועל זיך אייך פערפליכטען פאַר מיין גאַנצען לעבען, איך וועל זיין אייער שקלאַף, אייער אייביגער קנעכט! זעהט, אָט ליעג איך ביי אייערע פיס!— און ווירקליך, אַלבערט איז געפאַלען צו די פיס פון'ם פּראָפעסאָר, ער האָט אָנגעכאַפּט זיינע הענד און האָט זיי געקושט. ווי אַ טרייער הונד איז ער געלעגען אויף'ן באָדען און האָט מיט זיינע פערוויינטע אויגען געקוקט אויף זיין מעגליכען רעטער.

— עס איז אונמעגליך, אונמעגליך! — האָט געמורמעלט דער פּראָפעסאָר, אָבשטופענדיג פון זיך דעם אונגליקליכען. — געהט און קריגט ערגעץ אַ ביליגען אַרצט; איך פאָהר ניט צו אַזעלכע פּאַציענטען.

-- דער עקיפּאַזש איז פערטיג! — האָט געזאָגט דער לאַקיי.

דער פּראָפעסאָר איז אויפגעשטאַנען און איז אַרויסגעגאַנגען אַלבערט איז געבליבען ליגען, ווי אַ דערשלאָגענער אויף'ן באָדען. ווען ער איז געקומען צו זיך און איז אַרוים פון פּראָפעסאָר'ס אָפּיס, האָט ער געזעהן פון ווייטען, ווי עס האָט שנעל אַוועק־געראָלט די רייכע קאַרעטע, אין וועלכע דער פּראָפעסאָר איז גע־פאָהרען ניט צו אַזעלכע אָ־עמע, פערוואָגעלטע, שטאַרבענדע פּאַציענטען, ווי זיין אונגליקליכע מאַטילדע; ניין, ער איז פיליי כט געפאָהרען אין די רייכע פּאַלאַצען, וואו מענשען קריינקען פון וואוילטאָג און איבערפלוס.

„די לעצטע האָפֿנונגען זיינען פֿערלאָרען!" — האָט איצט געטראַכט אַלבערט. — „איך מוז געהן צו איהר. וואָס עס וועט זיין, דאָס וועט זיין!" ווען אַלבערט איז צוגעגאַנגען צו זיין וואוינונג, האָט ער דערהערט עפּעס אַ גערויש, אַ לויפֿעריי. פּיעלע שטימען האָבען גערעדט צוזאַמען: „וואו איז ער? ווי אַזוי לאָזט מען אַ פֿרוי אַליין?" אַלבערט איז שנעל אַרויפֿגעלאָפֿען אויף די טרעפּ. זיין קליינעס צימער איז געווען פֿול מיט מענשען, ווייבער, שכנים, קינדער, אַלטע לייט — אַלעס בעוועגט אין געטומעל.

ווען אַלבערט איז אַריין אין צימער, איז געוואָרען שטיל. אַלע האָבען איהם טרויעריג אָנגעקוקט. אַן אַלטע פֿרוי האָט שטילערהייט געוויינט און זיך געווישט די אויגען מיט אַ גרויסער רויטער פֿאַטשיילע.

אַלבערט איז געבליבען שטעהן, ווי פֿערשטיינערט. — איז עס מעגליך? האָט ער געפֿרעגט, ווי אין אַ טרוים. די אַנוועזענדע האָבען זיך אָבגערוקט פֿון בעט און אַלבערט האָט דערזעהן זיין מאַטילדע — זי איז געווען טויט. אויף איהר בלאַסען מויל איז פֿערשטאָרבען דער אויסדרוק פֿון מאַכטלאָזען קאַמפּף און פֿערצווייפֿלונג.

אַלבערט האָט ניט גערעדט קיין וואָרט, קיין מינדסטער געשריי האָט זיך ניט אַרויסגעריסען פֿון זיין פֿערשטיינערטער ברוסט. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און איז געפֿאַלען אויף די קניע לעבען זיין טויטע מאַטילדע. עס איז פֿערביי אַ רגע פֿון טויטער שטילקייט. ענדליך האָט זיך פֿון אַלבערט'ס ברוסט אַרויסגעריסען אַ געוויין. דאָס איז געווען אַ שרעקליך געוויין; עס האָט עראינערט דאָס ווילדע ברומען פֿון אַ פֿערוואונדעטען לייב. עס האָט עראינערט די ווילדע פֿערצווייפֿעלטע געשרייען פֿון אַ טיגערין, ביי וועלכער מען האָט גערויבט און ערמאָרדעט איהרע

קליינע קינדער, אָבער דאָס האָט געדויערט ניט מעהר, ווי עטליכע מינוט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געוואָרפען אויף די אַנוועזענדע, אויף די נייגיעריגע, אַ בליק פון טיעפער פעראַכטונג.

— וואָס שטעהט איהר דאָ! ווער האָט אייך אַהער גערופען, איהר האַרצלאָזע ברואים? וואו זייט איהר געווען פריהער? אַוועק פון דאַנען! פערפעסטעט ניט מיט אייער גיפטיגען אָטהעם דאָס הייליגע, אונגליקליכע וועזען, וועמען איהר, געלדזיכטיגע אונמענשען, האָט אַזוי אונבאַרעמהאַרציג ערמאָרדעט! איך קען אייך ניט זעהן! איך פעראַכט אייך! איהר זייט גיפטיגער פון ווילדע חיות, איהר זייט מערדער!

— אַוועק! — האָט ער נאָך אַמאָל אַ געשריי געטהאָן, זיין שטימע האָט געדונערט, זיינע אויגען האָבען געשפריצט מיט פייער, נאָך אַ ווײַלע און ער וואָלט אויף זיי אַרויפגעפאַלען, ווי אַ צורייצטער טיגער.

די אַנוועזענדע האָבען איהם אָנגעקוקט מיט שרעק. „דער אָרעמער איז אַראָב פון זינען,” האָבען זיי געטראַכט.

— לאָזט איהם אַ ווײַלע אַליין, — האָט געזאָגט אַ פרוי, — ער וועט שפעטער פיהלען לייכטער. און אַלבערט איז געבליבען אַליין מיט זיין מאַטילדע'ן.

דאָס דונקעלע לעמפעל האָט געוואָרפען אַ בלאַס ליכט אויף דאָס אונבעוועגליכע, מאַרמאָרנע געזיכט פון דער טויטער.

אַלבערט האָט געקוקט אויף דאָס טייערע געזיכט, וואָס פלעגט איהם אָפט שיינען, ווי אַ גאָלדענער זונענשטראַהל אין אַ וועלט פון פינסטערנים. עס האָט זיך איהם נאָך אַלץ ניט געגלויבט, אַז זיין מאַטילדע וועט מעהר ניט רעדען צו איהם; אַז זי וועט שוין קיינמאָל מעהר ניט קומען איהם אַנטקעגען מיט איהר ליעבליכען שמייכעל.

דער געדאַנק, אַז ווען ער זאָל זיין רייך, וואָלט איצט פּיליכט מאַטילדע נאָך געלעבט, האָט ווי מיט שפּיזען איהם געשטאָכען אין האַרצען.

— אַך! וואַרום האָב איך ניט גע'גנב'עט, ניט גע'גזל'ט, ניט בעשווינדעלט ווי אַנדערע? דאַן וואָלט מאַטילדע ניט געשטאָרבען. איך וואָלט בעשאָטען מיט גאָלד די געלדזיכטיגע היענען און זיי וואָלטען גאַנצע נעכט געזעסען ביי איהר בעט.

אין דיזען מאָמענט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז דאָס טויטע געזיכט קוקט אויף איהם מיט צאָרן און פּערדרוס.

— האַ! וואָס רעד איך? וואָלט דען מאַטילדע געקענט ליעבען אַ שווינדלער, אַן אונטערדריקער פון זיינע אָרעמע מיטמענשען? אַ גאָלדענעם זאַק, וואָס האָט ניט קיין מענשליכע געפיהלען? ניין, ניין! מאַטילדע וואָלט מיט פּעראַכטונג געוויזען איהם די טהיר; איהר עדעלע זעעלע וואָלט זיך אָבגעקעהרט פון אַ שמוציגען מענשען!

אין דיזער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי אין טהיר. אין צימער איז אַריין אַן אַלטע פרוי געקליידעט אין שוואַרצען. זי האָט געווענדעט איהר געלען רחמנות פּנים'על צו אַלבערט'ן.

— ווערטהער הערר! איך בעלאַנג צו אַ וואָהלטהעטיגער געזעלשאַפט. איך האָב געהערט, אַז איהר זייט צו אָרעם צו בעצאָהלען פאַר דעם ארון און פאַר דער לויה אין אַלגעמיין. איך קען דאָס אייך מיט דעם גרעסטען פערגניגען פערשאַפען.

אַלבערט האָט איהר מיט געדולד אויסגעהערט. איהר יעדעס וואָרט האָט איהם געקלונגען, ווי אַ נידערטרעכטיגע בעליידיגונג פאַר דעם טויטען קערפּער פון זיין געליעבטער מאַטילדע.

— אַזוי! מיט דעם גרעסטען פערגניגען ועט איהר מיר דאָס פערשאַפען! — האָט ער ווידערהאָלט מיט אַ שווערער ביטערקייט.

—איך דאַנק אייך! אָבער איך האָב אייער וואָהלטהעטיגקייט. איהר האָט זיך גענאַרפּט בוקען פֿאַר דיזע הייליגע טויטע. זי איז ניט געווען איינע פֿון אייך; זי האָט אויך געהאַסט וואָהלטהעטיגקייט, זי האָט געליעבט גערעכטיגקייט! איך בעט אייך, פֿערלאָזט מיין צימער

די אַלטע האָט איהם בייז אָנגעקוקט.

„ער רעדט, ווי אַ פֿערריקטער," האָט זי געקלעהרט. „מען מוז דאָס געבען צו וויסען דער פּאָליציי." און זי איז אַוועק.

אַלבערט איז ווידער געבליבען אַליין.

— מיך שרעקט דער געדאַנק, דאָס דיזען אונשולדיגען קערפּער וועלען בעריהרען די שמוציגע הענד פֿון דער פֿאַלשער וואָהלטהעטיגקייט. וואָס טהוט מען?

אַלבערט איז פֿערזונקען אין טרויעריגע געדאַנקען. ענדליך איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין שטוהל און זיין געזיכט האָט געטראָגען דעם אויסדרוק פֿון בעפֿריעדיגטער ראַכע. ער האָט אויפֿגעהויבען דעם טויטען קערפּער פֿון בעט און האָט איהם אַוועקגעלייגט אויף זיין אַרבייטס-טיש. שנעל האָט ער אָנגעפֿאַנגען פֿונאַנדערצונעהמען די ברעטער פֿון'ם אַלטען בעטעל. ער האָט גענומען אַ האַק אין האַנד, האָט אויסגעזוכט אַ קעסטעל מיט טשוועקעס און האָט אָנגעפֿאַנגען צו האַמערן אַן ארון פֿאַר זיין מאַטילדע. אַלבערט איז געווען אַ סטאָליער און זיין אַרבייט איז געגאַנגען שנעל.

ער האָט אויסגעפֿונען אַ מיטעל, ווי צו רעטען דעם הייליגען קערפּער פֿון שמוציגע הענד. ער וועט אַריינלייגען מאַטילדע'ן אין ארון, וועט זי אַוועקטראָגען אויף דאָס פֿרייע פֿעלד און בעהאַלטען דעם מת וויים, וויים פֿון די אונרייגע קברים, אונטער'ן פֿרייען קלאָרען הימעל.

— אָבער וואָס וועל איך טהאָן, ווען מען וועט מיר שטערען? ווען איך וועל בעגעגענען די פּאָליציי, וועלכע וועט אַוועקרייבען פון מיר די הייליגע לייבע פון מיין מאַטילדע?...

— ניין, דאָס דאַרף ניט געשעהן! וואו איז מיין רעוואָלווער?

ער האָט אַרויסגענומען פון זיין אַלטען קעסטעל אַ גרויסען רעוואָלווער, וועלכען ער האָט געקויפט נאָך אין זיין יוגענד, האָט געגעבען אַ קוק, אויב ער איז געלאָדען און האָט איהם אַריינגעלייגט אין טאַש.

— איצט בין איך פאַרטיג.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער. עס איז געווען אַ קאַלטע שטורמישע נאַכט. דער שטאָדט-זייגער האָט געשלאָגען 11 אוהר.

פאָרזיכטיג, שטיל האָט אַלבערט אַראָבגענומען די לייבע פון טיש. צום לעצטען מאָל האָט ער זיך צוגעדריקט צו איהרע קאַלטע ליפען און האָט זי אַריינגעלייגט אין ארון.

— איז עס ווירקליך געקומען די לעצטע מינוט? — זיינע הענד האָבען געציטערט. די האַק איז עטליכע מאָל אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענד. ער איז צוגעפאַלען צום ארון, האָט שטום און לאַנג געקוקט אויף איהרע קאַלטע האַלב-געשלאָסענע אויגען.

— מאַטילדע! מאַטילדע! — האָט ער געמורמעלט, — איך קען זיך מיט דיר ניט שיידען.

פלוצלינג האָבען זיך דערהערט טריט. אַלבערט איז געקומען צו זיך.

— עס איז שפּעט! עס מוז געטהאָן ווערן. ווען ניט בעפאַלען מיך איצט דיזע קאַלטע, גלייכגילטיגע אונמענשען. ער האָט גע-עפענט שטילערהייט די טהיר. איבעראַל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. צוויי מאָל איז פון זיינע הענד אַרויסגעפאַלען דער דעק פון'ם ארון. ענדליך האָט ער אָנגעשטריינגט זיינע קרעפטען און

האָט צוגעמאַכט דעם ארון. דריי, פיער קלעפּ מיט'ן האַק און מאַטילדע איז אויף אייביג פערשוואונדען פון זיינע אויגען. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ ווינקעל אַ קליינע לאַמטערנע, מיט וועלכער ער פּלעגט געהן צו דער אַרבייט אין די פינסטערע נעכט. איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ניט קיין לאָפּעטע מיט וואָס צו גראָבען אַ קבר. ער האָט זיך עראינערט, אַז אויף די טרעפּ, וואו דער הויז־אויפזעהער וואוינט, האָט ער געזעהן אַן אייזערנע לאָפּעטע.

„גוט, איך וועל זי יעצט קענען נעהמען," — האָט געטראַכט אַלבערט. ער האָט צוגעדעקט דעם ארון מיט זיין אַלטען מאַנטעל און האָט איהם גענומען אויף די פּלייצעס. מאַטילדע איז געוועזען זעהר לייכט, איהר בליהענדעס געזונד איז פערבליבען אויף דער וועלט. אין קאָרידאָר האָט ער געפונען די לאָפּעטע און איז שטיל אַוועק אויף דאָס פרייע גרינע פעלד.

אין אַ פּאָר שטונדען אַרום איז אַלבערט געגאַנגען צוריק פון פעלד. ער איז געוועזען אַליין.

— ווייטער, ווייטער פון דיזער פערהאַסטער וועלט! — האָט ער געמורמעלט. — אויך איהר קבר האָב איך געגראָבען טיעף. צו איהר וועט ניט דורכדרינגען דער רויש און טומעל פון די אייזערנע מאַשינעס, וועלכע רופען זיך מענשען.

ער איז דורכגעגאַנגען איין גרויסע גאַס נאָך דער אַנדערער.

— וואוהין זאָל איך געהן?

ער האָט זיך ניט געקענט אומקעהרען צוריק אין זיין צימער, וואו אַלעס וואָלט איהם דערמאָנט אָן דער געשטאָרבענער, אונגליקליכער מאַטילדע. פּלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי אימיצער רופט איהם. ער האָט זיך אומגעקוקט, דאָס איז געוועזען זיינער אַן אַלטער בעקאַנטער, אויך אַן אָרעמער אַרבייטער ווי ער.

— האַלאָ! אַלבערט! וואָס זעהסט דו אויס אַזוי שלעכט?

— מייי פֿרוי איז געשטאָרבען, אָדער בעסער געזאָגט, מיין פֿרוי האָבען ערמאָרדעט די געלדזיכטיגע וואַמפּירען, וועלכע מען רופֿט דאָקטוירים. איך בין אָרעם און דאָס איז געווען מיין אונגליק.

דער אָרעמער אַרבייטער האָט אַ שווערען זיפֿץ געטהאָן.

— דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך הער אַזעלכע געשיכטעס. ביי מיר וואוינט אַן אָרעמע פֿרוי. מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק איז איהר 5 יעהריגעס קינד געוואָרען געפֿעהרליך קראַנק. זי האָט גערופֿען אַ דאָקטאָר. ער האָט בעקוקט דאָס קינד, געזאָגט, אַז עס איז אין געפֿאַהר און האָט אָנגעשריבען אַ רעצעפּט.

— דאָקטאָר, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, איך האָב איצט ניט מיט וואָס אייך צו בעצאָהלען, אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך אַוועקטראָגען מיין אַרבייט און וועל אייך דאַמאָלס בעצאָהלען.

— פֿאַרוואָס האָט איהר מיר דאָס פֿריהער ניט געזאָגט? — האָט דער דאָקטאָר אויסגעשריען מיט אַזאַ ווילדען כעס, אַז די אָרעמע פֿרוי איז פֿערציטערט געוואָרען. — אַזעלכע זאַכען געהען ביי אונז ניט אָן. — ער האָט ווי אַ וואָלף אַרויסגעכאַפּט דעם רעצעפּט און איהם צוריסען אויף שטיקלעך. אין אַ פּאָר שטונדען אַרום איז דאָס קינד געשטאָרבען.

אַלבערט איז געוואָרען נאָך בלאַסער.

— אַזעלכע מענשען־מערדער מוז מען פֿערניכטען, — האָט דורכגעברומט דער אַרבייטער דורך זיינע ציינער און זיי האָבען זיך שטילערהייט צושיידט.

„יאָ, יאָ, זיי האָבען ביי מיר אַוועקגערויבט מיין מאַטילדע! אָה! ווי אַזוי איך האָב זיך פֿאַר זיי ערנידעריגט! איך בין זיי געפֿאַלען צו די פֿיס און האָב זיי געקושט די הענד, ווי אַ בעט־לער! און וואָס האָב איך ביי זיי געבעטען? עטליכע מינוט גאַנג!

אַ בליק אויף אַן אָרעמע ליידענדע פֿרוי! דאָך, אויף אַלע מיינע טרערען, אויף אַלע מיינע ערנידערונגען האָבען זיי געענטפֿערט מיט אַ האַרצלאָזען געשריי: אַוועק פֿון דאַנען, דו ביזט אָרעם! דו מיט דיין פֿרוי קענען שטאַרבען, ווי די הינד! וואָס געהט דאָס אונז אָן! שטעהט ביי זיי דער דאָלאַר העכער פֿון אַ מענשען־לעבען? זיינען אין זיי אָבגעשטאָרבען אַלע מענשליכע געפֿיהלען? קען דען אויך אַ דאָקטאָר ניט זיין מיט אַ מענשליכען האַרץ? זיי בעגעהען טויזענדער פֿערברעכען, וועלכע שטייגען איבער מיט זייער צינישען באַרבאַריזמוס די פֿערברעכען פֿון אַ „דזשעק דהי ריפּער" און בלייבען אימער גערעכט."

„איך זעה איצט פֿאַר מיר מאַטילדע, זי ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט, זי רופֿט נאָך הילפֿע, אָבער וואָס געהען אָן דער וועלט די געשרייען פֿון דער שטאַרבענדער? וואָס געהט דאָס אָן די דאָק־טוירים, די פּראָפֿעסאָרען, וואָס ערגעץ דאָרט אין אַ טענעמענט־לאָך שטאַרבט אָהן הילפֿע אַן עלענדע פּראָלעטאַריער־פֿרוי אָדער אַן אונשולדיגעס קינד? געלד, געלד, געלד! דאָס איז דער מאָדער־נער טייוועל, וועלכער פֿערגיפֿטעט אַלעס מענשליכע און מאַכט טויב און בלינד צו אַלעס, וואָס שטעהט אַביסעל העכער פֿון אונזערע פּערזענליכע אינטערעסען און טהיערישע בעפֿרידיגונגען."

פלוצלינג האָט זיך אַלבערט אָבגעשטעלט לעבען אַ רייכען הויז. עפּעס ווי אַ צויבער קראַפֿט וואָלט איהם ניט געלאָזט געהן ווייטער. דאָס איז געווען די וואוינונג פֿון אַלבערט'ס לאַנג בעקאַנטען דאָקטאָר. פֿון דיזע טרעפּ איז ער אַרונטערגעפֿאַלען, ווען ער האָט דעם לעצטען מאָל איהם גערופֿען צו דער שטאַרבענדער. ער האָט געוואָרפֿען אַ בליק אין די גרויסע פֿענסטער. אַ גרויסער לאָמפּ האָט בעלייכטעט דעם אָפּיס. אַלבערט איז, ווי ניט ווילענדיג, אַרויף אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ. איצט האָט ער געקענט זעהן,

דורך דעם אָפֿענעם פֿענסטער, ווי דער דאָקטאָר איז געזעסען רוהיג אין זיין שטוהל. פֿאַר איהם איז געלעגען אַ פּאַק מיט פּאַפּירען. פֿון צייט צו צייט האָט ער געשריבען בילס פֿאַר פּאַ־ציענטען. אַלבערט איז געווען גוט בעקאַנט מיט דיזע שטיקלעך פּאַפּיר, וועלכע האָבען ביי איהם אַוועקגענומען זיינע לעצטע סענטען און האָבען איהם אָפֿט געצוואונגען צו הונגערן.

— ווי רוהיג ער זיצט זיך! — האָט געטראַכט אַלבערט. — ווי רויט און צופֿריעדען איז זיין געזיכט! זיינע הענד זיינען פֿייכט פֿון מאַטילדע'ס בלוט! ער, ער האָט זי ערמאָרדעט! פּלוצלינג איז זיין געזיכט געוואָרען דונקעל, ווי אַ שוואַרצער וואָלקען. אַ ווילדער טייוועלשער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיין אויסגעקרימטען מויל.

— איך מוז נעהמען ראַכע! ראַכע! איך מוז פֿערניכטען דיזע ווילדע חיה! — ער האָט אָנגעטאַפּט אין זיין פּאַקעט. דער רעוואָלווער האָט דאָרט געשטעקט. ער האָט זיך פֿאָרזיכטיג אַרומ־געקוקט. אַלעס האָט אַרום איהם געשלאָפֿען. מען האָט קיין מענשען ניט געזעהן אין גאַס. ער איז אַרויפֿגעקראָכען אויף די אייזערנע שטיגען און האָט אַריינגעקוקט אין צימער. דער דאָקטאָר איז געווען אַליין, ער איז געזעסען מיט זיין רויטען, גראָבען קאַרק צום פֿענסטער.

אַלבערט האָט אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער. אָבער אַ נייער געדאַנק האָט אַ פֿינקעל געטהאָן אין זיין קאָפּ און שנעל, ווי אַ רויבפֿויגעל איז ער דורך'ן פֿענסטער אַריינגעשפּרונגען אין'ם דאָק־טאָר'ס אָפּיס

איידער דער דערשראָקענער דאָקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין אַלבערט געשטאַנען פֿאַר איהם דריקענדיג דעם רעוואָלווער אין זיין רויטען שטערען.

— קיין וואָרט! — האָט אַלבערט געפּליסטערט. — עס איז געקומען דיין לעצטע שטונדע!

דער דאָקטאָר איז געוואָרען בלאַס ווי קאַלך. זיין פּעטער קערפּער האָט געציטערט.

— האַ! וואָס ציטערט איהר, ווערטהער דאָקטאָר? — האָט אַלבערט געפרעגט און אַ גיפטיגער שפּאָט האָט זיך געהערט אין זיינע ווערטער. — וואָס ציטערט איהר, הערר דאָקטאָר? עס איז ניט מעהר ווי דער טויט. פיעלע מענשען שטאַרבען. ניט וואַהר? מאַטילדע איז געשטאָרבען, נאָך טויזענדע אונגליקליכע שטאַרבען, וואָס איז מיט אייך דער מעהר, הערר דאָקטאָר? איהר האַלט זיך אַזוי קינדעריש! דער טויט דאַרף ניט זיין פאַר אייך אַזאַ שרעק. איהר זייט דאָך אַודאי ניט איינמאָל געשטאַנען ביים בעט פון אַ רייכען שטאַרבענדען, צוזאַמענרעכענענדיג אייערע בילס.

— וואַהנזיניגער, לאָז מיך! וואָס טויג דיר מיין לעבען? — האָט דער דאָקטאָר געמורמעלט. ער איז בעגאָסען געוואָרען מיט אַ קאַלטען שוויים אונטער דעם דרוק פון אַלבערט'ס רעוואָלווער.

— דו ווילסט געלד, נעהם אָט דיזען טייסטער, אין איהם געפינט זיך אַלעס, וואָס איך פערמאָג.

— גיפטיגע שלאַנג! וואָס טויג מיר דיין געלד? ווען מאַטילדע וואָלט געלעבט, וואָלט איך דערמיט געקענט אָבקויפען אייך, דאָקטוירים און פראָפעסאָרען, אָבער מאַטילדע איז טויט און דיין געלד איז פייכט פון מענשליכע טרערען און בלוט!

אַ רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסען און דער דאָקטאָר איז אַנידערגעפאַלען אויף דער ערד אַ טויטער.

— פיעלע מענשען שטאַרבען, הערר דאָקטאָר! — האָט אַלבערט אַליין ווידערהאָלט, קוקענדיג אויף זיין בלוטענדען פיינד, און ער איז געפאַלען אין די הענד פון דער אָנקומענדער פּאָליציי.

דער פערברעכער.

אין דער שטאַאַט-טורמע פֿון'ם שטאַאַט אָהייאָ האָט מען לעצ-טען זומער געבראַכט אַ יונגען פֿערברעכער, וועלכער איז בעשולדיגט געווען אין מאָרד און פֿעראורטיילט געוואָרען צום טויט. די טויט-שטראָף איז אָבגעלייגט געוואָרען אויף עטליכע וואָכען. דער אַדוואָקאַט פֿון דעם אָנגעקלאָגטען האָט נאָך געהאָפֿט צו רעטען דעם יונגען פֿערברעכער פֿון דער תליה, ער האָט זיך געווענדעט צום גובערנאַטאָר מיט אַ ביטע פֿאַר בעגנאַדינג.

דער פֿערברעכער אַליין האָט ווייניג געהאָפֿט אויף בעגנאַ-דיגונג און האָט רוהיג ערוואַרטעט דעם טאָג פֿון זיינע לעצטע ליידען. ער איז געווען אַ יונגער מאַן פֿון אַ יאָהר 28 מיט אַן עדעלען סימפּאַטישען געזיכט, מיט אַ ווייכער שטימע און גרויסע בלויע אויגען. קוקענדיג אויף זיין נאָבעלעם געזיכט, האָט זיך גאָר ניט געגלויבט, אַז דאָס זאָל זיין אַ געזיכט פֿון אַ מערדער. דער אויפֿזעהער פֿון טורמע, אַן אַלטער ווייס-גרויער סערזשאַנט, האָט פֿון דעם ערשטען בליק געפֿיהלט אַ טיעפֿע סימפּאַטהיע צו דיזען יונגען פֿערברעכער; ער פֿלעגט יעדען מאָרגען איהם בעגריסען און ריידען מיט איהם פֿריינדליך.

עס איז געווען 11 אוהר ביי נאַכט. איינינע אויפֿזעהער האָ-בען געשמאַק געדרעמעלט אויף זייערע פּאָסטען, איינינע געטרונקען ווייִן און אַנדערע געשפּיעלט אין קאָרטען מיט די רייכע אַרעסטאַנטען. דער אַלטער סערזשאַנט איז צוגעגאַנגען צו זיין יונגען פֿריינד, וועלכער איז נאָך ניט געשלאָפֿען און האָט געלעזען אַ טעגליכע צייטונג.

— זאָג מיר, יונגערמאַן, איז עס אמת, אַז דו האָסט בע־גאַנגען אַ מאָרד? — האָט איהם דער אויפזעהער געפרעגט מיט דעם טאָן פון אַן אַלטען פאָטער. — עס גלויבט זיך גאָר ניט, אַז דו מיט דיין גוטען געזיכט, מיט דיין בעשייד׳ענעם כאַראַקטער זאָלסט בעגעהן אַ מאָרד.

דער יונגער פערברעכער האָט מיט אַ ביטערען שמייכעל אָנגעקוקט דעם אַלטען סערזשאַנט.

— יאָ, איך בין ניט בעשאַפען געוואָרען צו זיין אַ מערדער, אָך בין איך בעגאַנגען אַ מאָרד. יאָ, עס איז אמת, אַז איך האָב איהם ערמאָרדעט, ווייל איך האָב אַליין געוואָלט לעבען.

— אַלזאָ איז עס ניט געווען צוליעב געלד? — האָט ווי מיט אַ פונק פון האָפנונג אַ פרעג געטהאָן דער אַלטער.

— יאָ, עס איז געווען צוליעב געלד, מיין פריינד, אָבער איז דען ניט געלד אויך לעבען? געלד איז אַלעס: לעבען, ליעבע, גליק, פערגניגען, זעליגקייט, — אַלעס, אַלעס קריגט מען פאַר געלד, און איך האָב געוואָלט לעבען! דער דורשט נאָך לעבען און געניסען איז געווען אין מיר זעהר שטאַרק; איך האָב געטרוימט פון דער לאַכענדער, גלענצענדער זונן; איך האָב געטרוימט פון דערקוויקענדען וויין, וועלכער פינקעלט אין גאָלדענע בעכערס; איך האָב געטרוימט פון רייצענדע פרויען, וועלכע ליעבען נור פאַר גאָלד: מיין יעדער אבר האָט געדורשט נאָך לעבען און גע־ניסען. אָבער ווי אַזוי איז עס מעגליך צו געניסען דאָס לעבען פאַר אַזאַ אָרעמען שקלאַף, ווי איך? אַ שמוציג צימער, שמוציגע קליי־דער, טרוקען ברויט, — דאָס איז מיין לעבען געווען.

מיט עטליכע מאָנאַט צוריק האָב איך געפונען אַרבייט ביי אַן אַלטען פאַרמער. ער האָט מיר געגעבען אַ בעשעפטיגונג אויף דעם פרייען פעלד, און איך בין געווען די ערשטע צייט צופריעדען

מיט מיין אַרבייט. איך ליעב די נאַטור: די געדיכטע וועלדער אַרום דער פֿאַרם האָבען מיך אימער גערופֿען אין זייער קיהלען שאָטען.

אָבער מיין צופֿרידענהייט האָט ניט לאַנג געדויערט. עס איז געווען 2 אוהר ביי נאַכט. איך בין געלעגען אויף מיין בעטעל אין מיין קליינעם צימער, עס האָט זיך מיר ניט געשלאָפֿען די נאַכט. פֿערשיעדענע בילדער פֿון דער פֿערגאַנגענהייט האָבען זיך אַרומ־געטראָגען אין מיין קאָפּ. פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ קלאַנג, עפּעס ווי דער קלאַנג פֿון גאָלדענע מטבעות... איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויף'ן בעט, האָב זיך צוגעהערט. דער קלאַנג האָט זיך דערהערט איבער אַ נייעס. איצט האָב איך בעמערקט, אַז ער קומט פֿון דעם צווייטען צימער, וואָס איז געווען פֿון מיינעם אָב־געטיילט מיט אַ דין הילצערן ווענטעל. איך האָב זיך פֿאָרזיכטיג געשטעלט אויף מיין בעטעל, פֿון וועלכען איך האָב געקענט איבער דער וואַנד זעהן אַלעס, וואָס עס טהוט זיך אין צווייטען צימער. דער אַלטער פֿארמער איז געזעסען לעבען אַ טיש, אויף וועלכען עס האָבען געפֿינקעלט קופּעס פֿון גאָלדענע מטבעות. דער לאָמפּ האָט געוואָרפֿען זיין ליכט אויף דעם גאָלדענעם אוצר און דער גאַנצער טיש האָט געבלישטשעט, ווי אַ גאָלדענער ים. איך האָב ניט געקענט אָברייסען מיינע אויגען פֿון דעם שיינענדען גאָלד. איך האָב געזעהן, ווי דער פֿאַרמער האָט איבערגעצעהלט דאָס גאָלד, אַריינגעשאָטען עס אין אַ לעדערן זעקעל און עס בעהאַלטען אונטער זיין מאַטראַץ.

איך האָב ניט געקענט אַ גאַנצע נאַכט שלאָפֿען; פֿאַר מיינע אויגען האָבען געברענט די גאָלדענע מטבעות.

— אָה! ווען איך זאָל נור האָבען דאָס געלד, ווי גליקליך איך וואָלט געלעבט! איך וואָלט מעהר ניט געדאַרפֿט אַרבייטען

אונטער דער ברענענדער זונן, איך וואָלט געגאָסען אַלעס... אַלע פערגניגען פון לעבען.

און דער וואַהנזיניגער דורשט נאָך לעבען האָט זיך ווידער צופלאַקערט אין מיין יונגער ברוסט. אויף מאָרגען האָב איך בע־שלאָסען אַריינ'גנב'ענען זיך ביי נאַכט אין דעם פאַרמער'ס צימער און אַרויסשלעפען דאָס געלד פון אונטער דעם מאַטראַץ. איך האָב געגלויבט, אַז עס וועט זיך מיר איינגעבען, דער פאַרמער זאָל ניט הערען, ווי איך וועל אַרויסשלעפען פון אונטער זיין מאַטראַץ דאָס לעדערנע זעקעל מיט געלד.

עס איז געקומען די שרעקליבע נאַכט. איך בין אַוועק אין מיין צימער און האָב זיך געלייגט אין מיין בעטעל.

„איך וויל בעגעהן אַ פערברעכען," האָב איך זיך געקלערט, „אָבער איך וועל לעבען ווי די רייכע! איך וועל גלענצען אין לוקסוס, איך וועל לעבען און ליעבען, און אויך מיין אַלטינקע מוטער וועל איך העלפען און זי וועט זיך ניט דאַרפען מעהר פּלאַגען און הונגערען. וואָס טויג דעם אַלטען פאַרמער דאָס געלד? וועט ער דען געניסען דאָס לעבען ווי איך? איז ניט גענוג פאַר איהם די פאַרם אַליין?"

איך האָב אַ בליק געטהאָן אויף מיין זייגער. ס'איז שוין גע־ווען נאָך דריי. איך האָב זיך צוגעהערט, אַלץ איז געווען שטיל, אַלעס האָט טיעף געשלאָפען. אַטהעמלאָז האָב איך זיך געשטעלט אויף מיין בעטעל. איך האָב זיך שטיל אַרויפגעדראַפּעט אויף דאָס ווענטעל, וואָס האָט צוטיילט אונזערע צימערן און האָב זיך אַראָב־געלאָזען אין דעם פאַרמער'ס חדר, שטעלענדיג זיך מיט די פיס אויף אַ ווייכע זאָפאַ, וועלכע איז געשטאַנען ביי דער וואַנד גראָד אַנטקעגען דעם פאַרמער'ס געלעגער.

דער פאַרמער איז געשלאָפען. אויף אַ טיש, וועלבער איז

געשטאַנען לעבען זיין בעט, איז געלעגען אַ רעוואָלווער. איך בין געבליבען שטעהן אַ ווײַלע. איך האָב אַרונטערגענומען דעם רעוואָלווער פון טיש און אוועקגעלייגט איהם אויף די זאָפאַ, דערנאָך האָב איך שטיל אויפגעהויבען דעם טיש און איבערגעטראָגען איהם צום פענסטער, אום איך זאָל האָבען די מעגליכקייט פריי צוצוקומען צום בעט. איך האָב זיך אַטהעמלאָז געשטעלט אויף די קניע נעבען בעט און שטילערהייט אָנגעפאַנגען אונטערצורוקען מיין האַנד, אונטער דעם מאַטראַץ, איך האָב געפיהלט ווי מיין האַנד האָט שוין דערגרייכט דעם לעדערנעם זעקעל... עס איז געקומען דער קריטישער מאָמענט.

וועט זיך דער אַלטער אויפכאַפּען אָדער ניין?

איך האָב מיט מיינע פינגער שטאַרק צוגעפּעדריקט דאָס לעדער. איך האָב געפיהלט דאָס געלד און האָב עס געשלעפּט צו זיך. ענדליך האָב איך דאָס געלד געהאַט אין מיינע הענד, אָבער אין דיזען מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער פאַרמער האָט געעפענט זיינע אויגען... איך האָב אַ ציטער געטהאָן מיט מיין גאַנצען קערפּער. דאָס געלד איז אַרויסגעפאַלען פון מיינע הענד און מיט אַ קלאַנג זיך צושאָטען, ווי ברענענדע פונקען איבער'ן באָדען... דער אַלטער איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ פערוואונדעטער לייב און האָט מיך מיט אַ ווילדען געשריי געכאַפּט פאַר'ן האַלז און אָנגעפאַנגען צו ווערגען. דער טויט האָט מיך שוין בעריהרט מיט זיינע אייז־קאַלטע פינגער. איך האָב דערזעהן דעם רעוואָלווער, וועלכער איז געלעגען לעבען מיר אויף דער זאָפאַ, איך האָב איהם אַ כאַפּ געטהאָן און אויסגעשאָסען אין דעם אַלטען. ער האָט אויף מיר געוואָרפען אַ שרעקליכען בליק און איז געפאַלען...

וואָס ווייטער איז געווען, געדיינק איך ניט. ווען איך בין גע־

קומען צו זיך, בין איך געלעגען אין אַ פינסטערן צעל, די הענד געשמידט אין קייטען.

דער סערזשאַנט האָט מיט טרויעריגען בעדויערן אויסגעהערט די געשיכטע פון דעם יונגען פערברעכער.

— יונגער מאַן, — האָט ער ענדליך געזאָגט, — איך האָב שוין פיעל, זעהר פיעל פערברעכער געזעהן אין מיין לעבען, און דאָך, איך ווייס ניט, וואָרום צו קיינעם האָב איך ניט געפיהלט אַזאַ סימפּאַטיע ווי צו דיר. נאָך איצט גלויבט זיך מיר ניט, אַז דאָס געזעץ קען טויטען אַזעלכע יונגע לייט ווי דו. דיין גאַנצער פערברעכען איז, וואָס דו האָסט געוואָלט לעבען; יאָ, ווער וויל דאָס ניט לעבען? איך בין שוין אַלט און גרוי, איך האָב שוין אייניקלעך און דאָך ווילט זיך נאָך לעבען. יאָ, לעבען, לעבען!

* * *

עס איז אַוועק נאָך אַ פּאָר וואָכען. דער גובערנאַטאָר האָט בעשטעטיגט דעם טויט־אורטהייל. עס זיינען געבליעבען 2 טעג צו דער שרעקליכער שטונדע, ווען דער היינקער האָט געדאַרפט מאַכען אַן ענדע צו דעם יונגען טרויעריגען לעבען פון דעם אַרעס־טאַנט.

דער צום טויט פעראורטהיילטער איז געזעסען רוהיג אין זיין צעל און האָט געלעזען אַ צייטונג, דער אַלטער סערזשאַנט, זיין איינציגער פריינד, איז צוגעגאַנגען צו זיינע אייזערנע גראַטעס.

— דאַניעל, אַ פרוי וויל דיך זעהען.

דער אַרעסטאַנט איז ווי דערשראָקען אויפגעשפרונגען פון זיין בעטעל.

— אַ פרוי? ווער איז זי? וואָס וויל זי?

— זי זאָגט, זי איז דיין מוטער, — האָט דער סערזשאַנט געענטפערט.

— מיין מוטער! דאָס קען ניט זיין... איך האָב ניט קיין מוטער, איך ווייס ניט פֿון קיין מוטער!

די ברוסט פֿון דעם יונגען פֿערברעכער האָט געציטערט ווי פֿון אינערליכען קאַמפף.

— רופֿט זי אַהער! — האָט ער ענדליך אויסגעשריען און האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף זיין בעטעל.

צו זיין צעל איז צוגעקומען אַ פֿרוי פֿון אַ יאָהר 55. זי איז געווען געקליידעט אין שוואַרצען, איהר געזיכט איז געווען זעהר בלאַס, אָבער אויך שעהן און עדעל.

— דאַניעל, מיין זונן! מיין אונגליקליכער זונן! — האָט זי אויסגעשריען מיט טרערען און האָט אויסגעשטרעקט איהרע הענד דורך די אייזערנע גראַטעס.

דער יונגער פֿערברעכער איז קאַלט און רוהיג געשטאַנען אַנטקעגען דער פֿרוי.

— איהר האָט אַ טעות, ווערטהע מאַדאַם, איך בין ניט אייער זונן, איהר זייט ניט מיין מוטער, מיין מוטער איז לאַנג טויט...

די פֿרוי האָט געגעבען אַ געשריי און איז געבליבען שטעהן, אַריינקוקענדיג מיט שרעק אין זיינע קאַלטע רוהיגע אויגען.

— דאַניעל! דאַניעל! דו ווילסט מיך אָבנאַרען. ניין, דו ביסט מיין קינד, מיין האַרץ! דאַניעל, דערקענסטו ניט דיין מוטער, וועלכע האָט דיך אַזוי ליעב געהאַט? אָה, ניין, קום צו מיר! לאָז מיך צודריקען דיך צום לעצטען מאָל צו מיין ברוסט! אָה, מיין קינד, מיין לעבען! וואָס שווייגסטו?... איז דאָס מעגליך? האָב איך ווירקליך געהאַט אַן אירטהום?!

— איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, ווערטהע מאַדאַם, אַז איך קען אייך ניט.

— הייסטו ניט ב... דאַניעל?

— יאָ, איך הייס אַזוי, אָבער דאָס איז ניט מיין ריכטיגער נאָמען, דאָס איז דער נאָמען פֿון מיינעם אַ קאַמעראַד, וועלכער איז פֿילייכט אייער זוהן, אָבער ער איז ניט קיין פֿערברעכער, אייער זוהן איז ניט קיין מערדער; ער איז ערגעץ אין דער ווערסט און איהר וועט איהם נאָך זעהן. איך בעט אייך, ווערטהע פֿרוי, בערוהיגט זיך, איך בין ניט אייער זוהן; געהט רוהיג אַהיים און דאַנקט אייער שיקזאַל, וואָס אייער זוהן איז ניט קיין מערדער ווי איך.

די אָרימע פֿרוי האָט אויפֿמערקזאַם זיך איינגעהערט אין זיין יעדעס וואָרט.

„אָה, דאָס איז זיין שטימע, איך פֿיהל, אַז דאָס איז ער!" האָט זי זיך געטראַכט.

— דאַניעל! — האָט זי געזאָגט אין דער הויך — בעגעה ניט דעם שרעקליכסטען פֿון אַלע פֿערברעכען, שטויס ניט אָב פֿון זיך דיין מוטער, ווען דו ביסט אַזוי עלענד און אַזוי אונגליקליך!

דאַניעל איז געשטאַנען אין זיין צעל זעהר בלאַס, אָבער קאַלט און רוהיג.

— ווערטהע מאַדאַם, איך בעדויער אייך, אָבער איך קען אייך ניט העלפֿען. ווען איך זאָל האָבען אַ מוטער, וואָלט איך זי איצט מיט פֿרייד עמפּפֿאַנגען, אָבער איך שווער אייך ביי מיין מוטער־ליעבע, אַז איך, דער מערדער, דער פֿערברעכער, בין ניט אייער זוהן; אייער זוהן איז ניט פֿעהיג צו ווערען אַ פֿערברעכער. גלויבט מיר, איהר האָט אַ טעות!

די פֿרוי האָט איהם נאָך אַ מאָל אָנגעקוקט מיט איהר שאַרפֿען בליק.

„דאָך... פֿילייכט איז ער גערעכט... איך האָב איהם שוין

10 יאָהר ניט געזעהן. עס איז אונמעגליך, מיין זוהן זאָל זיין אַזוי פרעמד צו מיר."

— איהר זאָגט, איהר האָט געקענט מיין דאַניעל, — האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו איהם, — געדיינקט איהר פיללייכט זיין אַדרעסע?

— ניין, איך געדיינק ניט, איך וויים נור, דאָס ער האָט מיר געזאָגט, ער וועט אין גיכען שרייבען צו זיין מוטער.

— האָט ער עס ווירקליך אייך געזאָגט? אָה, ענטשולדיגט מיר, דאָך איהר קוקט אַזוי עהנליך אויס, ווי מיין זוהן!

די פרוי האָט זיך נאָך אַ מאָל ענטשולדיגט און האָט פערלאָזען דעם קערקער.

דאַניעל האָט איהר נאָכגעקוקט אַ ווײַלע און איז ווי בעוואוסטלאָז געפאַלען אויף זיין בעטעל.

* * *

— איך דיינק, דיזע פרוי איז פערריקט! — האָט שפעטער אַ זאָג געטהאָן דער גוטער, אַלטער סערזשאַנט צו זיין ליעבלינג.

— ניין, ניין, פריינד! דיזע פרוי איז גאַנץ קלאָהר, זי איז ווירקליך מיין מוטער!

— דיין מוטער! — האָט אויסגעשריען דער סערזשאַנט — און דו האָסט געקענט...

— וואַרט, וואַרט, ניט אורטהייל מיך, מיין אַלטער פריינד! — האָט איהם איבערגעשלאָגען דאַניעל. — איך האָב זי ניט געזעהן שוין 10 יאָהר, דאָך האָב איך אימער געדיינקט פון איהר און אימער געהאָפט זי צו רעטען פון איהר נויטה און עלענד, איך האָב אימער געדיינקט פון איהר עדעלער, ליעבענדער זעעלע; דאָך מיין לעבען איז רואינירט, איך בין איצט אַ פערברעכער, אַ שענדליכער מערדער, און אין דיזען מאָמענט קומט זי, מיין עדעלע

מוטער, צו מיר... איך האָב זיך ניט געקענט בעשליסען אויף דיזען שרעקליכען טויט־שטויס. איך האָב ניט געקענט מיט מיינע בלוטיגע הענד אַרומנעהמען דיזע אונשולדיגע, נאָבלע פרוי... איך האָב בעשלאָסען ניט דערקענען זיך צו איהר. עס איז שוין 10 יאָהר, האָב איך געקלערט, אַז מיר האָבען זיך ניט געזעהן. פון אַן אונשולדיגען קינד האָב איך זיך פערוואַנדעלט אין אַ מערדער. זי וועט מיך פיליייכט ניט דערקענען און איך וועל זי רעטען פון שאַנד, פון שרעקליכע ליידען צו זעהן איהר קינד אויף דער תליה.

אָה, גוטער אַלטער פריינד! ווען דו זאָלסט וויסען, ווי שווער, ווי אונערטרעגליך זיינען מיר געווען דיזע מאָמענטען, ווען זי האָט אויסגעשטרעקט צו מיר איהרע ווייסע ציטערענדע הענד; ווען זי האָט מיך גערופען אין איהרע אָרעמס, אין די אָרעמס פון אַ ליעבענדער מוטער! אַך, קיינער אין דער וועלט האָט מיך אַזוי ניט געליעבט, ווי מיין מוטער! פיעלע פרויען האָבען מיך געליעבט, אָבער דאָס איז געווען די ליעבע פאַר געלד, די ליעבע פאַר שעהנהייט, די ליעבע פאַר ערפאָלג אין דער געזעלשאַפט, אָבער מיין מוטער האָט מיך געליעבט אויך דאַן, ווען איך בין געווען אָרעם, שמוציג; ווען די געזעלשאַפט האָט מיך פערוואָרפען מיט שמוץ און שטיינער. אָה, ווי שרעקליך האָט מיין האַרץ געקלאַפט! וואָס פאַר אַן אונגעהייערען קאַמפף האָב איך געקעמפפט, זעהענדיג פאַר מיר די נאָבעלע געשטאַלט פון מיין מוטער, הערענדיג איהר שטימע און אָבקעהרענדיג זיך פון איהר ווי אַ פרעמדער; זאָגען איהר: „איך קען דיך ניט!"... און ווען! אין דער צייט, ווען איך שטעה אויף דער שוועל פון גאַלגען, אַליין, אָהן אַ פריינד, פערדאַמט אַלס מערדער!

דאָך, ניין! בעסער זיין עלענד אַליין אין די לעצטע מינוטען, ניט האָבען קיין איינציגעס וועזען, וואָס זאָל מיט מיטלייד, מיט אַ

מענשליכער טרער בעגלייטען מיין יוגענד צום שרעקליכען טויט, בעסער אַן עלענדער טויט, איידער צוררייסען דאָס ליעבענדע, עלענדע האַרץ פֿון אַן אונשולדיגער פֿרוי, פֿון אַן אונגליקליכער מוטער! אַלטער פֿריינד, פֿערגיב מיר מיין לעצטען פֿערברעכען!

דער אַלטער סערזשאַנט איז געשטאַנען ביי דער אייזערנער גראַטע און האָט געוויינט, ווי אַ קינד. ער איז מעהר ניט געווען דער קאַלטער פֿערשטיינערטער דיענער פֿון דער קערקער־רעגירונג און דיסציפּלין. אין זיין האַרצען האָבען אויפֿגעוואַכט די עראינע־רונגען פֿון זיין אייגענער יוגענד, פֿון זיין אַלטינקער מוטער, וועלכע האָט איהם אַמאָל געקושט, געדריקט צו איהר האַרצען און איהם בעגאָסען מיט טרערען.

— דאַניעל, איך וועל זיין דיין פֿריינד, — האָט געמורמעלט דורך טרערען דער וויים־גרויער סערזשאַנט. — דו האָסט מיר עראינערט, אַז איך בין ניט נור אַ סאָלדאַט, ניט נור אַ קאַלטער טורמע־אויפֿזעהער, נאָר אויך אַ מענש; יאָ, דאַניעל, אַ מענש! דו האָסט מיך געמאַכט פֿיהלען, אַז אונטער מיין אַלטען בלויען ראָק שלאָגט אויך אַ מענשליך האַרץ, אַ וואַרעם האַרץ, אַ מענש־ליך האַרץ, וואָס האָט ביז איצט געשוויגען, פֿערפֿראָרען אין דער אייביגער דיסציפּלינע, אין דער קאַלטער, פֿינסטערער תפיסה...

דער אַלטער סערזשאַנט האָט צוגעדריקט זיין אַלטען צו־קנייטשטען געזיכט צו די אייזערנע גראַטעס און האָט בעריהרט מיט זיינע ליפּען די ליפּען פֿון דעם יונגען פֿערברעכער; און צווישען די פֿינסטערע נאַסע ווענד פֿון דעם טויטען קערקער האָט זיך געהערט אַ ריהרענדער טרערען־קוש פֿון טריאומפֿירענדער מענשען־ליעבע

די אונדאנקבארע נעגערין.

דזשיימס אַרמסטראָנג איז געווען אַ רייכער פּלאַנטאַטאָר. ער האָט געהאַט איבער 500 שוואַרצע שקלאַפּען און שקלאַפּינען. ער פּלעגט זיינע שקלאַפּען בעהאַנדלען בעסער פון אַנדערע פּלאַנ־טאַטאָרס און האָט געהאַט אַ גוטען נאָמען צווישען די פערשקלאַפּטע נעגערס.

ווען נאָך דער הייסער אַגיטאַציאָן פון דזשאָן בראָון האָבען זיך אָנגעפאַנגען צו אָרגאַניזירען קלובען פון די „אַבאָלוציאָניסטען", פון מענשען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט דעם צוועק צו בעפרייען די שוואַרצע שקלאַפען, איז דזשיימס אַרמסטראָנג געוואָרען אַ מיטגליעד פון דיזע קלובען און האָט אַלע זיינע שקלאַפען פריי געלאָזען. נור איין שקלאַף האָט ער געלאָזען ביי זיך. דאָס איז געווען אַ יונגע נעגערין, מעגי, וועלכע האָט נאָך דעם טויט פון זיין פרוי ערצויגען זיין קינד „טשאַרלי". דאָס קינד איז געווען זעהר צוגעבונדען צו זיין שוואַרצער ערציהערין און האָט ניט געוואָלט וויסען פון קיין אַנדערע. מעגי איז געווען אין הויז, ווי אַן אייגענע. זי איז געגאַנגען אָנשטענדיג געקליידעט און אַלע האָבען זי זעהר ליעב געהאַט. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער קריעג צווישען נאָרד און זידען פאַר די בעפרייאונג פון די שוואַרצע און אין גיכען זיינען אַלע שוואַרצע געווען פריי. נאָר איין מעגי איז געבליבען, ווי אימער, ביי איהר מייסטער. זי פלעגט זעהן טאָג טעגליך, ווי איהרע פריינדע און בעקאַנטע מיט מונטערע געזיכטער און פרעה־ליכע ליעדער ציהען אין דאָס פרייע, נור זי אַליין בלייבט צוריק,

צווישען די שטיינערנע ווענד פֿון איהר מייסטער'ס שלאָס, וואו נאָך ניט לאַנג האָבען געקלונגען די קייטען פֿון די געקויפֿטע שקלאַפֿען... אַ שווערע אומעטיגקייט האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין איהר ברוסט. זי איז געוואָרען מעלאַנכאָליש. מען האָט שוין מעהר ניט געהערט פֿון איהר די פֿרעהליכע ליעדער, וועלכע זי פֿלעגט אַמאָל זינגען. איינמאָל, ווען דזשיימס אַרמסטראָנג איז געזעסען אין קאַבינעט און האָט געלעזען אַ צייטונג, האָט אין טהיר אָנגעקלאַפּט מעגי; ער האָט איהר געהייסען אַריינקומען. זי איז געוועזען זעהר טרויעריג. איהרע אויגען זיינען געוועזען רויט פֿון טרערען.

— וואָס איז מיט דיר, מעגי? — האָט אונרוהיג געפֿרעגט אַרמסטראָנג.

— מייסטער, טייערער מייסטער! אַלע זיינען איצט פֿריי, לאָז מיך אויך פֿריי! — האָט זי אויסגעשריען מיט אַ ציטערנדער שטימע און איז געפֿאַלען דעם מייסטער צו די פֿיס.

אַרמסטראָנג איז געבליבען זיצען פֿערוואונדערט און האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

— איז עטוואָס געשעהן, מעגי? — האָט ער זי שטיל געפֿרעגט. — ביסטו דען ניט פֿריי אין מיין הויז? האַלט איך דיך ניט ווי אַן אייגענע? ווי קומסטו, מעגי, צו אַזאַ אונדאַנקבאַרען געדאַנק? ווייסטו דען ניט, אַז מיין קינד טשאַרלי קען אָהן דיר ניט לעבען; אַז דיין אַוועקגעהן קען איהם קאָסטען געזונד און פֿילייכט אויך אין גאַנצען זיין לעבען?

— איך ווייס, איך ווייס, מייסטער! דו ביסט זעהר גוט צו מיר, — האָט געענטפֿערט מעגי, בעגיטענדיג זיך מיט טרערן. — דיין קינד איז מיר טייער ווי מיין לעבען. אָבער, מייסטער, איך קען זיך ניט העלפֿען, מיין האַרץ רוהט ניט אין מיר. איך זעה, ווי אַלעס אַרום מיר בעוועגט זיך פֿריי. אַלע פֿאַרביגע זיינען איצט

פֿריי, זיי געהען און פֿאָהרען וואוהין זייער האַרץ גלוסט, און עס ציהט מיך אויך אַהין — ווייט... ווייט... צו פֿיהלען זיך פֿריי, צו געניסען אַלעס, ווי די ווייסע, מיט אַלע מענשען צוגלייך. מייסטער, פֿון קינדווייז אויף האָב איך געלעבט דאָ, צווישען פֿער־קויפֿטע שקלאַפֿען. איך האָב ניט געזעהן די וועלט, מיין פֿאָטער און מוטער זיינען געשטאָרבען אין שקלאַפֿעריי, לאָז מיך געהן, הרג'ע ניט אַוועק מיינע יונגע יאָהרען... איך קען ווייטער ניט איבערטראָגען מיין עלענד. מייסטער, לאָז מיך ציהען אין דאָס פֿרייע!

הייסע טרערען האָבען זיך געקייקעלט איבער איהרע שוואַרצע באַקען; זי האָט געבראָכען איהרע הענד און געקוקט מיט אַ ליידענשאַפֿטליכען געבעט אויף איהר אַלטען מייסטער.

— אונדאַנקבאַרע נעגערין! — האָט אַרמסטראָנג אויסגע־שריען מיט גרויס צאָרן — איך האָב דיך געהאַלטען אין מיין הויז, ווי אַן אייגען קינד. דאָך איצט, ווי אַ שלאַנג, ווילסטו פֿער־גיפֿטען מיין פֿאַמיליען־לעבען. געה! איך האַלט דיך ניט; איך בין אַ פֿרייער רעפּובליקאַנער, איך וויל, אַז יעדער זאָל זיין פֿריי. אָבער געדיינק, מעגי, דו טאָרסט מעהר ניט צוריקקומען אין מיין הויז, דיין פֿוס זאָל מעהר ניט איבערטרעטען מיין שוועל. געה, דו אונדאַנקבאַרע נעגערין!

מעגי האָט פֿערדעקט דאָס געזיכט מיט איהרע ציטערנדע הענד און האָט ביטער געוויינט.

— מייסטער, פֿערגיעב מיר, מיין האַרץ ווערט אין מיר צו־בראָכען אויף שטיקער; מייסטער, פֿערדאַם ניט דיין טרייע שקלאַפֿין.

— אַרויס! — האָט אַרמסטראָנג געשריען, — איך וויל דיך מעהר ניט זעהן. געה צו דיינע שוואַרצע, דו וועסט וויסען, ווי אזוי מען דאַרף אַכטען דאָס גוטע פֿון אַ מייסטער, ווי איך.

און ער איז מיט צאָרן אַרויסגעלאָפן פון זיין קאַבינעט.

מעגי איז געבליבן שטעהן, ווי דערשלאָגען פון א דונער. זי האָט מיט איהרע פערוויינטע אויגען צום לעצטען מאָל בעטראַכט דעם אַלטען שקלאַפען־שלאָס, וואו זי האָט פערבראַכט איהר קינדהייט און יוגענד. זי האָט געוואָרפען איהר בליק דורך די גרויסע פענסטער און האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אויף די ברייטע פעלדער, וואָס האָבען זיך צושפרייט אַרום און אַרום, בעדעקט מיט אַ רייכען בלומען־קאַרפעט. פון ווייטען האָט מען געזעהן, ווי עס ציהען זיך אַלטע, געדיכטע וועלדער, בעקרוינט מיט דעם גאָלדענעם הימעל־געוועלב פון דער פערגאַנגענער זונן.

— אויף דער פריי, אויף דער פריי! — האָט זי געמורמעלט און איהר געזיכט האָט זיך בעלויכטען מיט אַ גאָלדענעם שמייכעל. און זי האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען אַן אַלטעם שקלאַפען־ליעד, וואָס איהר אַלטע מוטער פלעגט זינגען אַמאָל, צונויפקלייבענדיג דעם באַוועל אויף'ן פעלד.

אין עטליכע מינוטען אַרום האָט זיך אַרמסטראָנג אומגע־קעהרט אין זיין קאַבינעט און איז פערוואונדערט געבליבען שטעהן ביי דער טהיר, הערענדיג איהר ניגער־ליעד. אַלטע עראינערונגען האָבען זיך דערוועקט אין זיין ברוסט, אָבער ער איז באַלד גע־קומען צו זיך און האָט געהייסען מעגי'ן פערלאָזען זיין הויז.

אַ פּאָר מאָנאַט זיינען אַריבער זייט מעגי האָט פערלאָזען איהר מייסטער'ס הויז. דאָס קינד טשאַרלי האָט שטאַרק געביינקט נאָך זיין שוואַרצער ערציהערין. מען האָט געבראַכט אַנדערע גע־נערינס, עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. דאָס קינד איז געוואָרען מעלאַנכאָליש, שוואַכער פון טאָג צו טאָג. ער פלעגט ניט עסען, ניט שלאָפען, און אַלץ בעטען, מען זאָל איהם ברייננען זיין ליעבע מעגי.

דאָקטוירים האָבען גערַאטהען דעם פֿאָטער, ער זאָל זעהן צוריקבריינגען מעגי'ן, ווען ער וויל זיין קינד זאָל לעבען. אַרמסטראָנג האָט פֿריהער ניט געוואָלט דערפֿון הערען, אָבער ענדליך, ווען ער האָט געזעהן, אַז זיין קינד איז אין געפֿאַהר, האָט ער געשיקט עטליכע שוואַרצע, זיי זאָלען אויסגעפֿינען מעגי'ן און איהר בריינגען צוריק. אַ פּאָר וואָכען האָט מען אַרומגעזוכט מעגי'ן אין שטעדט און דערפֿער, אָבער מען האָט זי ניט געקענט אויסגעפֿינען. דאָס קינד איז געפֿעהרליך קראַנק געוואָרען און איז ענדליך געשטאָרבען, ביינקענדיג נאָך זיין טהייערע מעגי.

עס איז געווען אַרום 10 אוהר ביי נאַכט. דושיימס אַרמסטראָנג איז געזעסען אַליין לעבען ארון פֿון זיין געליעבטען קינד. ער האָט עטליכע מאָל זיך גוט צוגעקוקט צום טויטען געזיכט פֿון זיין טשאַרלי, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך ערוואַרטעט, אַז ער וועט זיך אויפֿכאַפּען און ווידער לעבען.

פּלוצלינג האָט ער דערהערט, ווי אימיצער לויפֿט שנעל איבער'ן קאָרידאָר. די טהיר האָט זיך געעפֿענט און אַ דונקעלע געשטאַלט איז אַריינגעלאָפֿען אין צימער.

— מעגי! — האָט אויסגערופֿען אַרמסטראָנג, און זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פֿון ברענענדען צאָרן.

— מייסטער, וואו איז ער? וואו איז מיין קינד? — האָט מעגי דורך טרערען געשריען, און האָט ווי אַ וואַהנזיניגע זיך געריסען פֿאַר איהרע שוואַרצע צוואָרפֿענע לאָקען...

— שלאַנג, אונדאַנקבאַרע נעגערין! — האָט געדונערט דער פֿערצווייפֿעלטער פֿאָטער, — דו האָסט איהם אַוועקגערויבט פֿון מיר, מיין טשאַרלי איז אין ארון, ער איז טויט!

מיט ברייט געעפֿענטע אויגען איז מעגי געבליבען שטעהן אין מיטען צימער, אַזוי ווי זי וואָלט ניט געקענט בעגרייפֿען, וואָס עס

איז געשעהן. ענדליך איז זי צוגעגאַנגען צום קליינעם ארון און איז געפֿאַלען פֿאַר איהם אויף די קניע. עס איז פֿערבייגעגאַנגען אַ רגע פֿון טויטער שטילקייט. פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ ליעד. אַ האַרץ־רייסענדעם ליעד. מעגי האָט געזונגען אויף דעם ארון פֿון איהר ליעבלינג. ווילדער טרויער, פֿערשטיקטע שמערצען פֿון טויזענד־יעהריגער שקלאַפֿעריי האָבען זיך געהערט אין דיזען נעגערליעד. אַרמסטראָנג איז ווי בעצויבערט געבליבען שטעהן לעבען דער נעגערין. דאָס האַרצרייסענדע ליעד איז געוואָרען אַלץ שטילער און שטילער, אַזוי ווי עס וואָלט שטאַרבען צוזאַמען מיט דער זינגערין. ענדליך איז געוואָרען אַלעס שטיל.

וועו אַרמסטראָנג איז צוגעגאַנגען צו מעגי'ן, **איז די אונדאַנקבאַרע נעגערין געווען טויט.**

ווערא.

(אן ערצעהלונג אויס דעם לעבען.)

דאָס איז געווען אין רוסלאַנד. איך בין דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָהר 15 און האָב געוואוינט מיט מיינע עלטערן אין דער שטאָדט ק. שוין דאַן האָב איך צווישען מיינע פריינד און בעקאַנטע געטראָגען דעם נאָמען „פּאָעט" און האָב געשריבען רוסישע גע־דיכטע. מיין ליידענשאַפט פאַר פּאָעזיע, איבערהויפּט פאַר די רוסישע דיכטער ניקיטין און נעקראַסאָוו, האָט זיך פריה דערוועקט אין מיין האַרצען. איך האָב פערבראַכט פיעלע טעג און נעכט איבער זייערע מייסטערהאַפטע שילדערונגען פון די ליידען און זאָרגען פון'ם אָרעמען רוסישען פאָלק. איך האָב געפיהלט, אַז דיזע ברענענדע ליידען האָבען אויך זייער נעסט אין מיין אייגענער ברוסט, אין מיין אייגענעם לעבען. ווי דער שטייגער איז, פלעגען פיעלע פון מיינע פריינד און בעקאַנטע מיך בעטען, איך זאָל זיי אָנשרייבען עטוואָס אין זייערע אַלבאָמען, אַנדערע צו זייער געבורטסטאָג א. ז. וו.

צווישען מיינע בעקאַנטע האָט זיך אויך געפונען אַ רייכע, אָנשטענדיגע פאַמיליע פּאָרטוגאַלאָוו. זיי האָבען געהאַט עטליכע יונגע זיהן און טעכטער, וועלכע זיינען געגאַנגען אין גימנאַזיע און פלעגען זעהר ליעבען פּאָעזיע. זיי האָבען ליעב געהאַט יעדעס געדיכט, וואָס איז אַרויס פון מיין פעדער, און האָבען

ערוואַרטעט, אַז פֿון מיר וועט אין דער צוקונפֿט ווערן אַ בעריהמטער דיכטער. דיזע גוטע מיינונגען וועגען מיין קינדערשען טאַלאַנט פֿלעגען אָנפֿילען מיין יונגע ברוסט מיט רייכע, אָפֿטמאָל ווילדע האָפֿנונגען. איך פֿלעג טרוימען, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זיין אַ ב י י ר אָ ן, אָדער גאָר אַ ש ע ק ס פ י ע ר. עס איז אמת, איך האָב נאָך דאַמאָלס ניט גוט פֿערשטאַנען ניט בייראָן, און ניט שעקספיער, אָבער געוואוסט האָב איך שוין, אַז מען רעכענט זיי פֿאַר די גרעסטע דיכטער פֿון דער וועלט.

דיזע גוטע פֿאַמיליע פאָרטוגאַלאָוו פֿלעגט יעדען זומער אַרויס־פֿאָהרען פֿון שטאָדט אויף אַ דאַטשע, אין אַ שעהנער זומער־וואוינונג, וועלכע איז געשטאַנען צווישען פֿיינע גערטנער און בלומען, וואו אַלע זומער־פֿערגניגען זיינען געווען גרייט פֿאַר די דאָרטיגע גליקליכע איינוואוינער. און אַזוי ווי אַ שעהנע זומער־וואוינונג און אַ יונגער דיכטער האַרמאָנירען זעהר איינס מיט'ן אַנדערען, האָ־בען זיי אויך מיך איינגעלאַדען, איך זאָל פֿערברייננגען מיט זיי דעם זומער אויף דעם פֿרייען בוזים פֿון דער נאַטור. איך האָב שוין לאַנג געטרוימט פֿון אַזאַ פֿערגניגען און האָב מיט פֿרייד אָנגענומען דיזע איינלאַדונג. איך האָב געלעזען, אַז אַלע בעריהמטע דיכטער פֿלעגען ווערען איינגעלאַדען פֿון רייכע מאַגנאַטען אויף זייערע דאַטשעס, און דיזער געדאַנק האָט מיך אויפֿגעהויבען, ווי מען זאָגט, אין זיבעטען הימעל.

דער פראַכטפֿאָלער זומער־פּלאַץ האָט מיך בעצויבערט, ווי אַ פּאַראַדיז. דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געהאַט די געלעגענהייט, איבערצולעבען דעם שאַרפֿען קאָנטראַסט צווישען אָרעמע און רייכע, צווישען מיינע אָרעמע עלטערן'ס פֿערשטיקטע הייזעל און דיזען גלענצענדען פּאַלאַץ, אַרומגערינגעלט מיט וועל־דער און בלומען.

מיין מוזע האָט בעקומען פרישע קרעפטען; מיט פרישער בעגייסטערונג האָט זי גענומען שילדערען די צוויי פערשידענע וועלטען, פון גלענצענדען רייכטהום און שרייענדען דלות. אָבער נאָך זונענשיין קומט אָפטמאָל אַ כמאַרע. איין שעהנעם פריה־מאָרגען האָט מיך בעגעגענט פאָרטוגאַלאָוו'ס יונגע טאָכטער, די גוטמוטהיגע סאָניע. איהר עדעלעס געזיכט האָט געשיינט פון פרייד און פערגניגען; זי האָט מיר געבראַכט אַ נייעס, וועלכע זי האָט געדיינקט, וועט אַריינברענגען אַ נייעם שטראַהל פון גליק אין מיין דיכטער־לעבען. נעמליך — איהר יונגער קוזין, וועלכער וואוינט אין פעטערבורג, אין דער גרויסער מאָדנער וועלט, און איז פערזענליך בעקענט מיט די גרעסטע רוסישע שריפטשטעלער און דיכטער, וועט מאָרגען קומען אַהער צו פערברייננגען מיט זיי דעם זומער! ער איז אויך אַ בעריהמטער קענער פון אַלע ליטע־ראַטורען פון דער וועלט, און ווען ער וועט נאָר אַנערקענען מיין טאַלאַנט, דאַן איז זיכער, אַז איך וועל אין גיכען פערנעהמען דעם פלאַץ צווישען די בעסטע רוסישע דיכטער.

דיזע נייעס האָט מיך זעהר אויפגערעגט. מיין האַרץ האָט אָנגעפאַנגען שטאַרקער צו קלאַפען, איך בין געוואָרען דאָ רויט, דאָ בלאַס אין מיין געזיכט. אַ קלייניגקייט! מאָרגען קומט די פערזאָן, פון וועלכער עס איז אָבהייניגיג, אויב איך זאָל ווערן אַ בעריהמטער רוסישער פאָעט אָדער ניט! סאָניע האָט מיך אַביסעל בערוהיגט, מיט דעם וואָס זי האָט געזאָגט, אַז קיינער צווייפעלט גאָרניט, אַז איך וועל געפעלען איהר קוזין אַלס אַ טאַלאַנטפאָלער דיכטער. און אום מיך נאָך מעהר צו דערמונטערען, האָט זי אַראָבגענומען פון איהר ברוסט אַ גרויסע פרישע רויז און האָט זי צוגעשפילעט צום לאַץ פון מיין ראָק.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט איינשלאָפען, אַלץ

טראַכטענדיג, וואָס וועט דער בעריהמטער פעטערבורגער קוזין זאָגען אויף מיין פּאָעזיע? איך האָב זיך געבראָכען דעם קאָפּ, וואָס פאַר אַ געדיכט איך זאָל איהם פּאָרלעזען, אום צו מאַכען אויף איהם אַ גוטען איינדרוק. איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין בעט, האב אָנגעצונדען דעם לאָמפּ און האָב זיך געזעצט איבער אַ העפט, דורכקוקען אַלעס וואָס איך האָב פאַר דער לעצטער צייט אָנגעשריבען. ענדליך בין איך געקומען צו אַ געדיכט, וואָס אַלע האָבען זעהר געלויבט. אַ געדיכט, מיט וועלכען איך האָב אָפטמאָל אַרויסגערופען טרערען פון די שעהנע אויגען פון דער גוטמוטהיגער סאָניע. דאָס געדיכט, ווי אַלע מיינע געדיכטע, האָט געשילדערט דאָס לעבען און ליידען פון די אָרעמע. איך האָב בעוויינט דאָס שיקזאַל פון אַ יונגער אַרבייטערין, פון אַ האַנד־שוה־מאַכערין. איך האָב דאָרט בעשריבען, ווי זי פלעגט פער־בריינגען צוויי, דריי נעכט, ביז די מאָדנע האַנד־שוה פאַר דער רייכער דאַמע אָדער זאַמען פראַנט זיינען פאַרטיג געוואָרען. איהר לוין איז געוועזען אַזוי קלעגליך, איהרע אויגען געשוואָלען און רויט פון דער אַרבייט, און דאָך, די, וואָס האָבען געטראָגען דיזע האַנד־שוה און אָפטמאָל אומגעביטען צוויי פּאָר אויף איין באַל, האָבען זיך קיינמאָל ניט פערטראַכט איבער דער שרעקליכער לאַגע פון דער, וועלכע האָט גענייט און בעשפּריצט מיט איהר בלוט און שוויים דיזע מאָדנע האַנד־שוה, פון דער עלענדער, וועלכע האָט פאַר איהר אַרבייט ניט נעקראָגען גענוג, אום צו בעהאַלטען אַ גראָשען פאַר אַ שוואַרצען טאָג, ווען סלעק אָדער קראַנקהייט קלאַפּט אָן אין איהר טהיר. אָט דאָס געדיכט האָב איך ענדליך אויסגע־קליבען פאָרצולעזען פאַר מיין גרויסען דיכטער, אין וועמעס האַנד עס איז איצט געלעגען מיין דיכטער־שיקזאַל.

גאַנץ פריה בין איך אויף מאָרגען אויפגעשטאַנען, אַריינגע־

ליגט מיין געדיכט אין קעשענע און בין אַוועק אין גאָרטען. עטליכע מאָל האָב איך דאָרט דורכגעלעזען פֿאַר זיך דאָס ליעד פֿון דער אָרעמער האַנד־שוה־מאַכערין, איך האָב געמיהט זיך אָנצושטריינגען מיין בעסטען קריטישען זינן, אום צו טרעפֿען, וואָס עס וועט זיין די מיינונג פֿון דעם פעטערבורגער קריטיקער. ענדליך איז די שטונדע געקומען. מען האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז דער פעטערבורגער גאַסט איז שוין דאָ און איך מוז אַריינקומען איהם צו בעגריסען. מיט אַ שטאַרק קלאַפּענדען האַרצען בין איך אַריינגעקומען אין זאַאַל.

די גאַנצע פֿאַמיליע פּאָרטוגאַלאָוו און איינינע פֿרעמדע געסט זיינען געווען פֿערזאַמעלט אין זאַאַל. צווישען זיי איז אויך געזעסען מיין בעריהמטער קריטיקער. ביים ערשטען בליק, וואָס איך האָב געוואָרפֿען אויף דיזען מענשען, האָב איך דערפֿיהלט, אַז איך וועל קיינמאָל איהם ניט קענען ליעבען. איך האָב געפֿיהלט, אַז איידער ער האָט נאָך געהערט מיין געדיכט האָט ער מיך שוין מיט פֿעראַכטונג פֿעראורטהיילט אַלס אַ גאָרנישט, אַן אָרעמאַן, אַ גראַמענשרייבער. זיין פֿעט, אָבגעגעסען געזיכט, זיינע שמאָלינקע אויגעלאַך, זיינע רייכע העכסט־מאָדנע קליידער, אַלעס האָט קלאָהר גערעדט, אַז דאָס איז אַ רייכער פֿראַנט, אַ לייב פֿון דער פֿער־פֿוצטער אויסגעלאַסענער וועלט. ער האָט מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל געקוקט אויף מיר, ווען סאָניע האָט מיך פֿאָרגעשטעלט אַלס זייער פֿריינד און דיכטער, און האָט מיר דערלאַנגט צוויי פֿינגער פֿון זיין מאַרמאָר־ווייסען אויסגעהאָדעוועטען הענטעל. ווען איך האָב אָנגעפֿאַנגען צו לעזען פֿאַר איהם מיין געדיכט האָט מיין שטימע שטאַרק געציטערט און איך האָב געפֿיהלט, ווי טרערען קייקלען זיך פֿון מיינע אויגען. אַפּלאָדיסמענטען האָבען מיך בע־גריסט פֿון אַלע זייטען. נאָר מיין קריטיקער איז געזעסען אונבע־

וועגליך. אַ בייזע, ווילדע פֿעראַכטונג האָט געשפּיעלט אויף זיין פּעטען געזיכט. די גוטע סאָניע איז די ערשטע צוגעגאַנגען צו איהם.

— ניט אמת, עס איז פראַכטפֿאָל? — האָט זי איהם געפֿרעגט מיט אויגען פֿול מיט טרערען. ער האָט אַ ווילע געשוויגען.

— אונזינן! — האָט ער ענדליך אויסגעשריען. — דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע! דאָס איז בלויז געגראַמט! געפּאַטשקעט! דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע!

ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין פּלאַץ און האָט אָנגעפֿאַנגען אומשפּאַצירען איבער דעם גרויסען זאַאַל, פֿון צייט צו צייט זיך אָבשטעלענדיג גראָדע געגען מיר און קוקענדיג מיר שטריינג אין געזיכט.

— פּאָעזיע! — האָט ער ווידער אָנגעפֿאַנגען, און שפּאָט און פֿעראַכטונג האָט זיך געהערט אין זיין טאָן. — איהר בעשרייבט מיר עפּעס דאָרט אַן אַרבייטער־מיידעל, וואָס נעהט האַנד־שוה... כאַ! כאַ! אַ שעהנער סיוזשעט פֿאַר פּאָעזיע! ווארום ניט בעזינגען ווי אַ שוסטער מאַכט אַ דראַטווע, אָדער ווי אַ שניידער שטעפּט אַ ראָק? ניין, יונגער מאַן, דאָס איז ניט קיין פּאָעזיע! די קונסט, די ריינע קונסט האָט ניט צו טהאָן מיט שוסטער און שניידער! זי בעשעפֿטיגט זיך מיט דער נאַטור, מיט איהרע בעצויבערנדע שעהנהייטען, מיט איהרע בלומען און שטראַהלען!

פּאָעזיע! כאַ! כאַ! כאַ! אין אייער גאַנצען שטיק, מיין פֿריינד, אין אייער גאַנצער פּאָעזיע וועגען אייער האַנד־שוה־מאַכערין איז ניטאָ קיין ברעקעל עסטעטישער גלאַנץ. טרערען און ווידער טרע־רען, און ווי זי שוויצט, און ווי זי זיפֿצט, און וויפֿיעל גראָשענס זי בעקומט... פֿע! דאָס איז איינפֿאַך פֿערגוואַלדיגען די קונסט!

האָט איהר אַ בעגריף פֿון האָמער? האָט איהר געלעזען

מילטאָן? זייט איהר בעקאַנט מיט אַנדערע אונזערע אַפּאָסטאַלען פֿון רייגער קונסט! ניין, יונגער מאַן, עס גליהט אין אייך פֿיליייכט אַ פּאָעטישער פֿונק. אָבער פֿריהער פֿון אַלעס דאַרפֿט איהר פֿער־ברענען דאָס, וואָס איהר האָט ביז איצט געשריבען; איהר דאַרפֿט אַרויסוואַרפֿען פֿון קאָפּ אַלע אייערע שוסטערס און שניידערס, וואָס איהר האָט ביז איצט בעזונגען, און דאַן, ווען איהר וועט ווערן פֿאַרטיג מיט אייערע אַלע דומהייטען פֿון דער פֿערגאַנגענהייט, זעצט זיך אַוועק און שטודירט די גריכישע דיכטער־קונסט, די ריינע וואַהרע געטין פֿון אַלע קונסטען פֿון דער וועלט. איהר וועט דאַן פֿערגעסען אייערע האַנד־שוה־מאַכערינס, אייערע פֿאַבריק־מיידלעך, אייערע שקלאַפֿען און בעטלער, אייערע קייטען און טרערען. איהר וועט אונז זינגען פֿון בלומען, פֿון וויין און פֿון ליעבע, און איהר וועט זיין אַן אמת'ער דיכטער!

מיט אַ זעלבסטצופֿרידענעם שמייכעל האָט דער פּעטערבורגער קוזין געענדיגט זיין לאַנגע רעדע, פֿון וועלכע, ווי עס האָט אויס־געזעהן, ער איז געווען העכסט צופֿרידען.

איך האָב געכאַפּט מיין הוט און מיט טרערען אין די אויגען בין איך אַרויסגעלאָפֿען פֿון זאַאַל. אַלע מיינע גאָלדענע האָפֿנונגען האָבען מיט איין מאָל בעקומען אַ טויטליכע וואונד. ערשט נעכטען בין איך געווען אַ דיכטער, אַ טאַלאַנטפֿאָלער פּאָעט, און... איצט דאַרף איך פֿערברענען אַלעס, וואָס איך האָב ביז איצט געשריבען מיט מיינע הייליגסטע טרערען! אַרויסוואַרפֿען פֿון מיין קאָפּ מיינע שוסטערס און שניידערס... אַך, מיט וואָס פֿאַר אַ פֿעראַכטונג ער האָט גערעדט פֿון מיין פּאָעזיע! פֿון דערזעלבער פּאָעזיע, וואָס האָט אַזוי בעצויבערט מיין סאָניע און אַלע מיינע בעקאַנטע! אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? ער איז פֿאָרט אַ פּעטערבורגער, אַ קריטיקער, בעקאַנט מיט די בעסטע שריפֿטשטעלער — פֿיליייכט האָט ער רעכט... פֿיליייכט?..

איך בין אַוועק אין אַ געדיכטען פלאַץ אין גאָרטען, האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ געדיכטען בוים און האָב זיך פערטראַכט איבער מיין טרויעריגער לאַגע.

ווי אַזוי וועל איך איצט קוקען מיינע בעקאַנטע אין געזיכט? וואָס וועט איצט זאָגען סאָניע און די איבעריגע פּאָרטוגאַלאָווס? אַ דיכטער פון שוסטער און שניידער! אַך, זיי וועלען מיך איצט אַלע פערלאַכטען! און וועלכער טייוועל האָט געבראַכט דיזען פעטערבורגער פראַנט אַהער? ער האָט געמאַכט אַן ענדע פון מיין גליק, פון מיינע האָפנונגען... גיפטיגע ערגערניש האָט געברענט אין מיין זעעלע. פינסטערע פערצווייפלונג האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף מיין האַרץ, ווי אַ שווערע לאַפע פון אַ ווילדער חיה.

פלוצלינג האָב איך דערהערט לייכטע טריט. ניט ווילענדיג האָב איך אויפגעהויבען מיין קאָפּ. איך בין געבליבען זיצען ווי בעצויבערט.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי מיט אַ וואונדערבאַרער זעלטענער געשטאַלט. ניט איהר שעהנהייט — די ענערגיע, די טיעפע אינטעליגענץ, וואָס האָט געשיינט פון איהרע שוואַרצע מילדע אויגען, האָט ווי אַן עלעקטרישע קראַפט יעדען איינעם געצויגען צו זיך מיט זייער מענשליכקייט און זאַנפטער וואַרעמער סימפּאַטהיע.

— ענטשולדיגט, איך שטער פיללייכט אייער דיינקען, — האָט זי זיך געווענדעט צו מיר מיט אַ שטילער פריינדליכער שטימע. — דאָך, איך דיינק, איך קען אייך איצט זיין ניצליך. מיין נאָמען איז ווערא. איך וואוין גראַדע אַנטקעגען פּאָרטוגאַלאָוו׳ס הויז און בין דאָרט היינט געווען, ווען איהר האָט פאַרגעלעזען אייער געדיכט פאַר דעם פעטערבורגער קוזין. איך האָב אויך געהערט זיין מיינונג וועגען אייער טאַלאַנט אַלס **דיכטער.** איך

האָב אויך בעמערקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף אייך, און דאַרום דיינק איך איצט פאַר ניצליך צו האָבען מיט אייך אַ קליינעם געשפרעך. — זי האָט אַראָבגעריסען אַ קליינעם צווייג פון בוים און האָט זיך געזעצט לעבען מיר.

— איהר זייט נאָך זעהר יונג, מיין ליעבער פריינד, — האָט זי אָנגעפאַנגען, קוקענדיג אויף מיר אָפען און ערנסט. — די וועלט, וועלכע איהר זעהט איצט פאַר זיך מיט אייערע יונגע, נאַאיווע, אונערפאַהרענע אויגען, איז אייגענטליך נאָר דער מאַסקעראַד פון דער וועלט. די, וועלכע איהר רופט מענשען, זיינען ניט מעהר ווי ברואים, בעשאַפענע אין דער פאָרם, וועלכע אַ מענש דאַרף האָבען. אָבער אַחוץ דער מענשליכער פאָרם פערמאָגען זיי גאָרניט, וואָס זאָל זיי געבען דאָס רעכט זיך צו רופען מענש. עס זיינען פאַרהאַן ווילדע חיות, וואָס פערדינען מעהר דעם מענשליכען טיטעל, ווי דיזע אַזוי־גערופענע מענשען, וואָס איהר זעהט איצט פאַר זיך. איך רייד איצט ניט פון דער וועלט אין אַלגעמיין. איך רייד, מיין פריינד, פון דער רייכער מאָדנער וועלט, צו וועלכער עס געהערט אייער קריטיקער, דער פעטערבורגער קוזין. נאָר אַזאַ יונגער, נאַאיווער דיכטער ווי איהר האָט געקענט זיך אַוועקשטעלען לעזען אַזאַ געדיכט פאַר אַן אָבגעפרעסענעם בורזשואַ! — קינד! האָט איהר דען ניט פערשטאַנען, אַז יעדעס וואָרט פון אייער טרייען ליעד האָט געשליידערט קאָכעדיגע בליי אין געזיכט פון דיזען פאַראַזיט, וועלכער האָט פון זיין קינדהייט אָן געלעבט אויף דער רעכנונג, אויף דעם שוויים און בלוט פון טויזענדע אויסגעמאַטערטע שקלאַפען? האָט איהר דען ניט בעמערקט, אַז אייער געדיכט איז אַן ענערגישער פלוך צו דיזע אַלע וואַמפּירען פון אָרעמען פאָלק, אַ טויטעס־אורטהייל פאַר דער הערשענדער אַריסטאָקראַטיע! אָה, איך זעה, איהר זייט נאָך צו יונג, צו נאַאיוו, איהר וועט פיליייכט

אויך ניט פֿערשטעהן אַלעס וואָס איך זאָג אייך איצט, אָבער איך ווייס, אַז די צייט וועט קומען, ווען מיינע ווערטער וועלען ווי אַן עכאָ אָבקלינגען אין אייער ברוסט, און דאַן וועט איהר מיך פֿערשטעהן, דאַן וועט איהר בעגרייפֿען מיינע ווערטער!...

זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון איהר פּלאַץ. איך האָב בעמערקט, ווי איהרע אויגען שיינען נאָך העלער, נאָך הימלישער. איהר ברוסט האָט זיך געהויבען פֿון ברענענדיגער אייפֿרעגונג.

— אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגען, — האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו מיר. — עס איז דאָ אַ צווייטע וועלט, ניט אויף'ן הימעל, איך מיין דאָ אויף דער ערד. אַ וועלט, וואָס גיט די מעגליכקייט אַזעלכע פעטערבורגער טויגע־ניכצען אָבצופּאַשען פֿעטע העלזער און נאַקענס און וואַרפֿען טויזענדער צו די פֿיס פֿון אַקטריסעס, קאָקעטקעס פֿון דער מאָדערנער וועלט. אַ וועלט פֿון אָרעמע, דערשלאָגענע, אונווויסענדע קנעכט. פֿינסטערניש, שרעקליכע טויטע פֿינסטערניש הערשט אין יענער וועלט. דאָרט קענט איהר זעהן, ווי אַ מענשליכעס וועזען זינקט אַראָב צום ווילדען טהיער, ווי אַ בלוטיגעס טהיער ווערט געדרעכענט פֿאַר אַ מענשען און טויזענדע שקלאַפֿען ליגען אונטער זיינע לאַפּעס! וואָס מעהר דער טיראַן קוועלט זיינע קנעכט, אַלץ ליעבער איז ער פֿאַר זיי. מיט אַ הויכען אייזערנעם טהורם האָט די רייכע, די הערשענדע קלאַסע אַרומגערינגעלט די וועלט פֿון זייערע קנעכט, כדי קיין איינציגער שטראַהל פֿון ליכט, פֿון אויפֿקלעהרונג זאָל ניט דורכדרינגען צו זיי.

און די טיראַניי טריאומפֿירט! דער שקלאַף בלייבט שקלאַף. ער וואַשט אָב זיינע פֿערבלוטיגטע וואונדען, כדי מאָרגען זאָל דער הערר האָבען אַ ריינעם פּלאַץ, אויף וועלכען צו שמייסען מיט דער אייזערנער בייטש...

דאָרט האָדעווען מוטערס זייערע קינדער, אום צו שאַפֿען נייע קאַנדידאַטען פֿאַר שקלאַפֿעריי און פּראָסטיטוציאָן, אום צו בעפֿרידיגען די טהיערישע אַפּעטיטען פֿון דעם רייכען בורזשוא. דאָרט ראַנגלען זיך מענשען אויף לעבען און טויט, אום צו קריגען די מיטלען פֿאַר אַ הינטישער עקזיסטענץ. דאָרט פֿאַלען מענשען פֿון פֿערצווייפֿלונג, און עס פֿערמעהרען זיך די שלאַנגען אין אייביגען זומפּ. דאָרט זיינען פֿול פּעסט, פֿערברעכען, בלוט, טרערען, גאַל, די זעלבסט-פֿערניכטונג פֿון מענשליכען געשלעכט, די שרעקליכסטע טראַגעדיען פֿון מענשליכען לעבען.

ווער קען איבערצעהלען די אָפּפֿער פֿון די אונערטרעגליכעליידען פֿון אָרימקייט? ווער קען אונז זאָגען, וויפֿיעל נאָבעלע, אונשולדיגע, ליעבענדע הערצער ווערען ערמאָרדעט פֿון דער מענשליכער אונמענשליכקייט?

איהר שטימע האָט געציטערט. האַס און בעגייסטערונג האָבען געבליצט פֿון איהרע אויגען. איהר גאַנצע געשטאַלט איז געווען, ווי אַ בילד פֿון אַ פּראָפֿעטין פֿון וואַהרהייט, די הימלישע פֿאָרמע פֿון אַ צויבערהאַפֿטער מאַדאָנע פֿון דער ליידענדער מענשהייט.

זי האָט געשוויגען אַ ווײַלע, אַזוי ווי זי וואָלט זיך צוגעהערט, אויב קיינער קומט ניט זי צו שטערען, און האָט מיט פֿרישען פֿייער און בעגייסטערונג אָנגעפֿאַנגען ווידער:

— ווער, ווער פֿון די, וואָס בעזיצען אַ פֿיהלענדעס האַרץ, וואָס דיינקען און בעגרייפֿען אונזער וועלט, אונזער געזעלשאַפֿט, ווער פֿון די קען בלייבען שטעהן פֿון דער ווייטען און ניט געהן צו די בערויבטע און פֿערוואָגעלטע? ווער קען זיך אָבזאָגען צו פֿערטהיידיגען אַן אונשולדיג קינד געגען אַ ווילדען טיגער! ווער קען זיך אָבזאָגען אַריינטראָגען ליכט אין דער פֿינסטערניש? האָפֿנונג און טרייסט — אין דער וועלט פֿון פֿערצווייפֿלונג! ווער קען

זיך אָבקעהרען פֿון די טרערען און וואונדען פֿון זיין אונגליקליכען מיטמענשען און ניט צייגען איהם דעם וועג צו זיין רעטונג, צו זיין גליק, צו זיין פֿרייהייט! נאָר אַ שטיין קען בלייבען רוהיג, ווען ער הערט די ווילדע געשרייען פֿון די פֿעראונגליקטע, פֿערבלוטיגטע אָפּפֿער פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. נאָר אַ קאַרליקע אָדער אַ גייסטיגער אידיאָט קען זיך פֿיהלען בערעכטיגט און גאָר ניט טהאָן פֿאַר דעם אידעאַל פֿון פֿרייהייט און גערעכטיגקייט.

דער פעטערבורגער קוזין, אייער קריטיקער, האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון די שוסטער און שניידער, וועמענס ליידען איהר האָט בענעצט מיט אייערע דיכטער־טרערען; די צייט איז אָבער ניט ווייט, ווען דיזע שוסטערס און שניידערס וועלען זיך אויסלאַכען פֿון פעטערבורגער טויגעניכצען. און וועה וועט זיין די, וואָס ערלויבען זיך איצט צו לאַכען פֿון אָרעמען פֿאָלק! איהר זייט פֿאַר איהם קיין דיכטער ניט! אַנשטאָט איינצושלעפֿערען זיין פֿערשמוצטען געוויסען, וועקט איהר איהם אויף! ער הייסט אייך שטודירען די ריינע קונסט, זינגען פֿון פֿרויען, ליעבע און וויין! עס איז גאַנץ פֿערשטענדליך. ער וויל האָבען נאָך אַ שפּיעלכעל צום צייט פֿערטרייב. אָבער מיר האָבען שוין גענוג, איבער גענוג, דיזע זינגער פֿון ליעבע און וויין! דיזע פֿאַנטאָפּעל־לעקער פֿון רייכע און זאַטע! די צייט פֿאָדערט אַנדערע ליעדער, אַנדערע דיכטער.

יונגער פֿריינד! איהר זייט דאָס קינד פֿון ליידענדען פֿאָלק! בלייבט איהם טריי; פֿערטיידיגט זיין פֿרייהייט, בעזינגט זיינע ליידען! צייגט איהם זיינע פֿיינד און זיינע פֿריינד! עס איז וואַהר, אַז די צייט פֿאָדערט איצט אַ גאַנץ אַנדער קאַמפּף, אָבער פֿאַר דיזען זייט איהר נאָך צו יונג. איהר וועט אויפֿוואַקסען וועט איהר פֿערשטעהן, דאָך אויך איצט ווייכט אויס די פֿיינד פֿון פֿאָלק,

האָסט אַלעס, וואָס האָסט די אָרעמע; ליעבט און פֿערטהיידיגט אַלעס, וואָס ליעבט פֿרייהייט און גערעכטיגקייט!

זי האָט געענדיגט און האָט מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל דערלאַנגט מיר די האַנד.

— איך האָף, מיר וועלען זיך נאָך זעהן! — האָט זי געזאָגט מיט איהר וואונדערבאַר סימפּאַטישער שטימע און איז פֿערשוואונדען צווישען די געדיכטע בוימער.

עפּעס ווי בעצויבערט פֿון זיסער קונסטפֿאָלער מוזיק בין איך געבליבען זיצען אויף מיין פּלאַץ. אין מיינע אויערען האָבען נאָך געקלונגען די היילִיגע ווערטער — די גייסטיגע קינדער פֿון וואַהרער בעגייסטערונג. ווי אַ שטיק וואַקס, צוּאוואַרעמט פֿון אַ פֿלאַם, האָט זיך צום ערשטען מאָל צוּאוואַרעמט מיין האַרץ מיט דער גליהענדער דורשט נאָך פֿרייהייט, נאָך היילִיגע טהעטיגקייט.

מיינע געדיכטע, מיין פּאָעזיע, די מיינונגען פֿון דער וועלט, אַלעס איז ביי מיר איצט געווען אַ גאָרניט, אַ שפּיעלצייג געגען דעם קאַמפּף פֿאַר די אָרעמע און ערנידעריגטע, געגען דער הער־ליכער אַרבייט אין נאָמען פֿון וואַהרהייט און גערעכטיגקייט!

ווען איך בין אַרויס פֿון גאָרטען האָב איך בעגעגענט די גוטמוטהיגע סאָניע. זי האָט מיך געזוכט, אום צו טרייסטען מיך נאָך די שמערצען, וואָס איהר קוזין האָט מיר פֿעראורזאַכט; אָבער ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען, ווען זי האָט מיך דערזעהן אַ מוטה־היגען, מיט אַן ענערגישען אויסדרוק אויף מיין פֿלאַמענדען געזיכט.

— וואָס איז געשעהען?—האָט זי מיך געפֿרעגט פֿערוואונדערט.

— גאָרניט, מיין ליעבע סאָניע! פּאָעזיע, ליעדער, דאָס איז אַלץ אַ שפּיעלצייג! — האָב איך געענטפֿערט. — עס איז דאָ אַ גרעסערע פֿפליכט, דאָס איז צו זאָרגען און קעמפּפֿען פֿאַר די אָרעמע און אונגליקליכע, אונזערע מיט־מענשען!

סאָניע האָט מיך אָנגעקוקט ווי צומישט מיט איהרע שעהנע גוטע אויגען און האָט מיר קיין וואָרט ניט געענטפערט.

עס זיינען פערביגעגאַנגען עטליכע טעג. איך האָב אימער נאָך געדאַכט און געטרוימט פון ווערא, וועגען די טיעפזיניגע ווערטער, וואָס האָבען זיך מיט אַזאַ קראַפט, מיט אַזאַ פייער אַרויסגעריסען פון איהר ברוסט; דאָך ניט אַלעס, וואָס זי האָט געזאָגט האָב איך גוט פערשטאַנען. עס איז וואַהר, זי האָט מיר פערשפּראָכען, אַז איך וועל אויפוואַקסען וועל איך גוט פערשטעהן אַלעס, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, אָבער מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זייט איך האָב גערעדט מיט ווערא'ן, בין איך אויסגעוואַקסען אויף צעהן יאָהר; איך האָב זי געוואָלט זעהן און נאָך אַ מאָל ריידען מיט איהר, נאָך אַ מאָל הערען די הימלישע מוזיק פון איהר שטימע און בעגרייפען די גרויסע וואַהרהייטען, וואָס זי האָט אויסגעשפּראָכען.

געהן אַליין צו איהר אין הויז, האָב איך זיך ניט ענטשלאָסען. דאָך האָב איך געדיינקט, אַז אַ צופאַל וועט מיר העלפען. ביי אַ רייכען לאַנד־בעזיצער, וועלכער איז געוועזען גוט בעקאַנט מיט די פאָרטונאַלאָווס האָט געזאָלט זיין אויף מאָרגען אַ באַל. אַלע פאָר־טונאַלאָווס זיינען געוועזען איינגעלאַדען און זיי האָבען אויך צוגעזאָגט מיך מיטצונעהמען אויף דעם גרויסען באַל. איך האָב ווייניג וואָס געליעבט בעלער, דאָך דער געדאַנק, פיליכט וועל איך דאָרט בעגעגענען מיין ווערא, האָט מיך געמאַכט מיט אונגעדולד צו ערוואַרטען די שטונדע פון דעם גלענצענדען באַל. ענדליך האָב איך זיך אַרומגעדרעהט מיט דער גוטער סאָניע אין דעם פּראַכטפאָל בעלויכטעטען זאַל, אָנגעפּאַקט מיט רייך פערפוצטע דאַמען און הערען, צווישען וועלכע עס האָט אויך געשיינט, אין אַ הויכען קראַגען ביז צו די אויערען, מיין פעטערבורגער קריטיקער. איך

זיים ניט וואָרום, נאָר קוקענדיג אויף איהם האָב איך זיך עראינערט אָן אַ אידיאָט, וועלכען איך האָב אַ מאָל געזעהען אין אַ צירק פּילייכט איז עס געווען דער הויכער קראַגען, וואָס האָט מיך געבראַכט צו אַזאַ עראינערונג. די מוזיק האָט געשפּיעלט די זיסע וואַלצען פון שטראוס, פיעלע פיגורען האָבען זיך געדרעהט אַרום מיר, אָבער מיין ווערא'ן האָב איך ניט געזעהן, מיין ווערא איז ניט געווען צווישען זיי!

מיר איז אין גיכען נמאס געוואָרען די טאַנצעריי, די זשוזשעריי פון די זיידענע קליידלעך, די פּראַנטען מיט די דומע געזיכטער און די דאַמען מיט די צוקער־זיסע שמייכעלעך. איך האָב זיך שטיל אַרויסגע'גנב'עט פון זאַל און בין אַוועק וואַנדערען איבערן פעלד, וואָס האָט זיך געצויגען מיילען־ווייט אין יענער געגענד.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, אַ ליכטיגע. מיינע געדאַנקען וועגען ווערא'ן האָבען מיך ניט פערלאָזען ניט אויף אַ מינוט. „וואו קען זי איצט זיין?” האָב איך געטראַכט. „זאָל זי זיצען אַליין אין הויז?” איך בין אָבגעגאַנגען אַ 15 מינוט, ווען איך האָב בעמערקט ניט ווייט אַ קליינע מיט שטרוי בעדעקטע הייזקע. דאָרט האָט געוואוינט מיינער אַ גוט בעקאַנטער בויער, מיט'ן נאָמען ניקיטאַ. מיר פלעגען אָפּטמאָל געהן מיט איהם צוזאַמען אין וואַלד. ער פלעגט האַקען האָלץ און איך פלעג זוכען יאַגעדעס. איך האָב איהם שוין עטליכע טעג ניט געזעהען און האָב זיך איצט בעשלאָסען אַריינגעהן און זעהן וואָס מאַכט ניקיטאַ און זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ פלייסיגע ארבייטערין אויף'ן פעלד.

די קליינע בויער־הייזקע האָט געהאַט אַ פענסטערל צום פעלד, וואו עס האָט איצט געצאַנקט אַ שוואַך פייערל. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער און וואָס פאַר אַן אונערוואַרטעטעס בילד האָט זיך פלוצלונג פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען!

דאָס קלײנע הײזעל איז געװען קוים בעלויכטען פֿון אַ צאַנקענדען ליכטעל. אין אַ װינקעל אויף עטליכע צונויפֿגעהאַקטע ברעטער איז געלעגען די יונגע בויערטע קראַנק, בלאַס, װי דער טויט. גראַדע געגען איהר, אויף אַ הילצערנער באַנק, איז געזעסען װעראַ. איהרע שװאַרצע געדיכטע האָר זײנען װי שװערע כװאַליעס געפֿאַלען אויף איהרע אַקסלען. איהר געזיכט איז אויך געװען בלאַס און פֿערקומערט. זי האָט געהאַלטען אין איהרע הענד די דאַרע הענד פֿון דער קראַנקער בויערטע און האָט מיט איהרע זאַנפֿטע, סימפּאַטישע אויגען אַרײנגעקוקט אין די פֿערטרערטע אויגען פֿון דער לײדענדער שקלאַפֿין.

אין אַ צװײטען װינקעל איז געזעסען ניקיטאַ, זײן קאָפּ אַראָבגעלאָזען, זײן געזיכט בעהאַלטען אין די פּאָר גרויסע אַרבײטערהענד. איך האָב געזעהן, װי זײן ברוסט האָט זיך געהויבען. ער האָט געװײנט, ביטער געװײנט... אָרעמער ניקיטאַ! ער האָט אַזוי געליעבט זײן פֿרוי, זײן פֿלײסיגע מאַרינע! איך האָב געפֿיהלט, װי טרערען קײקלען זיך פֿון מײנע אויגען. איך האָב װי ניט װילענדיג זיך אָבגעקעהרט פֿון דער טרויעריגער סצענע און געװאָרפֿען אַ בליק אויף דעם רײכען פּאַלאַץ, װעלכער האָט געשײנט פֿון װײטען מיט טויזענד פֿײערען. דאָרט האָט איצט געקאָכט און גערוישט דער גרויסער גלענצענדער באַל. מוזיק האָט נעקלונגען. שאַמפּאַניער האָט געשוימט אין די גאָלדענע בעכערס. רײכע דאַמען האָבען זיך פּראַכטפֿאָל אַמוזירט... און דאָ, אין אַן אָרעמען הײזעל, בײ אַ צאַנקענדען ליכטעל, פֿערמאַטערט און צובראָכען פֿון נויט און זאָרג, האָט זיך אַ יונגעס מענשליכעס װעזען געראַנגעלט מיט דעם אונצײטיגען טויט. װער האָט אויסגעגראָבען פֿאַר איהר אין איהר לעבענס־פֿריהלינג אַ קאַלטע פֿינסטערע גרוב? װער?

נאָך מיט עטליכע טעג צוריק װאָלט איך ניט געקענט ריכטיג

ענטפֿערן אויף דיזע פֿראַגע. אָבער איצט, איצט, ווען ווערא, ווען דיזער מלאך האָט בעלויכטען מיין דונקעלע וועלטעל מיט איהר וואונדערבאַרע ערשיינונג, איצט האָב איך געוואוסט, ווער עס האָט פֿערמאַטערט, ווער עס האָט ערמאָרדעט דיזע יונגע זעעלע און נאָך אַנדערע טויזענדע שקלאַפֿינען, וואָס פֿאַלען, שטאַרבען אין שרעקליכען עלענד און נויט, אין דער צייט ווען די רייכע, די זאַטע אַמוזירען זיך אויף רייכע בעלער. — דיזעס בילד, דיזער קאָנטראַסט איז געווען פֿאַר מיר אַ שלאַגענדע אילוסטראַציאָן פֿון ווערא'ס ווערטער, פֿון איהרע טיעפֿע געדאַנקען! איצט, ווען עס זיינען שוין אַוועק פֿיעלע יאָהרען פֿון אַ שווערען לעבענס-קאַמפּף און ביטערע ערפֿאַהרונגען, ווען איך האָב שוין געהאַט די טרויע-ריגע געלעגענהייט צו זעהן ווי וויט, שרעקליך וויט, איז ביי פֿיעלע אונזערע ראַדיקאַלע טהוערס דאָס וואָרט פֿון טהאַט, איז ביי מיר נאָך טייערער, נאָך הייליגער די עראינערונג פֿון ווערא. זי האָט ניט נאָר געפּריידיגט, אַז מיר מוזען אַלעס אָפּפֿערען פֿאַר די אונטערדריקטע און ערנידעריגטע. נור אויך איהר האַרץ, איהר זעעלע, איהר יעדען געדאַנק, איהר גאַנצעס לעבען האָט זי אימער אָבגעגעבען צו די, וואָס האָבען געליטען, וואָס האָבען געטראָגען אויף זייערע פּלייצעס דאָס יאָך פֿון טיראַניי און דעספּאָטיזמוס. און אויב איך האָב אין מיין לעבען געשטרעבט, אַז מיין וואָרט זאָל ניט ווידערשפּרעכען מיין טהאַט, אַז מיין פֿעדער זאָל זיין נור דאָס עכאָ פֿון מיין האַרץ, דאַן בין איך דערמיט פֿערפֿפֿליכטעט צו דעם אידעאַל פֿון מיין יוגענד, צו ווערא'ן.

נאָך אייניגע מינוט בין איך אונבעמערקט געשטאַנען ביי דעם אָרעמען הייזעל. ענדליך האָב איך דערהערט שריט. ווערא איז שטיל, פֿערטראַכט אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם טרויעריגען נעסט פֿון אָרימקייט און אייביגע ליידען און האָט געריכטעט איהר גאַנג

איבער'ן ברייטען גרינעם פּעלד. איך בין אַ ווײלע נאָכגעגאַנגען. זי איז געווען פערטיעפט אין איהרע געדאַנקען און האָט מיך ניט בעמערקט.

— ווערא! — האָב איך ענדליך אַ רוף געטהאָן. זי האָט אַ לייכטען ציטער געגעבען און האָט זיך אומגעקוקט; איהר געזיכט האָט זיך בעדעקט מיט אַ פריינדליכען שמייכעל, ווען זי האָט בעגעגענט מיין בליק.

— אַזוי! זייט איהר גאָר דאָ, מיין יונגער דיכטער! — האָט זי זיך אָבגערופען, — איך האָב געדיינקט, איהר זייט איצט דאָרט, אויף דעם בעריהמטען באַל פון העררן באַלטשאַקאָוו!

— איך בין געווען דאָרט, — האָב איך געענטפערט. (איך האָב געפיהלט ווי מיין געזיכט ברענט פאַר שאַנדע) — אָבער איך האָב ניט געקענט דאָרט פערבלייבען. מיך שטיקט דיזע אויס־געפוצטע, קאַלטע געזעלשאַפט! — זי האָט מיך אַ ווײלע אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, געדאַנקען־רייכע אויגען.

— אַלזאָ, איהר ליעבט ניט יענע מיט זייד און בלומען פער־פוצטע שטיינער! יענע, אין גאָלד און דיאַמאַנטען אויסגעציערטע בעטלער! — האָט זי מיך געפרעגט, און אַ ביטערקייט, אַ טרויער אָהן אַן ענדע האָט זיך געהערט אין איהר שטימע.

— ווערא! — האָב איך אויסגערופען, ניט קענענדיג ווייטער איינהאַלטען די ליעבע, די אַכטונג, די פערגעטערונג, וואָס איך האָב געפיהלט צו איהר, צו דיזער נאָבעלער פרוי. — ווערא, זייט איך האָב אייך בעגעגענט, בין איך געוואָרען אַ גאַנץ אַנדער מענש, עס איז וואַהר, איך בין נאָך זעהר יונג, אָבער נויט און ליידען מאַכען דעם מענשען עלטער פון זיינע יאָהרען. איך האָב אייך פערשטאַנען, ווערא, ווען איך האָב אייך איצט געזעהן דאָרט ביי דעם בעט פון דער אָרעמער בויערטע, אַלס אַן ענגעל, אַ טרייסטער

פֿון די פֿערוואָגעלטע און עלענדע; — איך האָב אויך געזעהן די אַנדערע פֿרויען דאָרט, ווי זיי מאַנצען און קאָקעטירען, און דיינקען קיינמאָל אין זייער לעבען ניט וועגען די, וואָס שמאַכטען אָהן אַ היים, אָהן אַ פֿריינד, אָהן די נויטווענדיגסטע מיטלען צום לעבען. איך האָב זיי געזעהן אין זייער רייכטהום און איך האָס זיי; איך האַס זיי אַלס די פֿיינד פֿון די אָרעמע, אַלס די, וואָס ברייגגען אַריין די גרעסטע ליידען אין די הערצער פֿון זייערע שוועסטער און ברידער! ווערא, זאָגט מיר, וואָס איך זאָל טהאָן. איך בין בערייט אויף אַלעס; אייער יעדעס וואָרט איז פֿאַר מיר אַ הייליגטהום, איך קען מעהר ניט בלייבען ביי די פּאָרטוגאַלאָווס, איך וויל לעבען צווישען אַזעלכע מענשען, ווי איהר זייט. ווערא, צייגט מיר דעם וועג! לערענט מיך צו זיין ניצליך, צו זיין אַ וואַהרער, אַן ערנסטער מענש!

דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך גערעדט מיט אַזוי פֿיעל פֿייער. מיין שטימע האָט געציטערט, אָבער מיט יעדען וואָרט האָב איך געפֿיהלט, אַז איך זאָג איצט אַרויס דאָס, וואָס עס האָט שוין לאַנג מיך געדריקט. איך האָב אויך געפֿיהלט, דאָס צום ערשטען מאָהל אין מיין לעבען האָב איך בעגעגענט אַ פערזאָן, אין וועלכער עס זיינען פֿערבאָרגען די ריינסטע פערל פֿון מענשליכען גייסט. אַ פערזאָן, אין וועלכער עס האָבען זיך קריסטאַליזירט די שעהנסטע געדאַנקען, די עדעלסטע שטרעבונגען פֿון דער דיינקענדער מענשהייט. זי איז געוואָרען געריהרט פֿון מיין קינדערשער נאַאיוויטעט, מיט וועלכער איך האָב זי געבעטען צייגען מיר דעם וועג צום ליכט. איהרע אויגען זיינען געווען פֿייכט פֿון טרערען. זי האָט מיר דערלאַנגט איהר האַנד און האָט געזאָגט מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל:

— עס פֿרעהט מיך, דאָס מיינע ווערטער זיינען געפֿאַלען

אויף אַ גוטען באָדען. איך האָף, אַז איהר וועט זיין אימער דער ערנסטער פריינד פון די אָרעמע און אונטערדריקטע. איהר זייט נאָך גאַנץ יונג, לערנט די רוסישע ליטעראַטור, דיינקט איבער די שריפטען פון אַ ד אָ ב ר אָ ל י ו ב אָ ו, ב ע ל י נ ס ק י, פ י ס אַ ר ע ו, ט ש ע ר נ י ש ע ו ס ק י, זאָל נ ע ק ר אַ ס אָ ו'ס מוזע אייך דיענען פאַר אַ מאָדעל אין אייער שרייבען, דאָס לעבען פון אַ ר אַ כ־מ ע ט אָ ו — אין אייער לעבען. געדיינקט, אַז דער שוואכער קנעכט פאָדערט אַ פערטהיידיגער, דער שטאַרקער דעספאָט — אַ בעקעמפפער! די צייט וועט שוין קומען אַמאָל, ווען איהר וועט אַליין בעגרייפען, וואו דאָס שלאַכטפעלד איז און וואו עס זיינען אייערע וואַפען.

זי האָט מיר דערלאַנגט איהר האַנד און מיר האָבען זיך צושיידט. נאָר נאָך איין איינציגען מאָל האָב איך געזעהען ווערע'ן. דיזער ווידערזעהן איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט, אַזוי טרויעריג, אַז איך קען איהם קיינמאָל ניט פערגעסען. עס זיינען פערבייגע־גאַנגען עטליכע טעג נאָך מיין לעצטען געשפרעך מיט איהר אין פעלד. עס איז געווען אַזייגער 6 אין דער פריה. איך בין נאָך געלעגען אין בעט, מען האָט געשאָסען ערגעץ ניט ווייט פון פאָר־טוגאַלאָוו'ס הויז. עס האָט זיך געהערט אַ געשריי, אַ לויפעריי פון פיעלע פיס. איך האָב זיך אויפגעכאַפט, האָב זיך שנעל אָנ־געטהאָן און בין אַרויסגעלאָפען פון הויז. אַ גרויסע מאַסע מענשען האָט זיך צונויפגעקליבען ניט ווייט פון אונז, לעבען דעם הויז פון מיין ווערא. איך האָב געזעהן דאָרט אַ גאַנצע באַנדע פון זשאַנ־דאַרמען און פאָליציי־לייט. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אַרומגערינ־געלט מיט מענשען אין בלויע רעק.

„וואָס זאָל דאָס זיין?“ האָב איך זיך געפרעגט פערוואונדערט.

„מיין נאָבעלע ווערא?...“ אין דיזער מינוט האָב איך דערפיהלט

אַ שווערע האַנד אויף מיינע אַקסלען. לעבען מיר איז געשטאַנען דער פעטערבורגער קוזין, אָנגעטהאָן אין אַ זיידענעם מאָרגען־ראָק און האָט גערויכערט מיט גרויס פֿערגעניגען אַ האַוואַנאַ ציגאַר.

— פֿערשטעהט איהר וואָס דאָס מיינט? האָט ער מיך אַ פֿרעג געטהאָן, צייגענדיג מיט זיין ווייסען פֿינגער אויף די זשאַנדאַרמען.

— ניין! האָב איך איהם געענטפֿערט גאַנץ אונשולדיג. — פֿילייכט ווייסט איהר וואָס דאָס איז, ערקלעהרט מיר, איך בעט אייך.

— מיט דעט גרעסטען פֿערגניגען! האָט דער פֿראַנט געענטפֿערט און אַ טייפֿעלשער שפּאָט האָט זיך געהערט אין זיין טאָן. — דאָרט, אין יענעם הויז, האָט געוואוינט אַ געוויסע פֿריילין ווערא. דיזע ווערא האָט זיך ערלויבט צו זיין אַ געגנערין פֿון אונזער רעגירונג, פֿון אונזערע געזעצען. זי האָט זיך ערלויבט אויפֿצוהעצען די בויערן, פֿערשפּרייטען צווישען זיי אַ געפֿעהרליכע לעהרע, וועלכע וויל פֿערניכטען רעליגיאָן און די הייליגסטע טראַדיציאָן פֿון פֿאַמיליען־לעבען. זי האָט ביז איצט אַזוי קלוג געפֿיהרט איהרע געשעפֿטען, אַז קיינער האָט זי ניט געקענט כאַפּען. אָבער דער קייזער האָט נאָך גענוג פֿריינד און טרייע דיענער. מען האָט זי ענדליך געפּאַקט. זי האָט געהאַלטען די פּאָליציי ביז 30 מינוט דרויסען; אין דער צייט, ווי עס זעהט אויס, האָט זי פֿערברענט געפֿעהרליכע פּאַפּירען, פֿון וועלכע די פּאָליציי האָט איצט געפֿונען צוברענטע אַש. זי האָט דריי מאָל געשאָסען אויף די זשאַנדאַרמען, אום צו געווינען צייט און פֿערניכטען אַלע איהרע געהיימע בריעף. איך זאָג אייך, דאָס איז אַ געפֿעהרליכע זאַך. זיי ווילען אומבריינגען אונזער וועלט און מאַכען אַ כאַאָס, אַ געזעלשאַפֿט פֿון רויבער און מערדער!

— עס איז אַ ליגען! — האָב איך אויסגעשריען. — ווערא איז די נאָבעלסטע פֿרוי אין דער וועלט!

— כאַ! כאַ! — האָט ער זיך צולאַכט. — פּילייכט ווילט איהר זיך טהיילען מיט איהר שיקזאַל אין פּעטראָפּאַוולאָווסקי קריעפּאָסט!

אין דיזער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קלאַנג פון קייטען. איך האָב אַ ציטער געטהאָן און בין געלאָפען צו ווערא'ס הויז. בעגלייט פון זשאַנדאַרמען איז געגאַנגען ווערא, איהר געזיכט איז געווען בלאַס אָבער רוהיג און ענטשלאָסען. איהרע שעהנע, וואונדערבאַרע אויגען האָבען שטאָלץ און מוטהיג געקוקט אַרום זיך, איהרע הענד זיינען געווען געשמידט אין שווערע אייזערנע קייטען, וועלכע האָבען געקלונגען ביי יעדען שריט פון דער געפאַנגענער.

מען קען זיך פאָרשטעלען, ווי מיין האַרץ האָט אין מיר שרעקליך געקלאַפּט, ווי טרערען זיינען געלאָפען פון מיינע אויגען, ווען איך האָב דערזעהן די גוטע, די נאָבעלע ווערא אין די הענד פון די בייזע זשאַנדאַרמען, געשמידט אין קייטען ווי אַ פערברעכערין! מיין האַרץ האָט זיך געריסען צו איהר, איך האָב געוואָלט כאָטש איין מאָל אויסריידען אַ וואָרט מיט איהר, פאַלען צו איהרע פיס, קושען די קייטען, וואָס זי האָט געטראָגען פאַר איהר הייליגער ליעבע צו די אָרעמע און אונטערדריקטע. נאָך אַ מאָמענט און זי וועט זיין פערשוואונדען פאַר מיר! די שווערע טהירען פון קאַזעמעט וועלען זי צודעקען, אויף אייביג פילייכט! ניין, איך מוז צוגעהן צו איהר, זאָגען דעם לעצטען אַדיע! — איך געדיינק, ווי איך האָב זיך דורכגעשלאָגען דורך דער מאַסע. און בליץ־שנעל זיך דורכגעדריקט דורך די זשאַנדאַרמען, צווישען וועלכע עס איז געשטאַנען ווערא.

— ווערא! האָב איך אויסגעשריען. — זי האָט אויף מיר געוואָרפען איהר זאַנפטען פריינדליכען בליק, אָבער אין דעם זעלבען מאָמענט האָבען צוויי שטאַרקע הענד מיך אָבגעריסען פון

איהר און מיך ווילד אוועקגעשלעפט צוריק. איך בין געפאלען אויף דער גאס און א ביטערער געוויין האט זיך ארויסגעריסען פון מיין ברוסט. ווי דורך א טרוים האב איך געהערט דאס צופאהרען פון א קארעטע און דאס קלינגען פון זשאנדארמסקע שווערדען און ווערא'ס קייטען. ווען איך בין געקומען צו זיך איז שוין די גאס געווען ליידיג. נאר אויף דעם באלקאן פון פארטוגאלאוו'ס הויז האב איך בעמערקט די העסליכע פיגור פון דעם פעטערבורגער טויגניכטס. ער איז געזעסען אין זיין זיידענעם מארגען־ראק, מיט דעם האוואנא ציגאר אין האנד, און מיט א שפאטישען שמייכעל אויף זיין צופרידענעם געזיכט האט ער אראבגעקוקט אויף מיר.

— —

וואס איז געווארען פון ווערא'ן? איך ווייס ניט. וואהרשיינליך האט זי געטראפען דאס טרויעריגע שיקזאל פון אלע רוסישע קעמפפער. — ג א ל ג ע ן און ס י ב י ר, דאס זיינען פארלויפיג די לארבער־קראנצען, מיט וועלכע די רוסישע דעספאטען קרוינען די בעסטע פרויען און מענער פון אונגליקליכען רוסלאנד. — איך בין אבגעריסען פון מיין ווערא, פון דיזען זעלטענעם, נאבעלען כאראקטער, וועלכען איך האב קיינמאל נאך א מאל ניט בעגעגענט אין מיין לעבען. אויף דעם אמעריקאנער סאציאלען שלאכטפעלד קען מען נאך א מאל בעמערקען דעם שאטען פון א זשעליאבאוו, נאר אומזיסט וועט איהר זוכען א פונק פון א ס א פ י ע פ ע ר א ו ו ס ק א י א, א גייסטרייכעס בילד פון א ו ו ע ר א; דער אמעריקאנער באדען איז פארלויפיג צו ארעם פאר אזעלכע בלומען. איהר קענט זיי דא ניט זעהן, ווען איהר טהוט אן אפילו די פערגרעסערונגס־גלעזער פון דעם היציגסטען ענטהוזיאזמוס.

וועט עס אימער אזוי זיין? אלס מענשען, וועלכע אנערקענען די געזעצען פון עוואלוציאן, פון פארטשריט, מוזען מיר צוגעבען, אז אויך די אמעריקאנישע פרויען וועלען מיט דער צייט ענטוויקלען אין זיך מעהר גייסטרייכע, ענערגישע כאראקטערע. **פארלויפיג אבער בלייבט ווערא מיין איין און איינציגער אידעאל.**

א בריעף פון א זעלבסטמערדער.

אד, וואס פאר א וואונדער־שעהנע נאכט!

דער הימעל איז אזוי בלוי, די שטערען פינקלען, ווי ריינע בריליאנטען. עס הערען זיך פון ווייטען די זיסע טרעלען פון א נאכטיגאל. אלעס איז אזוי פראכטפאל, פונקט ווי אין די פראנצויזישע ראמאנען, וועלכע איך האב אמאל געלעזען מיט יוגענד־ליכער ליידענשאפט.

אמאל וואלט איך אין אזא נאכט געטרוימט פון ליעבע, פון צוויי צארטע פערליעבטע הערצער, וואס גיסען זיך צונויף אין איין הארמאניע. איצט איז עס אנדערש. איצט טרוים איך פון טויט, פון א שטילען, רוהיגען, קאלטען קבר, וואו אין הארצען און אין מח ברענען נים קיין ליידענשאפטען; וואו עס טראגען זיך נים ארום, ווי שווארצע שטורמפויגלען, פינסטערע, שווערע געדאנקען. ניין, אין קבר איז אלעס שטיל, רוהיג, קאלט, טויט.

איצט בין איך א גאנץ אנדער מענש! אמאל האב איך זיך געבוקט פאר דער נאטור, ווי פאר א הייליגער געטין, איצט אבער קוק איך אויף איהר ווי אויף אן אלטע, אויסגעפוצטע קאקעטקע, אדער — צו וואס לייקענען דעם אמת? איך קוק אויף דער רייצענדער נאטור, ווי אויף א גלענצענדער פראסטיטוטקע, וועלכע גיט זיך אב בלויז דעם רייכען. אה! די פיינע, אויסגעארעלטע עסטע־טיקער קריצען מיט די ציין! ווי וואג איך עס צו פערגלייכען די

הייליגע נאַטור מיט אַזאַ אוננאַטירליכקייט! און דאָך איז עס אַזוי. ווער געניסט די שעהנהייטען פון דער נאַטור? ווער קוויקט זיך מיט איהר וויין? ווער איז גליקליך אויף איהר בלומען־ברוסט? דער רייכער, דער וואָס קען בעצאָהלען. דעם אָרעמאַן, דעם עלענ־דען, צורייצט זי נור מיט איהרע שעהנהייטען.

אָבער וואָס רייד איך פון דער נאַטור, אַקוראַט ווי זי וואָלט געקענט פיהלען, דיינקען? אַך, דאָס איז אַן אַלטע געוואוינהייט, אַן אַלטער אָבערגלויבען. איך האָב זיך אַזוי פיעל אָנגעלעזען און אָנגעהערט פון דער „הייליגער מוטער נאַטור", אַז איך האָב זי תמיד בעטראַכט פאַר עטוואָס מענשליכעס, פיהלענדעס.

הייליגע מוטער נאַטור! ניין! אַ מוטער וואָלט ניט געשיינט אַזוי פרעהליך און פרעכטיג מיט טויזענדע שטערען, וואָלט זיך ניט אויסגעפּוצט אין אַ בלויען בלומען־קלייד, ווען איהר קינד געזעגענט זיך דעם לעצטען מאָל מיט איהר? וואָס זאָג איך? בין איך דען דער איינציגער, וואָס געזעגענט זיך מיט דער וועלט אין דער בליה־הונגס־צייט פון זיין לעבען? וויפיעל מענשען־קינדער, אונשולדיגע, עדעלע, פלוכען איצט די שטונדע, אין וועלכע זיי זיינען געבאָרען געוואָרען אין אַלע גרויסע און קליינע טהיילען פון דער וועלט? און זי? די נאַטור, די מוטער פון דער מענשהייט, זי איז אויסגעפּוצט, צונעגלעט, אויסגעציערט אין בלומען און בריליאַנטען, פּונקט ווי אַ קאַלטע קאָקעטקע, וואָס האָט זיך צוגעגרייט צו אַ קייזערליכען באַל, וואו עס ערוואַרטען איהר איהרע רייכע ליעבהאָבער?

יאָ, אויב די נאַטור איז אונזער מוטער, איז דאָס אַ מוטער, וועלכע ברייננט אום איהרע בעסטע קינדער, די, וועלכע האָבען נאָך

א געווימען, וועלכע טראָגען נאָך אין הארצען א פונק פון מענשען־ליעבע און געדעכטיגקייט; זי ברייגגט זיי אום מיט א שטאָלצען שמייכעל אויף איהר הימלישען געזיכט און בעגלייט זיי צום קבר מיט פויגעל־געזאַנג און זונען־שטראַהלען!

וואָס טרייבט מיך צום טויט?

אונגליקליכע ליעבע? ניין, איך האָב קיינמאָל ניט געליעבט. איך האָב נור געטרוימט פון ראָמאַנטישע, ריטערליכע ליעבע. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די פרוי אלס בעצויבערענדען אידעאַל, אלס די ריינסטע פערעל פון שעהנהייט, צערטליכקייט, הומאַניטעט, — ווען איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט פרויען, האָב איך אין זיי ניט געפונען מיין אידעאַל.

זיי זיינען געווען ניט שעהן; האָבען גערעדט, געקוקט, געגאַנגען, אקוראַט ווי זיי וואָלטען געווען אויף א טהעאַטער־ביהנע. איינפאַכקייט, נאַטירליכקייט האָט זיי געפעהלט. זיי איז זעהר געפעלען געוואָרען מיין ענטהוזיאַזם, מיין ליעבע צו דער ליידענדער מענשהייט; אבער ווען איך האָב צו זיי גערעדט פון אונזערע פליכטען צו די ליידענדע און ערנידעריגטע, האָבען זיי אויף מיר געקוקט, ווי קינדער אויף זייערע ניאַנקעס, ווען זיי דערצעהלען א מעשה פון טויזענד־און־איין־נאַכט. דאָס ערענסטע, דאָס פרינציפיעלע, ניט אלטעגליכע האָבען זיי ניט געקענט בעגרייפען. זיי האָט מעהר אינטערעסירט צו וויסען, וויפיעל איך „פערדיען“, איידער צו וועלכער אידעע איך דיען. איך האָב זיי ניט בעשולדיגט אין זייער קליינגייסטיגקייט. איך האָב געהאַט מיטלייד מיט זיי, אָבער ליעבען האָב איך זיי ניט געקענט.

טרייבט מיך די אָרימקייט צו אן אונצייטיגען טויט?

ניין! די אָרימקייט וואָלט מיך ניט געקענט פערטרייבען פון דער וועלט, ווען איך זאָל פיהלען נאָר מיין אייגענעם דלות אליין, מיך פערטרייבט פון דער וועלט די אָרימקייט פון טויזענדע דערשלאָגענע, פערוואָגעלטע, קרעכצענדע און בלוטענדע מענשען־קינדער.

זאָגט ניט, אַז דאָס איז בלויז א פראַזע. (איך וויל ניט מאַכען פון מיין טויט אן אדווערטייזמענט פאר מיין „נאַבעלע“ פּערזאָן.) ניין! איך האָס צופיעל די וועלט, אום זיך צו אינטערעסירען, וואָס מען וועט זאָגען אויף מיר נאָך מיין טויט.

דער אמת איז, אַז ניט מיינע פּערזענליכע ליידען טרייבען מיך צו א פרייוויליגען טויט. איך בין פון קינדהייט אָן געוואוינט צו ליידען, צו פלאָגען זיך. צו ראַנגלען זיך מיט דער נויטה. אבער אויך פון קינדהייט אָן האָט זיך אין מיר ענטוויקעלט די ליעבע צו מענשען און א פייערינע ליידענשאַפט, צו בעטראַכטען זייער לעבען, צו פערשטעהן וואָס זיי דיינקען, צו וויסען וואָס זיי פיהלען. קיין זאך אין דער וועלט האָט מיך אזוי ניט אינטערעסירט, ווי דער מענש גופא. איך האָב קיינמאָל ניט געדיינקט וועגען רייכטהום, וועגען א גרויסען נאָמען, וועגען א וויסענשאַפטליכען טיטול. איך האָב אָבער אימער און אימער געטראַכט וועגען מענשען. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זייערע געזיכטער, אין זייערע אויגען, אין די פענסטער פון זייערע וואוינונגען און האָב זיך בעמיהט צו שטודירען, ווי אזוי זיי לעבען, צו וואָס זיי שטרעבען, וועך עס העלפט זיי אין זייערע שטרעבונגען און וועך עס שטערט זיי צו ערגרייכען זייער ציעל. א טאָג ניט זעהן קיין מענשען איז פאַר מיר געווען אונערטרעגליך, גוט האָב איך זיך געפיהלט נור צווישען א גרויסער מחנה מענשען. יעדער מענשליכע געזיכט איז געווען פאַר מיר אַן אינטערעסאַנטעס

בוך; יעדע נייע פּאָר אויגען—הייליגע פענסטער פון א מענשליכער נשמה, אין וועלכע איך האָב אריינגעקוקט מיט ברענענדער ליידענ־שאַפט, פונקט ווי מען קוקט זיך איין אין אן אינטערעסאנטע פּאַ־נראַמאַ.

מיין בעאָבאַכטונגס־קראַפט האָט שנעל געוואקסען.

איך פלעג בעמערקען טרערען דאָרט וואו אנדערע האָבען בע־מערקט נור א זיסען שמייכעל; איך האָב געהערט זיפצען און קרעכצען, וואו אנדערע האָבען געהערט א זאָרגלאָזען געלעכטער. מיין אויג האָט זיך צוגעוואוינט דורכצודרינגען דעם פאָרהאַנג, אונטער וועלכען עס האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט די טרויעריגסטע לעבענס־דראַמען.

מיינע קאַמעראַדען זיינען געווען פערנומען מיט זייער שטודיום, מיט זייער קאַריערע, מיט פּריוואַט־געשעפטען, מיט פרויען־ליבע, מיט געלד־זאָרגען; איך האָב מיט גרויסער אַנשטריינגונג זיך אויס־געלערנט א מלאכה, דורך וועלכען איך האָב געקענט פערדיענען מיין ברויט און האָב מעהר ניט געטראַכט וועגען זיך. איך האָב ניט געקענט רוהיג לעזען א בוך, אדער אַבגעבען זיך מיט א שטודיום. פאַר מיינע אויגען האָבען אימער געשוועבט די אונגליקליכע, דער־שלאָגענע, פערוואָגעלטע מענשליכע וועזענס, וועלכע איך האָב גוט געקענט. איך האָב אויסגעלערנט די אָרימקייט, איך האָב געוואוסט, ווי די זון ברענט זיי זומער־צייט; איך האָב געוואוסט, ווי זיי הונ־גערען, ווי זיי קריינקען, ווי זיי שטאַרבען פון נויטה און בעשטענ־דיגען פלאָגען זיך. די הארצרייסענדע בילדער פון הימעל־שרייענ־דער אָרימקייט האָבען מיך פערפאָלגט, ווי שרעקליכע שדים, ווי פערבלוטיגטע גייסטער.

איך בין געווארען אונגעדולדיג. א פלאקערנדער האס צו די רייכע, צו די זאטע, צו די לייכטזיניגע האט ארומגעכאפט מיין גאנצע זעעלע; איך האב געקריצט מיט די צייהן און האב זיך געריסען די האר, זעהענדיג די שרעקליכע ליידען פון די ארעמע און פיהלענדיג, ווי אונמעכטיג, ווי עלענד איך בין.

איך האב גערופען צו מלחמה, צו נקמה! מיין האנד האט זיך געצויגען צום שווערד, מיין הארץ האט געדורשט נאך בלוט. יא! נאכ'ן בלוט פון יענע, וועלכע האבען אריינגעבראכט אין דער וועלט גיפט, שרעקליכע און אונערטרעגליכע אונגליקען! פערוואנדלען זייערע פאלאסטען אין אש, זייערע קרוינען צוטרעטען מיט די פיס, אויף זייערע קרעכצען אונטער מיין שווערד, ענטפערן מיט א טייפעלשען געלעכטער — דאס איז געווארען דער ליידענשאפטליכער בעגעהר פון מיין צובראכענער, ליידענדער נשמה.

הא! וואס? איהר קוקט מיך אן, ווי א ווילדען: „וואס פאר בלוט־דורשטיגע משוגע'נע געדאנקען דער מענש האט געהאט!“ וועט איהר זאגען.

איך קען אייך, איהר אנשטענדיגע צבוע'קעס! איהר פריעדליכע פייגלינגע! זאגט מיר, ווייסט איהר די מענשליכע ארימקייט? קענט איהר זי? האט איהר זי געפיהלט, ווי איך? האט איהר געצעהלט די טרערען פון די אונגליקליכע? האט איהר געזעהן דאס בלוט פון זייערע וואונדען? שטעלט אייך פאר, אז אייער אייגענע שוועסטער פערקויפט זיך אויף דער גאס! שטעלט אייך פאר, אז אייער אייגענע אלטינקע מאמע וואשט גרעט פאר א יונגער רייכער, פעטער דאמע! אז אייער אלטער פאטער פוצט די שיך פון א רייכען סוחר! שטעלט אייך פאר א פאטער, וועלכער זוכט מיטלען,

ווי אַזוי צו דערשטיקען זיין אייגען קינד, וואָס ליגט נאָך אונטער'ן הארצען פון דער אָרעמער מוטער, ווייל ער האָט ניט פאַר איהם קיין ברויט און קיין ווינקעל אויף דער גרויסער וועלט! שטעלט אייך פאַר אויף א ווײַלע, דאָס אייער איינציג קליין קינד שטאַרבט אין א פערשטיקטען טענעמענט־הויז, ווייל עס האָט ניט געהאַט גענוג לופט, גענוג פרישע נאַהרונג! אָט צאַפּעלט עס זיך פאַר אייערע אויגען אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען; זיינע אונשולדיגע אויגעלאך קוקען נאָך אויף אייך, אַזוי ווי זיי וואָלטען געפרעגט: „פארוואָס, פאָטער, פארוואָס?“ קענט איהר אייך דאָס אַלעס פאָר־שטעלען? קענט איהר מיר זאָגען, אז אויב מיין הארץ איז ניט פון שטיין, האָב איך געקענט אין מיר דערשטיקען דעם דורשט נאָך בלוטיגער נקמה, וועלכע קלינגט אַזוי ווילד אין אייערע אויערען?

יאָ, איך האָב געדורשט נאָך'ן בלוט פון די, וועלכע זיינען פער־אַנטוואָרטליך פאַר אָט די אַלע שרעקליכע פערברעכען געגען דער מענשהייט!

אָבער וואָרום האָב איך דאָס ניט געטהאָן? וואָרום האָב איך ניט דורכגעבויערט מיט מיין שווערד די שלאַנגען־הערצער פון די צבועקעס, פון יענע, וועלכע איך האָב אָנערקענט פאַר שולדיג?

איך האָב דאָס ניט געטהאָן, ווייל איך בין א שוועכלינג, א טרוס, ווי איהר אַלע. דער אונטערשיעד איז נאָר, דאָס מיך פּלאָגט, טיראַניזירט דאָס געפיהל פון מיין שוואַכקייט, פון מיין מאַכטלאָ־זיגקייט; דאָס דיזעס ביטערע געפיהל ברענט אין מיין ברוסט, ווי א העליש פייער און טרייבט מיך אין קאַלטען קבר; איהר אָבער, איהר זייט צופרידענע טרוסען. איהר וועט נאָך לאַנג פערבלייבען אויף דער וועלט־ביהנע צו שפּיעלען די קלעגליכע ראָלע פון קאַלטע

פילאָזאָפען, פון פריעדליכע היפּאָקריטען און אָבגעשמאַקטע ליבע־ראַלען. אויך איהר זייט זעלבסטמערדער! דער אונטערשיעד איז נאַר, דאָס איך וועל בעגעהן זעלבסטמאָרד אין איין רגע און אייער זעלבסטמאָרד וועט דויערען יאָהרען־לאַנג. איהר וועט ביסלעכווייז אויסמאָרדען אין זיך אַלעס מענשליכע, עדעלע, גייסטיגע. וואָכע־דיגע גראַשען־זאָרגען וועלען אייך אין גאַנצען אריינכאַפּען אין די שמוציגע לאַפּעס. איהר וועט שטאַרבען „אינטש ביי אינטש".

זאָל איך עס בעדויערען? ניין! מיר זיינען צו אַלט פאַר דעם נייעם קאַמף. נייע, פרישע, לעבעדיגע קעמפער שטעלען זיך שוין איצט אין די רייהען פון דעם אָרעמען פאָלק. אויך איך האָב אמאָל געטרוימט צו זיין איינער פון זיי, צו טראָגען שטאָלץ אויף מיין קאָפּ דעם בלומענקראַנץ פון א מעכטיגען קעמפער; עס איז אבער אויסגעקומען אַנדערש. איך האָב געלעבט צו האַסטיג, צו שנעל. מיין גייסטיגער מאָגען האָט זיך ענטוויקעלט שנעלער, ווי איך האָב געקענט קריגען פאַר איהם נאַהרונג; איך בין געשטאָרבען פון גייס־טיגען הונגער. מיינע אויגען האָבען געהונגערט, ניט זעהענדיג קיין מענשליכעם גליק; מיין האַרץ האָט געהונגערט, ווייל עס האָט ניט געפונען קיין מענשליכע ליעבע; מיין גאַנצעס וועזען האָט זיך גע־ריסען צום לעבען, צו טהעטיגקייט, צו ליכט און ארום מיר איז אלעס געווען — קאַלט, שלעפעריג, פינסטער, דורכגעווייקט מיט טרערען... טויט! גענוג! די לעצטע שטונדע האָט געשלאָגען!

וואָס זאָל זיין מיין לעצטעס וואָרט?

זאָל עס זיין א פלוך, א דרייפאַכער פלוך דער קאַלטער, היפּאָ־קריטישער וועלט, וועלכע האָט אָוועקגערויבט פון מיר מיינע גאָל־דענע טרוימען, מיינע הייליגע האָפנונגען, מיין רעכט צו לעבען, צו

ליעבען און צו געניסען? זאל מיין לעצטעס ווארט זיין א קלאגע געגען דער וואהנזיניגער, ברוטאלער געזעלשאפט, וועלכע טראמפעלט מיט די פיס אויף אלעס, וואס איז מענשליך, נאבעל און ערליך? ניין! מיין לעצטעס ווארט וועט ניט זיין קיין קלאגע, ווייל פלוכען און קלאגען געהערט צו דער פערשקלאפטער געגענווארט; איך אבער בין תמיד געווען מיט מיין הארץ, מיט מיין יעדען געדאנק א קינד פון דער צוקונפט, פון דער פרייער גאלדענער צוקונפט.

ניין! מיין לעצטעס ווארט צו דער היפאקריטישער וועלט וועט זיין — א נבואה.

איך שטארב, אבער דער פרייהייטס-גייסט, דער גייסט, וועלכער איז געווען מיין גאנצע פרייד, מיין איינציגע טרייסט, בלייבט לע־בען! איהם קענט איהר ניט טרייבען צו זעלבסטמארד. איהם קענט איהר אויך ניט מארדען; ער וועט לעבען און וועט אייך בעקעמפען. ער וועט צוברעכען זיין פלאמענדע שווערד אן די טראהנען פון הער־שאפט און וועט זיי פערניכטען. ער וועט צושמעטערען די קייטען, וועלכע האלטען צוגעשמידט מיליאנען מענשען צו ארימקייט און אונערטרעגליכע ליידען. דער שטורמס איז נאהענט! אבער נאך דעם שטורם וועט קומען א פרייער, שטילער פריעדליכער זונען-טאג. די פרייהליגגס-בלומען וועלען בילדען א פראכטפאלען קראנץ פאר דער בעפרייטער מענשהייט. דיזער הייליגער בלומענקראנץ וועט אויך פאלען אויף דעם עלענדען קבר פון דעם זעלבסטמערדער, ווייל אויך ער איז געשטארבען ליעבענדיג פרייהייט און זונענשיין.

דער זייגער שלאגט דריי. די זילבערנע שטראהלען פון דער בלאסער לבנה שפיעלען אויף דאס שטאלענע הענטעל פון מיין רע־וואלווער. ציטער ניט, מיין האנד! פון לעבען צום טויט איז בלויז איין רגע רייזע!

הונדערט יאָהר שפּעטער.

(א בליק אין די צוקונפט.)

א פּראַכטפאָלער זומער־טאָג. די זון שיינט און לייכט פון בלויען הימעל־געוועלב.

פאַר אונז שטעהען קינסטלעריש־געבויטע הייזער, ניט הויך, מיט גרויסע פענסטער, וועלכע קוקען ארויס אין קליינע בלומען־גאַרטענס; די גאַסען זיינען געפּלאַסטערט מיט ווייסען גראַניט. דאָ און דאָרט זעהט מען זילבערנע פאָנטאַנען שפּריצען צום הימעל זייערע דינע פּערל־שטראַמען. פון ביידע זייטען טראָטואַר שטעהען הויכע גריי־נע בוימער, אלע טהירען און פענסטער זיינען אָפען. מוזיק, לידער, פויגעל־געזאַנג הערט זיך פון אלע זייטען. דער מענש און די נאַטור טריאומפירען אין לעבענס־קראַפט און לעבענס־לוסט.

אין איינעם פון די בלומען־גאַרטענס זיצען צוויי יונגע לייט. ביידע זעהען אויס שעהן, געזונד, פיזיש און גייסטיג ענטוויקעלט. איינער פון זיי האַלט א בוך אין דער האַנד, דער צווייטער זיצט און בעטראַכט די שעהנע לאַנדשאַפט, וועלכע ליגט פאַר זיינע אויגען.

דעם, וואָס מיט'ן בוך, וועלען מיר רופען ג ע אָ ר ג, דעם צווייטען — ר אַ פ אַ ע ל.

— האָסט דו שוין געלעזען דיזעס בוך? — פרעגט געאָרג.

— ניין, איך האָב געהערט פון איהם, אָבער נאָך ניט געלעזען, — ענטפערט ראַפאַעל.

— איך האָב איהם נאָר וואָס דורכגעלעזען, — זאָגט געאָרג.

— דאָס בוך הייסט „בילדער און פאַקטען פון 19טען יאָהרהונדערט“. איך מוז דיר מודה זיין, אז איך הויב ניט אָן צו גלויבען אין דיזע פאַקטען. נאָך מיין מיינונג, איז דאָס א פאַבעל, וועלכע האָט פאַר אונז קיין שום זין ניט, אָדער א טרוים פון א קראַנקער פאַנטאַזיע.

— לעז מיר פאַר עטוואָס פון דיזע פאַקטען, — האָט זיך ראַפאַעל געווענדעט צו זיין קאַמעראַד.

— גוט, הער זיך איין.

געאָרג האָט אָנגעפאַנגען צו לעזען:

„נאָך אין סוף פון 19טען יאָהרהונדערט איז די מענשהייט געווען געטהיילט אין 3 קלאַסען: רויבער, פּפאַפען און קנעכט. די רויבער האָבען געטראָגען פערשידענע נעמען, ווי קעניג, מייסטער, אָדער פּרעזידענט. דעם שקלאַף פלעגט מען אויך רופען: לויב־ארביימער. ווען ער האָט רעבעלירט געגען די רויבער, האָט ער געהייסען סאָציאַליסט אדער אַנאַרכיסט.

„מיליאָנען קנעכט האָבען געארבייט פאַר עטליכע הונדערט רויבער. די רויבער צוזאַמען מיט די פּפאַפען פלעגען פערבלענדען דעם שקלאַף די אויגען. זיי פלעגען איהם זאָגען, אז גאָט האָט אזוי געהייסען, זיי פלעגען איהם נאָר געבען אזוי פיעל נאַהרונג, וויפיעל עס איז געווען נויטווענדיג, ער זאָל ווייטער קענען ארבייטען פאַר זיינע מייסטער אָדער רויבער.

„די רויבער האָבען געלעבט אין רייכע פּאַלאַצען; די קנעכט האָבען געשמאַכטעט אין פינסטערע, ענגע גריבער. די רויבער פלעגען מאַכען בעלער, וועלכע פלעגען קאָסטען טויזענדער און צעהנדליגע טויזענדער דאָלאַרס; דער שקלאַף פלעגט זיך זאַט ניט אָנעסען מיט ברויט, און ווען ער פלעגט שטאַרבען אונטער דעם ביטערען

שקלאפען־יאך, איז ניט געווען מיט וואס איהם צו בענראבען. דעם רויבער'ס פרוי איז געגאנגען געקליידעט אין זייד, אין גאלד, אין דיאמאנטען; די פרוי פון'ם שקלאף איז געגאנגען אין טראנטעס. די זיהן פון'ם רויבער פלעגען זיך בילדען און זיצען אין די באנקען און פארלאמענטען; די זיהן פון'ם שקלאף — וואקסען אין אונוויסענהייט, זיין שקלאפען אדער פערברעכער.

„די טעכטער פון די רויבער האבען געלעבט אין לוקסוס און איבערפלוס, זיי פלעגען הייראטהען רייכע פרינצען און רייכע לײדיגגעהער; די טעכטער פון די שקלאפען האבען געלעבט אין נויטה, האבען געליטען הונגער און קעלט. זיי זיינען געווען שקלאפען און שקלאפינען און האבען געהייראטהעט שקלאפען. דער הונגער פלעגט זיי צווינגען צו פערקויפען זייערע ליבער צו די, וואס האבען זגי פערשקלאפט און ערנידעריגט.

„עס האט עקזיסטירט א גוט־ארגאניזירטע רויבער־באנדע, וועלכע האט געזארגט, אז דער שקלאף זאל ניט קענען צוברעכען זיינע קייטען און פערניכטען זיינע פייניגער. דיזע רויבער־באנדע האט געהייסען „שטאאט“. דיזער שטאאט האט געהאט „געזעצען“ און מיליטער מיט מארד־אינסטרומענטען. די געזעצען זיינען געווען פערפאסט פון דערזעלבער רויבער־באנדע, וואס האט געלעבט פון דעם שוויים און בלוט פון טויזענדע שקלאפען. דאס געזעץ האט געלויטעט: „אלעס, וואס מיר רויבען אוועק פון אייך, איז אונזער הייליגעס אייגענטהום. ווען איהר וועט ניט אכטען אונזער געזעץ, וועלען מיר אייך צווינגען דערצו דורך קערקער, פולווער און בליי. וויפיעל ברויט מיר גיבען אייך, דארף זיין פאר אייך גענוג. אין וואס פאר שמוציגע, פערפעסטעטע גריבער איהר זאלט ניט וואוינען,

דארפט איהר זיין צופרידען. איהר, אייערע פרויען און קינדער זייגען אונזערע שקלאפען. איהר זייט אונצופרידען? עס וועט אייך ניט העלפען; מיר האבען די מאכט! מיר האבען מיליטער! מיר האבען העק, שטריק, ביקסען, קאנאנען, הענקער, בלוט־הינט און פאפען, וועלכע וועלען מיט זייערע שווארצע קאפאטעס פערדעקען פון אייך די זון, איהר זאלט ניט זעהן אייערע קייטען, אייערע וואונדען, די טרערען און שאנד פון אייערע פרויען און קינדער. מיר וועלען אייך שלעפען אין די קערקערס. מיר וועלען אייך פייניגען. מיר וועלען אייך ווערגען און דערשיסען ווי די הינד. וואס קענט איהר אונז טהאן? מיר האבען די מאכט, איהר האט נאר טרערען. אייערע פראפעטען שרייען, אז דער טאג פון אויפשטאנד, דער טאג פון אברעכנונג איז נאהענט; מיר קרייציגען אייערע פראפעטען און ביז דער טאג וועט קומען, וועלען מיר אין דער פינסטערניש זיך באדען אין אייערע טרערען און בלוט".

דא האט זיך געארג אבגעשטעלט און האט אויפגעהויבען זיינע אויגען צו זיין פריינד.

ראפאעל האט זיך פערטראכט און האט געשוויגען.

— שרעקליך! שרעקליך! — האט ער געמורמעלט. — איז עס מעגליך, דאס דיזעלבע מענשען, וואס מיר זעהען איצט, האבען ניט מעהר ווי הונדערט יאהר צוריק אזוי בארבאריש געשטיקט און גע־דריקט זייערע מיטמענשען?

— איך האב דאך דיר פריהער געזאגט, — האט זיך אבגערופען געארג, — אז איך בעטראכט דאס ניט אלס היסטארישע פאקטען, נאר אלס פאבעל. גלויבען, אז מענשען זייגען געוועזען אזוי אונ־

מענשליך, איז פאר מיר אונמעגליך. דאך ווארט, איך וועל דיר פארלעזען נאך א פאר אינטערעסאנטע שטעלען.

„אין דערזעלבער צייט האט זיך די מענשהייט געטהיילט אויף פערשידענע נאציאנען, די ערד־קוגעל אויף פארשידענע לענדער. יעדע גרויסע נאציאן האט געהאט איהר אייגען לאנד, וואס איז געווען אבגעטיילט פון דעם צווייטען מיט א וואנד. איין שריט פון דער וואנד, האט שוין געהייסען „פרעמדעס לאנד".

יעדע נאציאן האט געשטרעבט צו פערגרעסערען איהר לאנד. זי פלעגט בעוואפענען איהרע יונגע לייט מיט מארד־אינסטרומענטען און שיקען זיי אנפאלען אויפ'ן שכן און אוועקנעהמען פון איהם שטעדט, אדער זיין גאנצעס לאנד.

„איבער א שטיקעל ערד פלעגען זיך גיסען טייכען בלוט. פעלדער און קארן פלעגען בעדעקט ווערען מיט טויטע קערפער. הונגער און פעסט פלעגען פערניכטען און פערגיפטען טויזענדער מענשען.

„נ א צ י א נ א ל ־ ה א ס האט געהייסען דער האס צו די מיטמענשען, וועלכע שטאמען ניט פון דעם זעלבען שטיקעל לאנד, אדער ריידען ניט דיזעלבע שפראך.

„די אידען, אלס די פעהיגסטע דורכלייגער פון א בעקוועמען לעבענס־וועג, אלס א פאלק אהן מיליטער, אהן אן אייגען לאנד, האבען געליטען שרעקליך פון די בארבארישע נאציאנען. מען פלעגט זיי בעהאנדלען ערגער ווי די הינט; מען פלעגט זיי שמידען אין קייטען, זייער פערמעגען בערויבען, זייערע טעכטער פערגוואלטיגען, זייערע טעמפלען פערברענען — זיי זיינען געווען פערפאלגט און געפייניגט פון אלע זייטען.

זאנדערבאר איז דער פאקט, דאס די, וואס זיינען געשטאנען אויף דער שפיצע פון דער מענשליכער ענטוויקלונג, — די וויסענ־שאפטס־מענער פון דער וועלט — האבען צוגעקוקט גלייכגילטיג דיזע בלוטיגע דראמען, גאנץ רוהיג צוגעזעהן, ווי די וועלט פער־וואנדעלט זיך אלץ מעהר און מעהר אין א דול־הויז, אין א נעסט פון פראסטיטוציאן און פערברעכען.

„ווער עס האָטווירקליך רעבעלירט געגען דיזען מערדערישען צושטאַנד, דאָס איז געווען דאָס אָרעמע, פֿון ליכט בעראויבטע פֿאָלק. געדריקט פֿון רויבערס, פֿערבלענדעט פֿון פּפּאַפּענטהום, האָבען זיי דאָך בעמערקט די שטראַהלען פֿון דער שיינענדער זונן און האָבען זי בעגריסט מיט דעם דונערענדען רוף: „עס לעבע דאָס ליכט! עס לעבע די זונן! נידער מיט פֿינסטערניש!"

געאָרג האָט זיך אָבגעשטעלט.

— נו, וואָס זאָגסט דו עפּעס?

— זעהר ווידערשפּרעכענד, — האָט געזאָגט ראַפֿאַעל. — די מענער פֿון דער וויסענשאַפֿט און פֿון דער קולטור זאָלען מיט־שטימען מיט די רויבער און די אָרעמע אונוויסענדע זאָלען דער־בליקען אַ פֿרייע מענשליכע צוקונפֿט און שטרעבען זי צו פֿערווירק־ליכען? עס קלינגט ווירקליך עפּעס, ווי אַ בבא מעשה, ווי אַ פֿאַבעל.

— וואַרט, אָט איז נאָך דאָ אַ זעהר קוריאָזער, לעבערליכער פּונקט, — האָט אויסגערופֿען געאָרג מיט אַ שמייכעל אויף זיינע בלוט־רויטע ליפּען. — איך וועל דאָס דיר פֿאָרלעזען.

„עס האָבען אין דערזעלבער צייט עקזיסטירט צוויי פּאַרטייען, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען קלאָהר די נידערטרעכטיגקייט פֿון שקלאַפֿעריי און האָבען געשטרעבט זיך צו בעפֿרייען פֿון דער רויבער־באַנדע.ביידע פּאַרטייען האָבען געמיינט ערנסט מיט דער זאַך; ביידע האָבען געהאַט אין זייער מיטע מענשען, וואָס האָבען פֿיעל אויפֿגעאָפּפֿערט פֿאַר דער זאַך פֿון פֿרייהייט. אָבער דער אונטערשיעד אין דעם אידעאַל פֿון דער צוקונפֿט האָט אַריינ־געטראָגען אַ ביטערען האַס צווישען די ביידע קעמפּפֿער פֿאַר דער מענשליכער בעפֿרייאונג. דער אונטערשיעד איז בעשטאַנען אין

דעם, דאָס איין פּאַרטיי האָט געזאָגט, אַז מיר מוזען אין גאַנצען פּטור ווערען פון קייטען און הערשער; די צווייטע האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפען די גרויסע קייטען פערבייטען אויף קייטעלאַך, די גרויסע בלוט-צאַפּערס אויף קליינע בלוט-צאַפּערלאַך, ביז מיר וועלען ענדליך אין גאַנצען ווערען פריי. איין פּאַרטיי האָט אין איהר קאַמפּף געגען טיראַנען אויך אויפגעהויבען דאָס שווערד געגען פּאַפּענטהום, וועלכער איז געשטאַנען אין וועג צו פרייהייט; די צווייטע האָט אָבגעלייקענט דיזען פאַקט, אָדער ניט געקענט איהם בעגרייפען און איז געבליבען גלייכגילטיג צו דיזען פאַקט.

„די ערשטע האָט איינגעזעהן דעם שווינדעל פון דער בורזשואַזיע אין יעדער הינזיכט און האָט איהר גאָר ניט געטרויט; די צווייטע האָט נאָך געגלויבט אין'ם שטאַאַט און געדיינקט דורך איהם דורכצופיהרען רעפאָרמען, וועלכע זאָלען פערבעסערען די לאַגע פון פאָלק.

„ביידע האָבען געהאַט איין ענד-ציעל: דאָס גליק און פרייהייט פון דעם פאָלק. די ערשטע פּאַרטיי אָבער האָט איבערגעוואַקסען די צווייטע אין איהר אידעאַל. איינע האָט געפאָדערט די פולע אונבעשרענקטע פרייהייט, די צווייטע,—וועלכע עס איז פרייהייט.

„דער האַס צווישען ביידע פּאַרטייען איז געווען ביטער און לעבערליך. זיי האָבען פערלוימדעט איינע די אַנדערע, געהעצט דאָס פאָלק איינע אויף די אַנדערע. אָפטמאָל, ווען די צייט האָט געפאָדערט, זיי זאָלען קעמפּפען מיט דעם ווירקליכען פיינד, וועלכער האָט געוואָרגען און געטראָטען דאָס מאַכטלאָזע פאָלק, האָבען זיך דיזע ביידע מענשען-פריינד שענדליך אַרומגעשלאָגען, געשפּיגען איינער דעם אַנדערען אין געזיכט און דעם אייגענעם „איך" געשטעלט העכער פאַר דער פרייהייט און גליק פון טויזענדע שמאַכטענדע מענשען-קינדער. און דער גרויזאַמער פיינד פלעגט

מיט אַ פֿרעהליכען שמייכעל אָנקוקען דעם קינדערשען געפֿעכט פֿון די קעמפּפֿער פֿאַר פֿרייהייט און פֿלעגט זיך האַלטען פֿאַר די זייטען פֿון געלעכטער."

געאָרג האָט געענדיגט לעזען און האָט פֿערמאַכט דאָס בוך. זיי האָבען ביידע אַ ווײַלע געשוויגען.

— איך ווינש, אַז דאָס זאָל זיין נור אַ פֿאַבעל, — האָט ענדליך געזאָגט ראַפֿאַעל. — אויב דאָס איז ווירקליך אַ היסטאָרישער פֿאַקט, שעהם איך מיך צו קוקען אויף די גאָלדענע זונן.

— ווער ווייס? — האָט פֿערטראַכטערהייט געענטפֿערט געאָרג. — פֿילייכט איז דאָס די אייזערנע מאַכט פֿון דער צייט, וועלכע פֿערוואַנדעלט פֿאַר אונז פֿאַקטען אין פֿאַבעלען, ווירקליכקייטען אין טרוימען. איך קען נור זאָגען, אַז מיר דאַרפֿען זיין מעהר אָדער ווייניגער צופֿרידען, וואָס מיר לעבען אין אַ צייט, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. מיר אַלע זיינען ברידער און שוועסטער, אַלע פֿריי און גליקליך.

— פֿערהעלטניסמעסיג צו די פֿערגאַנגענע צייטען, פֿילייכט יאָ, — האָט זיך אָבגערופֿען ראַפֿאַעל. — איך מוז דיר אָבער זאָגען, אַז איך בין נאָך ווייט אין גאַנצען ניט צופֿרידען און דיינק ניט, אַז מענשען וועלען זיין ווען עס איז צופֿרידען...

— דו זאָגסט, מיר זיינען פֿריי... — האָט ער ווייטער געזאָגט. — אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלעס. איך בין אונצופֿרידען, דאָס די זונן געהט שוין אונטער; איך וואָלט געוואָלט, זי זאָל שיינען אָהן אַן ענדע איבער מיר. איך וואָלט געוואָלט, אַז די בלומען זאָלען אימער בליהען. נעכטען איז אונטערגעגאַנגען אין שטורם אַ שיף און מענשען זיינען דערטרונקען געוואָרען. דאָס מאַכט מיך אונצופֿרידען, איך וויל, דאָס אויך אַ נאַטירליכער שטורם זאָל קיין מענשען מעהר ניט אומברייננגען.

— **דו האָסט רעכט,** מיין פריינד! — האָט געזאָגט געאָרג.

— מיר האָבען אויך איצט אַ קאַמפף, אָבער דיזער קאַמפף איז ניט מעהר געגען אונזערע מיטמענשען. עס איז דער קאַמפף פון דער מענשהייט געגען די אונבעקוועמליכקייטען פון דער נאַטור, וועלכע לאָזען איהר ניט געניסען איהר פולען לעבען און פולען גליק.

דער מאהלער.

אין אַ קליינעם צימער אויף'ן פינפטען שטאָק פון אַ טענע־מענט־הויז האָט געוואוינט אַ יונגער איטאַליענישער מאַה־לער, לעאָנאַרדאָ פענאַרא.

אַלס קינד איז ער געקומען מיט זיינעם אַן אָנקעל נאָך אַמעריקאַ. דער אָנקעל איז געווען אַ גוטער מאַהלער און לעאָנאַרדאָ האָט ביסלעכווייז זיך אויסגעלערענט פון איהם מאַהלעריי און האָט אַרויסגעוויזען גוטע פעהיגקייטען. לעאָנאַרדאָ איז געווען 18 יאָהר אַלט, ווען זיין אָנקעל איז געשטאָרבען און האָט איהם איבערגע־לאָזען בירושה עטליכע פינזלען און עטליכע פלעשלעך מיט פער־שידענע פאַרבען. לעאָנאַרדאָ איז געבליבען אויף דער וועלט עלענד, אַליין, אָהן אַ גראָשען געלד. ער האָט אָנגעפאַנגען טראַכטען, וואָס צו טהאָן. ווען דער אָנקעל האָט געלעבט, פלעגט ער איהם אימער פערזאָרגען מיט אַרבייט און לעאָנאַרדאָ האָט נור געוואוסט צו זיצען ביי זיין אַרבייט און פאַרטיג מאַכען פערשיעדענע בילדער און פאָרטרעטען. איצט אָבער האָט לעאָנאַרדאָ געדאַרפט אַליין געהן אין שטאָדט זוכען אַרבייט. ער האָט אָנגעפרעגט אין עטליכע פלעצער, אָבער מען האָט איהם ענטזאָגט. זיין נאָמען איז געווען אונבעקאַנט. יעדער איינער האָט מיט אַ שמייכעל אָנגעקוקט דעם יונגען קינסטלער און געפרעגט: פון וואַנען ער קומט? וואָס ער האָט געאַרבייט? און מען פלעגט איהם הייסען געהן ווייטער. לעאָנאַרדאָ'ס לאַגע איז מיט יעדען טאָג ערגער געוואָרען. זיינע לעצטע פענים האָט ער אויסגעגעבען אויף ברויט און אויף אַ

נייעם פינזעל, וועלכען ער האָט זעהר נויטיג בעדאַרפֿט צו זיין אַרבייט.

„וואָס זאָל איך טהאָן? וואָס זאָל איך טהאָן?" האָט ער זיך געפֿרעגט, זיצענדיג אין זיין קליינעם קעמערל, אַראָבגעלאָזען זיין שעהנעם שוואַרץ-לאָקיגען קאָפּ אויף זיין יונגער ברוסט. „איך בין שרעקליך הונגעריג. איך מוז ערגעץ קריגען עטליכע סענט אויף ברויט." ער האָט בעטראַכט אַ ווײלע זיין קלעגליכעם אייגענטהום: בערשטלאַך, פּלעשלאַך פֿאַרב, עטליכע סטענדערס, וואָס האַלטען דעם לייווענט ביים פֿאַרבען, אייניגע גיפּס-פּיגורען. ער האָט גע-טהאָן אַ שוואַכען זיפֿץ.

„ניין! ניין! פֿאַר דעם אַלעם וועט קיינער קיין סענט ניט געבען." אין פֿערצווייפֿלונג האָט ער אָנגעפֿאַנגען אַרומשפּאַנען אין זיין קליינער שטייג. פּלוצלינג האָט ער זיך אָבגעשטעלט לעבען אַ קליינעם בילד, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל. דאָס איז געווען דער פּאָרטרעט פֿון זיין אָנקעל. לעאָנאַרדאָ האָט דיזען פּאָרטרעט געשיינקט דעם גוטען גרייז צו זיין געבורטס-טאָג.

„זאָל איך עס וואַגען?" האָט ער זיך שטילערהייט געפֿרעגט „זאָל איך דיזעם עדעלע, גוטע געזיכט טראָגען אויף'ן מאַרק, אום צו שטילען מיין הונגער?" טרערען האָבען געבליצט אין זיינע שוואַרצע אויגען. — „אָנקעל! אָנקעל! וואַרום האָסטו מיך פֿריהער ניט בעקאַנט געמאַכט מיט די שטורמען פֿון לעבען, אום איך זאָל ניט בלייבען אויף דער וועלט ווי אַ מאַכטלאָזעם קינד אויף אַ זינקענדען שיף!" עס זיינען פֿערבייגעגאַנגען עטליכע מינוטען. עטליכע מאָל איז ער צוגעגאַנגען צום פּאָרטרעט און איז ווידער אַוועק פֿון איהם. זיינע הענד האָבען געציטערט. דער הונגער האָט, ווי גיפֿט, געברענט זיין קערפּער. ענדליך האָט ער אַראָבגענומען

דאָס בילד, האָט עס צוגעדריקט צו זיין ברוסט און איז אַרויס־געלאָפען פון זיין צימער.

עס איז געווען אַ קאַלטער רעגענדיגער טאָג. מיט זיין בילד אונטערן אָרעם האָט זיך לעאָנאַרדאָ טרויעריג געשלעפּט דורך די רוישענדע גאַסען פון נויאָרק. ער איז געגאַנגען פון איין מאַגאַזין צום צווייטען, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט קויפען דאָס בילד.

— „מיר האָבען גענוג בילדער!" איז געווען דער ענטפער. אַנדערע האָבען זיך געמאַכט לוסטיג איבער איהם: „ווער איז דאָס? אַ באַנאַנען־הענדלער פון מאָט סטריט?" האָבען איהם געפרעגט די פרעכע הענדלער, ציינענדיג אויף זיין טהייערן אָנקעל.

טרערען האָבען זיך געגאָסען פון לעאָנאַרדאָ'ס אויגען. — „אונמענשען! ווילדע חיות!" האָט ער געמורמעלט און איז געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער. עס איז שוין געוואָרען שפּעט אין דער נאַכט, ווען לעאָנאַרדאָ איז הונגעריג און דורכגענעצט פון רעגען, געקומען צוריק אין זיין וואוינונג. ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם אַלטען פּאָרטרעט אויף זיין טישעלע און האָט אָנגעצונדען זיין קליינעם אַרבייטער־לעמפּעל.

דער ערשטער שטראַהל פון ליכט האָט איהם געבראַכט אין ערשטוינען. איז דאָס ניט קיין טרוים? אויף זיין טישעל איז געלעגען אַ ברויט, אַ שטיק קעז, אַ גלאָז מילך און עטליכע פרישע פרוכ־טען. — ווי אַזוי קומט עס אַהער? האָט ער זיך געוואונדערט, אָנקוקענדיג מיט די הונגעריגע אויגען די צויבער־שפּייז.

אָבער זעה, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין? ווי קען איך, אַ הונגעריגער מענש, זיך ערקלעהרען דיזען וואונדער? עס איז פיל־לייכט בעסער, איך זאָל טאַקע עטוואָס געניסען און נאָכהער פילאָזאָפירען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום טיש און ווי אַ הונגעריגער וואָלף פערצעהרט די שפּייז. פּלוצלינג האָט ער דערהערט דעם זיסען

קלאַנג פֿון אַן איטאַליענישער האַרפֿע. אַ ווייכע, צאַרטע, איטאַ־ליענישע מעלאָדיע האָט זיך שטיל געגאָסען ניט ווייט פֿון זיין צימער. ער האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון זיין טיש און האָט זיך איינגעהערט. — אַ צויבער־נאַכט! האָט ער ביי זיך געטראַכט. דיזע שפּייז... און איצט דיזע הערליכע מוזיק! אַ זיסע פֿרויען־שטימע האָט געזונגען אין איטאַליעניש:

עס פֿינקלען די שטערען, עס רוישען די וועלען
פֿון דעם זילבערנעם וואַסער־פֿאַל;
עס לאַכען די רויזען, עס קלינגען די טרעלען
פֿון דער פֿערליעבטער נאַכטיגאַל.

זאָרג ניט געליעבטער, וויש אָב דיינע טרערען,
רוה אויס דיין עלענדען קאָפּ אויף מיין ברוסט,
שלאָף רוהיג, שלאָף! איך וועל דיך ניט שטערען,
איך האָב, ווי דו, פֿיעל ליידען געוואוסט.

לעאָנאַרדאָ איז געשטאַנען, ווי בעצויבערט.

„ווער זאָל עס זיין? אַן ענגעל? אָה, וואָס פֿאַר אַ שעהנע, זיסע שטימע!”

ענדליך איז די מעלאָדיע פֿערשטאָרבען אין דער לופֿט: עס האָבען דורכגעקלונגען נאָך עטליכע אַקאָרדען און לעאָנאַרדאָ האָט געהערט, ווי אַ פֿענסטער האָט זיך צוגעמאַכט, דאַן איז אַלעס ווידער שטיל געוואָרען.

אויסגעמאַטערט פֿון זאָרגען און איבערראַשענדע ערשיינונגען האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף זיין בעטעל און האָט אָנגעפֿאַנגען צו דרעמלען. אָבער קוים האָט ער נור צוגעמאַכט זיינע אויגען, האָט אָנגעפֿאַנגען צו שוועבען פֿאַר איהם דאָס שמוציגע, רוישענדע נויאָרק, דורך וועלכען ער האָט געבלאָנדזשעט דעם גאַנצען טאָג, זוכענדיג עטליכע סענט אויף ברויט. ער האָט זיך ערינערט אַ

סצענע. ער איז דורכגעגאַנגען פֿערביי אַ רייכע קירכע. לעבען די מאַרמאָרנע טרעפּ איז געשטאַנען אַ בעטלער. זיין געזיכט איז געוועזן ווי אַ שטיק פֿערטריקענט לעדער, קאַלט און אָהן אַ ברעקעל לעבען. זיינע הענד זיינען געווען, ווי די הענד פֿון אַ סקעלעט, מען האָט געקענט איבערצעהלען יעדעסביינדעל. אויף זיין שמוציגען האַלז האָבען זיך געזעהן שוואַרצע וואונדען. זיינע שמאַטעס זיינען געווען דורכגענעצט פֿון רעגען, זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. פֿון קירכע איז אַרויס אַ רייך-געקליידעטער מאַן מיט שוואַרץ גרויע לאַנגע האָר אין אַ זיידענעם צילינדער. דער בעטלער האָט אויסגעשטרעקט זיין ציטערנדע סקעלעטען-האַנד. דער פֿיינער דזשענטעלמאַן האָט זיך אָבגעשטעלט. האָט לאַנגזאַם אַריינגעלייגט זיין האַנד אין טאַש און אַרויסגעשלעפּט אַ דיקען טייסטער. ער האָט פֿאָרזיכטיג אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַק מיט פּאַפּירענע געלד, האָט זיי איבערגעצעהלט, צוזאַמענגעלייגט און האָט זיי צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע. נאַכהער האָט ער אַריינגעלייגט זיינע הענד אין זיין וועסט-קעשענע, האָט אַרויסגעשלעפּט עטליכע גאָלדענע מטבעות, גוט זיך צוגעקוקט צו זיי און ווידער לאַנגזאַם צוריק אַריינגעלייגט אין זיין וועסט. ער האָט אָבגעצויגען זיין זיידענעם האַלזטוך, אַ קוק געגעבען אויף זיין גאָלדענעם זייגער און אויסברומענדיג: „איך האָב ניט קיין קליין-געלד!" האָט ער זיך אָבגעקעהרט פֿון איהם. דער בעטלער איז געבליבען שטעהן מיט זיין אויסגעשטרעקטער האַנד, ווי בעטויבט. דער רייכער דזשענטעלמאַן איז שוין לאַנג פֿערשוואונדען. דער רעגען האָט געגאָסען און געשמיסען אין געזיכט. דער בעטלער איז נאָך אַלץ געשטאַנען, זיין סקעלעטען-האַנד אויסגעצויגען. זיינע בלוטלאָזע ליפּען האָבען געפּליסטערט אַ ביטערען פֿלוך און זיין גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פֿון ווינד און רעגען.

פֿאַר די אויגען פֿון לעאָנאַרדאָ איז איצט געשטאַנען דאָס שרעקליכע געשטאַלט פֿון דעם בעטלער. „איך בין די נויטה! די ביטערע, שרעקליכע נויטה!" האָט ער געדעדט צו לעאָנאַרדאָ'ן מיט אַ ציטערנדער, הייזעריגער שטימע. „איך בין דאָס שרעקענס־בילד פֿון 19-טען יאָהרהונדערט. אין מיר זיינען פֿערקערפּערט די פֿערברעכען, ליידען, די ברענענדיגע שמערצען פֿון טויזענדער בערויבטע, ערנידעריגטע, צוטראָטענע מענשען-לעבענס. קוק זיך גוט צו צו מיר. איך בין שמוציג, העסליך, בעדעקט מיט שמאַטעס. איך לעב ווי אַ הונד, איך לעק די שטיוועל פֿון יעדען איינעם, וואָס וואַרפֿט מיר צו אַ שטיקעל ברויט, אַן אָבגעגריזעט ביינדעל. איך בין פֿערקריפּעלט, פֿערפּעסטעט; איך בין אַ בעטלער, אַן אויסוואורף. אָבער ווער האָט גערויבט מיין מענשען־ווערדע? ס'איז ניטאָ קיין פֿערברעכער, וועלכער איז אַמאָל ניט געווען אַן אונ־שולדיג קינד. האָסטו געזעהן דעם רייכען קירכען־מאַן, פֿאַר וועלכען איך בין געשטאַנען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנד? ווי ער האָט זיך דאָס גלייכגילטיג אָבגעקעהרט פֿון מיר, נאָכדעם ווי ער האָט פֿאָרזיכטיג איבערגעציילט זיין געלד! ער איז אַוועק טרינקען וויין און האָט אָהן אַ שווידער איבערגעלאָזט זיינע מיט־מענשען שמאַכטען אין הונגער און קעלט. דאָס איז דער פֿאָר־שטעהער פֿון יענע מענשען-מערדער, וועלכע פּראָדוצירען אַזעלכע פֿערקריפּעלטע בעטלער, ווי איך. לעאָנאַרדאָ, דו מוזט מיין גע־שטאַלט צונאָגלען צו דיין מאָהלער-לייוועגט. מיט דיין האַרצען־בלוט מוזטו מאָהלען מיין בילד פֿון מענשליכער אָרימקייט און ערנידערונג. ווען דו וועסט איבערטראָגען מיין געשטאַלט אויף דיין לייוועגט; ווען פֿון אונטער דיין צויבער-פּינזעל וועט ענטשטעהן דאָס פֿערצווייפֿעלטע, הימעל-שרייענדע געשפּענסט פֿון דער בע־רויבטער, פֿערגוואַלטיגטער מענשהייט — דאַן קלאַפּ אָן אין די

פּאַלאַסטען פון די רייכע און זאַטע, שטעל אַוועק פאַר זיי מיין בילד! צייג זיי די וועלט פון די בלוטענדע און ליידענדע! פאַר־הילך זייער לוסטיגע מוזיק מיט די פערצווייפעלטע געשרייען, מיט דעם ביטערן פלוך פון מיין צובראָכענעם האַרצען! פערגיפט זייער וויין מיט'ן בלוט פון מיינע וואונדען! זייערע בלומען-קראַנצען דעק צו מיט מיינע שמוציגע בעטלער־שמאַטעס! פערפאָלג זיי מיט'ן שרעקען-בילד פון זייערע געפאַלענע אָפּפער!"

לעאָנאַרדאָ איז אויפגעשפּרונגען פון זיין געלעגער. זיינע שוואַרצע אויגען האָבען געבליצט מיט אַ וואונדערבאַרען פייער. די שוואַרצע לאָקען זיינען געווען צוואוואָרפען אויף זיין בלאַסען שטערען, זיין יונגע ברוסט האָט זיך הויך געהויבען, ווי דער ים אין שטורם.

— פינזעל! פאַרב! — האָט ער געמורמעלט, ווי אין אַ פיבער. מיט ציטערנדע הענד האָט ער זיך גענומען פאַר זיין פינזעל, און איז געפאַלען אויף די קניע פאַר דאָס אָנגעצויגענע לייוונט.

— ענדליך האָב איך דיך געפונען, מיין אידעאַל, מיין לעבען! איצט וועסטו נים אַוועק פון מיר.

„יאָ,דאָס בילד פון מענשליכע ליידען מוז זיין דאָס ווערק פון מיין לעבען. איהם אַליין וועל איך אָבגעבען מיין בלוט, מיין האַרץ, מיין שטאָלצע יוגענד!"

אין קליינעם צימער האָט געהערשט אַ פאָלקאָמענע שטילקייט דאָס קליינע לעמפּעל האָט בעלייכטעט דעם יונגען מאַהלער. וועלכער איז געשטאַנען שעהן, בעגייסטערט, פול מיט לעבען או פייער פאַר זיין הייליגער אַרבייט. פלוצלינג האָבען זיך אין צימער ווידער אַריינגעגאָסען די זאַנפטע מעלאָדיען פון דער איטאַליענישער האַרפע. עס האָט שטיל אין דער נאַכט געקלונגען אַ זיסע פרויען-שטימע:

עס פינקלען די שטערען, עס רוישען די וועלען
פון דעם זילבערנעם וואסערפאל;
עס לאבען די בלומען, עס קלינגען די טרעלען
פון דער פערליעבטער נאכטיגאל.

אבער לעאנארדא האט נור ווי אין א טרוים געהערט דאס געזאנג. ער איז אין גאנצען געווען אבגעגעבען זיין ארבייט. דער סקעלעטען-בעטלער איז געשטאנען פאר איהם מיט זיין אויסגע־שטרעקטער האנד.

עס איז שוין געווען פינף אוהר פארטאג, ווען לעאנארדא האט זיך אבגעריסען פון זיין בילד און האט זיך אווארף געטהאן אויף זיין בעטעל. אין א שטונדע ארום האט ער זיך אויפגעכאפט מיט א ווייטאג אין קאפ. זיין גאנצער קערפער האט געציטערט אין פיבער. ער האט געפרואווט זיך אויפהויבען, אבער ער איז אונמעכטיג געפאלען צוריק. דער הונגער, די קעלט, דער רעגען, די שלאפלאזע נאכט האבען צובראכען זיין געזונד. קראנק, עלענד איז ער געלעגען אליין אין זיין פינסטערען פערשטיקטען צימער.

— אה, ווען איך זאל נור האבען גענוג קראפט צו ענדי־גען דאס בילד, דאן וואלט איך רוהיג געשטארבען! — האט לעאנארדא געטראכט דריקענדיג זיין האנד צו זיין ברענענדען שטערען.

די שטונדען האבען זיך לאנגזאם געצויגען. לעאנארדא האט געפיהלט, ווי ער ווערט אלץ שוואכער און שוואכער.

— וואסער! וואסער! — האט ער געמורמעלט פיהלענדיג, ווי זיין ברוסט ווערט פערברענט פון א שרעקליכער היץ, אבער קיינער איז ניט געקומען שטילען זיין מורא׳דיגען דורשט. דער טאג איז פערשוואונדען און די נאכט האט געבראכט דעם אונ־גליקליכען נאך שווערערע ליידען. ער האט זיך אונרוהיג ארומ־

געוואָרפֿען אויף זיין געלעגער. די בלאַסע לבנה האָט קאַלט אַריינ־געקוקט אין דעם קראַנקען'ס צימער.

פלוצלינג האָט זיך דעם קראַנקען אויסגעוויזען, אַז פֿאַר איהם שטעהט מיט אַן אויסגעשטרעקטער סקעלעטען-האַנד זיין בעקאַנטער בעטלער.

— שטעה אויף און ענדיג דיין ווערק! — האָט ער שטיל געשעפּטשעט. לעאָנאַרדאָ האָט אויפֿגעציטערט מיט זיין גאַנצען קערפּער און האָט זיך מיט גרויס מיה אַוועקגעזעצט אויף זיין בעטעל.

די בעטלער-געשטאַלט איז פֿערשוואונדען, אָבער זיין אויפֿפֿאָ־דערונג האָט נאָך געקלונגען אין לעאָנאַרדאָ'ס אויערען. ער האָט אָנגעשטרענגט זיינע לעצטע קרעפֿטען און איז צוגעקראָכען צו זיין בילד. די לבנה האָט אויף איהם געוואָרפֿען איהרע בלאַסע שטראַהלען. עס איז געווען נור אַן אָנפֿאַנג, אָבער שוין אין דעם ערשטען שטריך פֿון דעם קינסטלערישען מאַהלער האָט געשוועבט לעבען און פֿייער. די אויגען פֿון'ם בעטלער האָבען ווי לעבעדיגע אַרויס־געקוקט פֿון'ם לייוועגט. האָס און טרערען האָבען זיך געצייגט ווי דורך אַ וואָלקען. לעאָנאַרדאָ האָט מיט אַ ציטערנדער האַנד אָנגע-צונדען זיין לעמפּעל. ווי אין אַ טרוים האָט ער אויפֿגעהויבען זיין פּינזעל און האָט זיך גענומען צו זיין בילד. זיין קאָפּ האָט גע־ברענט, די הענד האָבען געציטערט און דאָך האָט ער זיך ניט געקענט אָברייסען פֿון זיין אַרבייט. אַן אונבעזיגבאַרע קראַפֿט האָט איהם געצויגען צום לייוועגט. איהם האָט בעהערשט נור איין געדאַנק. ער מוז פֿאַרטיגען זיין אַרבייט, זיין הייליגע אַרבייט.

און ווי אין דער לעצטער נאַכט האָבען זיך ווידער געהערט זיסע, זאַנפֿטע אַקאָרדען פֿון אַ האַרפֿע. און ווידער האָט אַ זילבערנע שטימע געזונגען די שטילע פּאָעטישע מעלאָדיע פֿון ליעבע און פֿריעדען.

עס זיינען פֿערבייגעגאַנגען אַ פּאָר מינוטען. פּלוצלינג האָט לעאָנאַרדאָ דערפֿיהלט, ווי זיינע לעצטע קרעפֿטען פֿערלאָזען איהם. אין זיינע אויגען איז געוואָרען פֿינסטער און מיט אַ לייכטען געשריי איז ער מיט זיין פּינזעל אין האַנד אַנידערגעפֿאַלען; זיין אָנגעפֿאַנגענעם בילד איז געפֿאַלען צו זיינע פֿיס און איז געלעגען לעבען דעם יונגען מאַהלער, ווי זיין מצבה.

די אַקאָרדען פֿון דער קלינגענדער האַרפֿע האָבען זיך פּלוצלינג איבערגעריסען, עס האָבען זיך דערהערט האַסטיגע טריט. די טהיר פֿון קליינעם צימער האָט זיך געעפֿענט. אַ שעהנע יונגע איטאַליענערין איז בלאַס, דערשראָקען צוגעלאָפֿען צו דעם געפֿאַלענעם לעאָנאַרדאָ. איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען מיט ליעבע און צערטליכקייט געקוקט אויף דעם בלאַסען מאַהלער.

— לעאָנאַרדאָ!—האָט זי שטיל גערופֿען. דער קראַנקער האָט געעפֿענט זיינע אויגען און האָט ערשטוינט אָנגעקוקט די יונגע פֿרוי.

— איך בין ראָזאַלינאַ! איך וואוין אין צווייטען צימער, דאָ לעבען אייך, איך בין אַ האַרפֿע־זינגערין. זאָגט, וואָס איז אייך? ווי קען איך אייך העלפֿען?

אַ גוטמוטהיגער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף לעאָנאַרדאָ'ס בלאַסע ליפּען.

— האַ! דאָס זייט איהר דער מלאך, וואָס האָט מיר געבראַכט מיין אָבענד־ברויט! — האָט ער קוים הערבאַר אויסגערעדט.
— ליידער איז עס צו שפּעט! דאָך, העלפֿט מיר זיך אויפֿזעצען! הויבט אויף מיין בילד, גיט מיר מיין פּינזעל, איך וויל שטאַרבען מיט מיין געוועהר אין דער האַנד!

טרערען האָבען זיך געקייקעלט פֿון די צאַרטע אויגען פֿון דער שעהנער ראָזאַלינאַ. זי האָט געהאָלפֿען לעאָנאַרדאָ'ן זיך אויפֿזעצען און האָט איהם צוגערוקט זיין בילד.

„אַך, איך בין שרעקליך שוואַך! ראָזאַלינאַ, ברײנג דײן האַרפּע, זינג מיר אַ זיסעס איטאַליענישעס ליעד. עס װעט מיר ערינערען מײן אַלטע איטאַליאַ. עס װעט מיר בעגײסטערען פֿאַר מײן אַרבײט. ראָזאַלינאַ, געשװינד דײן האַרפּע!" — אַלעס האָט געשװאונדען פֿאַר זײנע אױגען. זײן האַנד האָט שרעקליך געציטערט.

ראָזאַלינאַ איז געשטאַנען פֿערלאָרען און האָט ניט געװאוסט װאָס צו טהאָן. ענדליך האָט זי געבראַכט איהר האַרפּע, האָט זיך אװעקגעזעצט בײ זײנע פֿיס. שטיל, ריהרענד, װי דער רױש פֿון פֿליסענדע טרערען, האָט געקלונגען דאָס אַלטע איטאַליענישע ליעד:

זאָרג ניט געליעבטער, װיש אָב דײנע טרערען,
רוה מיט דײן עלענדען קאָפּ אויף מײן ברוסט,
שלאָף רוהיג, שלאָף! איך װעל דיך ניט שטערען,
איך האָב, װי דו, פֿיעל לײדען געװאוסט.

און װירקליך, דער שװאַרץ־לאָקיגער קאָפּ פֿון יונגען מאַהלער האָט זיך שטיל אַראָבגעלאָזען אויף ראָזאַלינאַ'ס ברוסט. מיט זײן פּינזעל אין האַנד, ריכטענדיג זײן לעצטען בליק אויף זײן ניט־געענדיגטער אַרבײט, איז לעאָנאַרדאָ אויף אײביג אײנגעשלאָפֿען.

צווישען נויארקער ראדיקאלען.

(א שאָטען-בילד פון׳ם אַגיטאַציאָנס-לעבען אין נויאָרק.)

איך בין ניט קיין סאָציאַליסט און ניט קיין אַנאַרכיסט; איך בין, וואָס מען רופט ביי אייך, א „פּאַרעוועך לאָקש". ביז איצט האָב איך געלעבט אין אַ קליין שטעדטעל אָדער, ווי עס הייסט דאָ, אין דער קאונטרי.

שוין אַ פּאָר יאָהר, אַז איך סימפּאַטיזיר מיט די, וואָס שטרעבען פערבעסערן די לאַגע פון די אָרעמע און מאַכען די וועלט בעקוועמער פאַר יעדען אָרענטליכען מענשען. איך לייען צייטונגען און בראָשורען. איך קען אַביסעל ענגליש, אַביסעל דייטש, און דאָס גיט מיר די מעגליכקייט צו וויסען, וואָס אונזערע גרויסע דיינקער שרייבען און זאָגען. איך אַליין, דאַרפט איהר וויסען, בין אויך אַ שטיקעל דיינקער, און איך דיינק, אַז ווען מיינע עלטערן וואָלטען מיר געגעבען אַ גוטע ערציהונג, וואָלט פון מיר געקענט אַרויסקומען אַ לייט, פּילייכט אַ ספּענסער אָדער גאָר אַ דאַרווין, ווער ווייס?...

איך געדיינק, צום ביישפּיעל. איידער איך האָב נאָך עפּעס געהערט פון דאַרווינען, איז מיר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז די מענשען שטאַמען פון אַבעזיאַנעס. און ווייסט איהר וואָרום? איך האָב בעמערקט, אַז וואָס איינער טהוט, טהוען איהם אַנדערע נאָך. איך געדיינק, מיין טייערע מוטער, זאָל לעבען 120 יאָהר׳

ווי זי פֿלעגט נור דערזעהן ביי דער שכנה אַ נײַ קלייד, פֿלעגט זי באַלד לויפֿען צו דער נייטאָרין, זי זאָל איהר מאַכען פּונקט אַזאַ קלייד ווי שרה דוואָסיע האָט. אָדער ווען זי האָט בעמערקט, אַז אונזער גבאי'טע רייסט איהר דיענסט פֿאַר די האָר, האָט זי, מיין מוטער הייסט עס, אויך געכאַפּט אונזער אָרעמע חנה פֿאַר די שוואַרצע צעפּ איהרע, ווייל זי האָט געלאָזט אויסלויפֿען אַביסעל מילך... דאָס איז די מאַמע, זאָל לעבען. היינט דער טאַטע האָט אויך ניט ווידערשפּראָכען דאַרווין'ס טעאָריע. האָט ער למשל געזעהן, אַז ר' חיים האַנדעלט מיט זאַמד אָנשטאָט מעהל, אַהאַ! מיין פֿאָטער זאָל לעבען שטייגט איהם נאָך אַריבער: ער שיט זאַמד אויף וואָס די וועלט שטעהט... אָדער האָט ער דערשמעקט, אַז ר' טודרוס קלייבט זיך מאַכען אַן אָנזעץ, האָט מיין פֿאָטער פֿערכאַפּט אַפֿריהער און באַנקראָטירט מיט אַ פּאָר וואָכען פֿאַר ר' טודרוס'ן.

ווי איהר זעהט, זיינען דאָס גוטע בעאָבאַכטונגען, וועלכע האָבען מיך געמאַכט פֿאַר אַ קליינעם דאַרווין אין מיין קליין וועלטעל. נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלעס. מיינע בעאָבאַכטונגען האָבען זיך ניט בעגרענעצט אויף מיין פֿאַמיליען־קרייז; זיי זיינען געגאַנגען אויך ווייטער. זומער פֿלעגט צו אונז אין שטעדטעל אָנקומען אַ סטודענט מיט לאַנגע האָר און אַ סטודענטקע מיט קורצע האָר. און וואָס מיינט איהר איז געווען? האָבען זיך אונזערע דאָרף־אַריסטאָקראַטען פֿערלאָזט לאַנגע קאָלטענעס און אונזערע דאָרף־אַריסטאָקראַטקעס האָבען זיך אונטערגעשניטען די האָר...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. איך האָב אייך נור געוואָלט ווייזען, אַז פֿון מיר וואָלט אַרויסקומען אַ גרויסער לייט, ווען מען וואָלט מיר געגעבען אַ גוטע ערציהונג. נאָר אַזוי ווי מיינע עלטערענס עלטערן האָבען ניט געלערענט מיינע עלטערן צו זיין גוטע עלטערן,

האָבען אויך מיינע עלטערן ניט געקענט מיך ערציהען גוט, כדי איך זאָל פון מיין זייט אויך קענען ערציהען מיינע קינדער, ווי עס פּאַסט זיך פאַר גוטע עלטערן.

אַצונד קעהר איך זיך אום צו מיין געשיכטע.

ווי איך האָב אייך שוין פריהער געזאָגט, האָב איך געלעבט אין אַ קליינער קאונטרי. עס איז מיר ענדליך דאָרט זעהר לאַנג־וויילינג געוואָרען, און איך האָב זיך בעשלאָסען פאָהרען קיין נויאָרק, ווי זאָגט דער רוס: „אי מענשען אָנקוקען אי זיך בעווייזען". געזאָגט געטהאָן. איך האָב איינגעפּאַקט מיינע זאַכען, געזאָגט „גוד ביי" מיין אייביג בלאַסער מיסס אַרמסטראָנג, ביי וועמען איך בין געווען אויף קעסט אַ פּאָר יאָהר צייט, און איך בין אַוועק קיין נויאָרק.

שוין אַ פּאָר וואָכען, זינט איך לעב אין אָט דער גרויסער, רוישיגער שטאָדט, און איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, איך וויים ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. עפּעס אַלעס טאַנצט און דרעהט זיך אַרום פאַר מיינע אויגען און איך געה אַרום ווי אַ צומישטער.

ווי איך האָב אייך פריהער געזאָגט, האָב איך סימפּאַטייזירט מיט די, וואָס שטרעבען צו מענשליכען גליק און פּראָגרעס. אַז איך בין אָנגעקומען קיין נויאָרק, איז מיין ערשטער געדאַנק געווען צו בעזוכען די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע פערזאַמלונגען, זעהן און הערען וואָס עס טהוט זיך עפּעס אין דער סאָציאַלער וועלט. אַרום 8 אַזייגער אין אָבענד בין איך געקומען אין אַ האָל, וואו עס האָט געדאַרפט זיין אַ מאַססענפערזאַמלונג. דער זאַאַל איז שוין געווען געפּאַקט מיט מענער און פרויען. מיך האָט זעהר געפרעהט זעהן אַזאַ מאַסע מענשען. „דאָס זיינען אַלץ מענשען, וואָס דאגה'נען פאַר'ן כלל," האָב איך זיך געטראַכט און מיט אונגעדולד ערוואַרט דעם רעדנער.

— ווען פֿאַנגט דער רעדנער אָן זיין פֿאָרטראַג? — האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן אַ יונגען מאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבען מיר.

— איהר מיינט, ווען ער הויבט אָן שוואַצען? — האָט ער מיך איבערגעפֿרעגט מיט אַן איראָנישען שמייכעל, וואָס איז מיר באַלד שטאַרק ניט געפֿעלען.

דאָס וואָרט „שוואַצען" האָב איך צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען געהערט. אין דער ליטעראַטור האָב איך עס אויך ניט בעגעגענט.

— וואָס מיינט איהר מיט „שוואַצען"? איך וויל איינפֿאַך וויסען, ווען פֿאַנגט דער רעדנער אָן זיין רעדע? — האָב איך איהם ערקלעהרט.

— אַך, ווי מען זעהט, זייט איהר אַ גרינהאָרן. אַז איהר וועט אָבזיין אַ שטיקעל צייט אין נויאָרק, וועט איהר שוין וויסען, וואָס עס הייסט שוואַצען, — האָט צו מיר געזאָגט דער נויאָרקער און האָט זיך אָבגעקעהרט פֿון מיר.

אין עטליכע מינוט אַרום איז געקומען דער רעדנער. דאָס איז געווען אַ יונגער מאַן מיט אַן ערענסטען געזיכט, און ער איז מיר געפֿעלען גלייך פֿון ערשטען בליק. ער האָט גערעדט איבער דעם אַרבייטער'ס ליידען, וועגען דעם גרויסען קאַמפּף, צו וועלכען ער מוז זיך צוגרייטען. זיין רעדע האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיע־פֿען איינדרוק. טרערען זיינען מיר געשטאַנען אין די אויגען.

„שוין אָבגעשוואַצט!" האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ שפּאַ־סענדיגע שטימע הינטער מיר. איך האָב זיך ווי מיט שרעק אומגעקוקט. לעבען מיר איז געשטאַנען דער רעדנער, וועלכער האָט נאָר וואָס געענדיגט זיין רעדע און איז געווען בלאַס און נאַס פֿון שוויים. מיט דער פֿראַגע: „שוין אָבגעשוואַצט?" האָט זיך צו איהם געווענדעט אַ יונגער מאַן מיט אַ צינישען געזיכטעל.

דער רעדנער האָט איהם גאָרנישט געענטפערט און איז פער־שוואונדען אין צווייטען צימער.

די פערזאַמלונג האָט זיך געענדיגט. איך האָב זיך געלאָזט געהן אַהיים. פלוצלינג האָט מיך אַ יונגער מאַן אָבגעשטעלט און געפרעגט אויף מיין פאַמיליען־נאָמען. מיר האָבען זיך באַלד דערקענט. ער איז געווען מיינער אַן אַלטער חבר, וועלכער איז שוין זייט צעהן יאָהר געווען אין נויאָרק.

— זאָג מיר, איך בעט דיך, — האָב איך איהם אַ פרעג געטהאָן — וואָס הייסט דאָס ביי אייך אין נויאָרק שוואַצען?

מיין פריינד האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ שמייכעל.

— דו ווייסט ניט וואָס שוואַצען הייסט? — האָט ער געזאָגט — שוואַצען איז איינפאַך פלוידערן, ריידען וואָס איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען.

— אָבער היינט האָט, דוכט זיך, דער רעדנער גערעדט גאַנץ פערנינפטיג און ערנסט. אויף מיר וויינינגסטענס האָט ער געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק. פאַרוואָס רופט איהר דאָס שוואַצען?

— אַך, מיין פריינד, מיר נויאָרקער רופען אַלעס אַ שוואַץ; אַלע שוואַצען!

— אַלע שוואַצען! — האָב איך אויסגעשריען אין פערצווייפ־לונג — אָבער האָט דען ניט דער רעדנער מיט האַרץ און נשמה געוועקט און אויפגעמונטערט די מאַסע? האָט ער דען ניט אויפ־מערקזאַם געמאַכט דעם אַרבייטער אויף זיין אויפגאַבע אין דער יעצטיגער צייט?

— אַה, דו ביסט אַ קינד! — האָט זיך מיין פריינד אָב־גערופען מיט אַ קאַלטער מינע. — זיי אַביסעל אין נויאָרק, געה אָפט אויף די פערזאַמלונגען, וועסט דו זאָגען דאָסזעלבע וואָס מיר נויאָרקער. אַ שוואַץ און מעהר גאָרנישט!

איך האָב אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען. מיר איז געוואָרען זויער אויף'ן האַרצען, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע קוואָרט זויער־מילך...

— וואוהין געהסט דו איצט? — האָט מיך געפרעגט מיין קאָמפּאַניאָן.

— שלאָפען, — האָב איך געענטפערט, קוקענדיג אויף מיין זייגער, וועלכער איז געווען אַ פערטעל נאָך צוועלף.

— איצט שלאָפען! משוגע ביסט דו? אין נויאָרק איז אַ שאַנדע זיך לייגען פאַר צווי, און אַלטע נויאָרקער געהען אימער שלאָפען נאָך דריי.

— נאָך דריי! — האָב איך זיך געוואונדערט — וואָס טהוט מען אַזוי שפּעט?

— מען שוואַצט...— האָט ער געענטפערט קורץ און שאַרף.

— נאַ, אָבער איך וויל ניט שוואַצען און קען ניט שוואַצען.

— עס מאַכט ניט אויס, ועסט זיין אין נויאָרק, וועסט דו זיך שנעל אויסלערנען...

— אָבער וואוהין וועלען מיר דען געהן אַצונד?

— וואוהין? נאַטירליך אין קאַפּע־סאַלון.

איך האָב זיך ענטשלאָסען בעקאַנט צו ווערן מיט דער נויאָרקער וועלט און איך בין שווייגענדיג נאָכגעגאַנגען מיין נויאָרקער חבר.

דורכגעהענדיג אַ פּאָר שמוציגע געסלאַך, וואָס זיינען פון ביידע זייטען געווען בעשטעלט מיט... איהר מיינט אפשר גרינע בוימער? ניין! איך מיין מיט שמוציגע מיסט־קעסטלאַך, האָבען מיר ענדליך דערגרייכט דעם קאַפּע־סאַלון.

דער פּלאַץ איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענער. געלע, בלויע, שוואַרצע, בלאַסע, דומע געזיכטער (דומע איז אויך אַ מין פאַרב...)

האָבען געשמייכעלט, געקרימט זיך אָדער גלאַט אַזוי תם'עוואַטע געקוקט אין דער וועלט אַריין. מען האָט געטרונקען, געגעסען, געריכערט סיגאַרעטלאַך, געלייענט צייטונגען, קריטיקירט, געשריען, געליאַרעמט אָדער, ווי אַ נויאָרקער וואָלט זאָגען, געשוואַצט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— ווי געפעלט עס דיר? — האָט מיר אַ פרעג געטהאָן מיין פריינד, פערציהענדיג זיין סיגאַרעטעל.

— עס קוקט מיר אוים ווי אַ דול־הויז, — האָב איך געענט־פערט. — און דאָ פערברייננגט איהר דאָס גאַנצע נעכט!

— זעהסט דאָרטען אַ יונגען מאַן, וואָס שפּיעלט אַזוי הייס אין פינאָקעל? דאָס איז אַ רעדאַקטאָר פון אַן אַרבייטער־צייטונג, — האָט געזאָגט מיין קאַמעראַד מיט אַ שמייכעל.

איך האָב פערוואונדערט פונאַנדערגעעפענט מיינע אויגען און געשוויגען.

— דאָ, — האָט מיין פריינד ווייטער גערעדט, — דאָ פערברייננגען מיר די צייט נאָך אונזער אַרבייט, נאָך די פערזאַמ־לונגען; און ווען מיר אַרבייטען ניט, זיצען מיר נאַטירליך מיט אַ פּאָר שטונדען מעהר.

— און ווען לייענט איהר עפּעס? ווען לערענט איהר, ווען שרייבט איהר עפּעס? ווען רוהט איהר זיך אָב פון אָט דעם טומעל און ליאַרם?

— דו ביסט אַ נאַר! ווער לייענט עפּעס אין נויאָרק, אַחוץ אַ צייטונג אין אַ קאַפע־סאַלון? ווער לערענט, אַחוץ דעם, וואָס דיינקט קריגען אַ דיפּלאָם און מאַכען ביזנעס? ווער רוהט אין נויאָרק, אַחוץ אַ קראַנקען, וועלכער האָט קיין קראַפט ניט זיך אויפצוהויבען פון בעט? לעזען, לערנען, רוהען! דאָס זיינען אַלץ פראַזען, וועלכע קענען אין נויאָרק געהערט ווערן בלויז פון קליינ־שטעטעלדיגע טרוימער...

— געוואַלד, וואָס רעדסט דו? — האָב איך זיך צוקאָכט. — ווי קען אַ מענש לעבען אָהן עפּעס צו לעזען, אָהן עטוואָס נאָכ־צודיינקען איבער אַ ביכעל, אָהן אַ מינוט, אין וועלכער ער זאָל זיך קענען פריי אויסרוהען און גוט בעקלעהרען וואָס ער טהוט, וואוהין ער געהט, וואָס איז זיין צוועק אין לעבען, און פאַרוואָס ער טראָגט דעם נאָמען סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט?...

— דאָס איז אַלעס שוואַץ, מיין פריינד. מיר נויאָרקער האָבען קיין צייט ניט פאַר אַזעלכע זאַכען ווי לערנען און נאָכדיינקען. ביי אונז איז שטענדיג פאַרהאַן אַ פאַק מיט ביזנעס. יעדע נאַכט אַ געשעפט-זיצונג אָדער אַזוי אַ פערזאַמלונג, וועלכע נעהמט אַוועק 6 אָדער 7 שטונדען אַמאָל. יעדער פון אונז מוז זיך גוט אויסריידען אָדער, טאַקע דעם אמת געזאָגט, אויסשוואַצען... מעגסט מיר גלויבען, עס ווערט טרוקען אין האַלז ריידענדיג, נאָר מען קען זיך ניט העלפען. שטעל זיך פאָר, אַז יענער האָט שוין טאַקע געזאָגט דאָסזעלבע וואָס איך דיינק, אָבער איך מוז דאָך אַלץ נעהמען דאָס וואָרט; ווען איך זאָל שווייגען, הייסט דאָך, אַז איך נעהם קיין אַנטהייל ניט אין די ביזנעס און בין אַן אונטהעטיגער מיטגליעד... און אַז מען נעהמט אַ וואָרט, ווילט זיך דאָך בעווייזען, אַז איך בין אויך ניט קיין קאַליקע און קען אַביסעל ריידען, אַלזאָ נעהמט עס נאַטירליך צו צייט. אָדער איינער מאַכט אַ פאָרשלאַג. דער פאָרשלאַג מעג זיך זיין אַ פערנינפטיגער, אָבער דער וואָס האָט איהם געמאַכט וויל אימער צייגען, אַז ער האָט מעהר שכל פון אונז אַלעמען. נו, ווי מיינסט דו? וועלען מיר איהם לאָזען דורכ־פיהרען זיינס? אַ נעכטיגער טאָג! מיר וועלען שרייען פינף שטונ־דען, מיר וועלען הייזעריג ווערן שרייענדיג, נאָר ער וועט זיינס ניט אויספיהרען...

— אָבער, פריינד, — האָב איך זיך געווענדעט צו מיין

בעקאַנטען, — דו מוזט דאָך מיר מודה זיין, אַז פֿינף יאָהר פֿון אזאַ לעבען, פֿון אַ לעבען אויף געשעפֿט־זיצונגען און אין קאַפֿע־סאַלונען קען פֿערווילדערן אַ מענשען און אָנשטאָט אויסצואַרבייטען פֿון איהם אַ זעלבסטבעוואוסטען סאָציאַליסט אָדער אַנאַרכיסט, אַן אינטעליגענטען דיינקער, וועלכער זאָל קענען ברייננגען נוצען פֿאַר אונזער זאַך און האָבען אַ גוטען איינפֿלוס אויף׳ן פֿאָלק, וועט אַזאַ לעבען נור אויסאַרבייטען אַ פּראַקטישען שוואַצער, ווי איהר רופֿט עס, אַ ווילדע בריאה, וואָס לעזט גאָרנישט, דיינקט גאָרנישט און איז אימער נור פֿערנומען מיט געשעפֿטען, מיט טרוקענע געלד־זאַכען, כאָטש אמת ניט פֿאַר זיך אַליין. אַ מענש מוז שעפּען פֿון וואַנען עס איז גייסטיגע נאַהרונג, אַניט מוז זיין גייסט אָבשטאַרבען אין איהם. און פֿון וואַנען קען אַ נויאָרקער גענאָסע שעפּען אָט די גייסטיגע נאַהרונג? פֿון די געשעפֿט־זיצונגען אָדער אַגיטאַציאָנס־פֿערזאַמלונגען, וועלכע זיינען ביי איהם אַ שוואַץ און מעהר גאָרנישט?!

— מיר קענען זיך ניט העלפֿען! — האָט מיין פֿריינד רוהיג געזאָגט.

— האָט איהר שוין געפּרואווט דיינקען וועגען דעם, אַז מען זאָל העלפֿען? — האָב איך געפֿרעגט.

— כ׳האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז מיר נויאָרקער האָבען קיין צייט ניט פֿיעל צו דיינקען, און אויך פֿון אָט דער געשיכטע האָבען מיר ווייניג וואָס געדיינקט.

איך האָב זיך אַ ווילע פֿערטראַכט. אַ נייער געדאַנק איז מיר אַריין אין מוח.

— ווייסט גאָר, וואָס איך וועל דיר זאָגען? — האָב איך זיך אָבגערופֿען. — איך ווער אַ מיטגליעד פֿון אייערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און אַנאַרכיסטישע פֿעראיינען. איך וועל אָנהויבען טהאָן עטוואָס אין דער הינזיכט.

— נאַ, קענסט פרואווען אַז דו ווילסט, — האָט מיר סקעפּ-טיש געענטפערט מיין נויאָרקער קאַמעראַד.

נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ליעבע לעזער? איך האָב געפּרואווט! איך בין געוואָרען אַ מיטגליעד פון די סאָציאַל-דעמאָ-קראַטישע און אַנאַרכיסטישע פעראיינען, און... איצט בין איך אַלם אַן אונפּראַקטישער גרינהאָרן אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די פּראַקטישע פעראיינען... איך פּאַק איין מיין רייזע-קאַסטען און פאָהר צוריק אין מיין קליין שטעדטעל, און — דוכט זיך, אַז איך וועל אַזוי גיך ניט קומען צוריק קיין נויאָרק.

גוד ביי! כ'האָב מורא, איך וועל פערשפּעטיגען דעם טריין...

די ביאגראפיע פון דער לבנה.

(אַן אָריגינעלע פאַנטאַזיע.)

איבער דעם בלויען הימלישען געוועלב איז שטיל געשוואומען די בלאַסע לבנה. די פונקעלענדע שטערען האָבען זי אַרומגערינגעלט און ווי מיט מיטלייד געקוקט אויף זייער בלייבער געטין.

— לבנה, שטאָלצע, שעהנע לבנה! פאַרוואָס ביסט דו אַזוי בלאַס, פאַרוואָס אַזוי טרויעריג? — האָט געפרעגט אַ יונגער טרוימער, וועלכער האָט עלענד אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער נאַכט און מיט זיינע גרויסע, טרוימערישע אויגען האָט ער שטיל בעטראַכט די זילבער־ווייסע לבנה.—פאַרוואָס ביסט דו אַזוי בלאַס? אָה, זאָג מיר ניט, אַז דאָס איז אַ איבער־ערדישע פאַנטאַסטישע בלאַסקייט! ניין, איך ווייס, אַז דאָס איז די טויטע בלאַסקייט פון אַ ליידענדען, אונשולדיג בעליידיגטען וועזען. איך האָב געקענט אַ פרוי, וועלכע האָט אויף איהר געזיכט געטראָגען דיזעלבע מאַטאָווע בלאַסקייט און זי איז געוועזן — אַ ליידענדע. זי האָט געליטען אָהן אַ שיעור. טיעפע וואונדען האָט זי געטראָגען אין איהר ברוסט. אָט דיזעלבע בלאַסקייט זעה איך אויך ביי דיר, דו הימלישע נאַכט־וואַנדלערין! און איך פיהל, אַז אויך דו ביסט אַ ליידענדעס, בעליידיגטעס, ערנידעריגטעס און איידעלעס וועזען. אָה, פערטרוי זיך פאַר מיר! איך ליעב די ליידענדע, די פערשטויסענע, די

הימלאָזע, די פֿערשאָלטענע. איך ליעב זיי! איך פֿיהל זייערע שמערצען. זייערע הייסע טרערען בעהאַלט איך ווי אַ טייערן אוצר אין מיין ליידענדער זעעלע. שטאָלצע געטין פֿון דער נאַכט! פֿאַר דיר שטעהט איצט אַ טרוימער, אין וועמען עס ברענט דער היי־ליגער וואונש צו אומאַרמען די גאַנצע ליידענדע וועלט און צו־דריקען צו זיין ברוסט אַלעס, וואָס ליידעט, וויינט און בלוטעט! צאַרטע געטין! איך בויג אָן פֿאַר דיר מיינע קניע, מיינע שטאָלצע קניע, וועלכע האָבען זיך נאָך קיינמאָל ניט געבויגען פֿאַר קיינע אָבגעטער פֿון דער וועלט. זאָג מיר אַרויס דיינע געהיימע שמער־צען! רעד אַרויס דיינע שטומע ליידען! איך אַליין וועל פֿערשטעהן די טיעפֿעניש פֿון דיינע וואונדען, דיין יעדע טרעהר, דיין יעדען זיפֿץ וועל איך בעדעקען מיט הייסע קושען, ווי די בלומען פֿון אַ נייעם פֿריהלינג.

בלאָס ווי די לבנה אַליין איז געשטאַנען דער טרוימער אונ־טער דעם שטערענדיגען שלייער פֿון דער שטילער זומער־נאַכט. דער וואַרעמער ווינד האָט זיך געשפּיעלט מיט זיינע לאָקען, דער אַראָמאַט פֿון דופֿטענדע בלומען האָט זיך פֿריי געגאָסען אין זיין ברוסט. ער האָט געקוקט אויף זיין בלאַסער געליעבטע, אויף דער ליליען־ווייסער לבנה. ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפֿער, אויף אַ הימלישען ענטפֿער.

עס זיינען פֿערביוגעגאַנגען עטליכע מינוטען פֿון נאַכטיגער שטילקייט. ערגעץ ווייט, ווייט, אָט אָבשטאַרבענדיג, אָט ווידער טרעלענדיג, האָט זיך געקייקעלט די זיסע מעלאָדיע פֿון אַ פֿריה־לינג־נאַכטיגאַל. דער ווינד האָט שטיל געראַוישט דורך די ביימער, און זייערע גרינע קרוינען האָבען זיך טרוימעריש בעוועגט אונטער די זילבערנע שטראַהלען פֿון דער לבנה.

לאַנגזאַם האָבען זיך די שטערען אויסגעלאָשען, די לבנה איז

געוואָרען אַלץ בלאַסער און בלאַסער. ענדליך איז אויך דער לעצ־טער שטערן פערלאָשען געוואָרען אויף'ן האָריזאָנט; די לבנה איז געבליבען איינע אַליין.

שטאָלץ און עלענד, ווייס ווי אַן עדעלע ליליע איז זי גע־שטאַנען אויף'ן בלויען געוועלב און האָט מיט צערטליכער ליעבע, מיט טרויער אַראָבגעקוקט אויף דעם יונגען טרוימער. ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם. ער האָט געפיהלט, אַז עס נעהענטערט זיך אַ צויבערהאַפטער מאָמענט, אין וועלכען אַן אונבעקאַנטע וועלט פון גרויסע הימלישע ליידען וועט זיך ענט־דעקען פאַר איהם. און ווי אויף גאָלדענע פליגלען פון אַ שטילען מלאך זיינען אַרונטערגעפלויגען צו איהם עדעלע, זיסע ווערטער, ווערטער ווייך ווי צושמאָלצענער וואַקס, ווערטער זיס ווי דער אַראָמאַט פון אַ ניי־געבוירענער רויז. ער האָט שוין ערגעץ געהערט אָט די צויבערהאַפטע מלאכים־שטימע, נאָר דאָס איז געווען לאַנג, לאַנג צוריק, נאָך אין זיינע קינדערשע יאָהרען, ווען ער איז אַמאָל געשמאַק איינגעשלאָפען אויף זיין מוטער'ס ברוסט און איהם האָט זיך גע'חלום'ט, אַז גאָלד־לאָקיגע נימפען פלעכטען איין פרישע מאַי בלומען אין זיינע האָר און זינגען איהם ליעדער. יאָ, דעמאָלט האָט ער אויך געהערט אָט די טיעף־ריהרענדע, אָט די לייכטע, וואונדערליכע שטימע:

— דיין האַרץ איז אַ טיעף, אַ ליעבענד האַרץ. דו ליעבסט און דו ליידסט. דערום וועל איך דיר אַרויסזאָגען מיין שמערץ, אויפדעקען פאַר דיר מיינע געהיימע ליידען. מיין געשיכטע איז די געשיכטע פון דער מענשהייט, מיינע וואונדען זיינען מענשליכע וואונדען. מיליאָנען יאָהרהונדערטע זיינען אַוועק, זינט איך האָב פערלאָרען מיין טראָהן, פערלאָרען דעם טראָהן פון דער געטין פון ליכט, פון דער זונן פון אַלע זונען! יאָ, איך בין ניט אימער

געווען אַ בלאַסע, טרויעריגע הימעל־וואַנדערין. ס'איז געווען אַ צייט, ווען איך בין געווען אַזוי גרויס, אַזוי אַלמעכטיג, אַז דאָס, וואָס איהר רופט איצט זונן, פלעגט פערשווינדען אין מיינע פור־פור־רויטע שטראַהלען! יאָ, די זונן, אָט די שטאָלצע, עהרגייציגע קאָקעטקע, וועלכע אַנטלויפט איצט פון מיר אין איהר זעלבסט־צופריעדענער גרויסקייט, איז געווען ניט מעהר ווי מיין געהאָרכ־זאַמע שקלאַפין, וועלכע פלעגט בעוואַכען מיין טראָהן.

איך בין געווען די מעכטיגסטע בעלייכטערין פון דער וועלט! קיין שום קראַפט האָט ניט געקענט זיך שטעלען געגען מיר! דורך פעלזען און בערג, דורך אייזען און גראַניט פלעגען דורכ־דרינגען מיינע פורפורנע שטראַהלען, מיין גאָלדענעס טאָג ליכט! קיין שום הינדערנים פון די שטערבליכע איז ניט געווען אימ־שטאַנד אָבצוהאַלטען מיין ליכט, עס בערויבען פון לעבעדיגע אויגען. די שרעקליכע, טויטע פינסטערניש, וועלכע איהר רופט איצט נאַכט, צייט פון רוה, איז דאַמאָלס געווען אונבעקאַנט פאַר דער וועלט. ליכט, ליכט, אונענדליכעס ליכט האָט איבעראַל פער־שפרייט זיינע גאָלדענע פליגלען, און די צייט פון רוה איז ניט געווען אונטער די שוואַרצע וואָלקען פון אַ מרה־שחורה'דיגער נאַכט; ס'איז געווען אונטער דעם שטילען ליכטיגען הימעל, צווי־שען די דופטענדע פאַלמען און בלומען...

יאָ, איך בין דעמאָלט געווען די שטאָלצע קעניגין פון ליכט! איך בין געווען דאָס זונען־גליק פון דער מענשהייט! יעדע בלום, יעדע פלאַנצע, יעדע חיה, יעדעס לעבעדיגע וועזען האָט מיר גע־זונגען לויב־ליעדער און מיך געבענשט ביי זיך אין האַרצען. איך בין געווען גליקליך! כ'האָב גענאָסען דעם לוקסוס פון ליעבע און אונבעשרייבליכע פרייהייט!

אָבער אויך ביי געטער איז דאָס גליק ניט אייביג!

איינמאָל, אויף איינעם פֿון די גלענצענדע הימלישע בעלער, אין וועלכע עס נעהמען אָנטהייל אַלע געטער און געטינען, אַלע מלאכים און נימפֿען, האָב איך לעבען אַ זילבערנעם פֿאָנטאַן, אונטער אַ רייכער פּאַלמע, בעמערקט אַ מלאך. ער איז געווען שטיל און טרויעריג. ער האָט זיך נור וואָס אומגעקעהרט פֿון אַ לאַנגער רייזע אין דעם קעניגרייך פֿון די שטערבליכע, וואוהין די אַלמעכטיגע געטער האָבען איהם געשיקט, ער זאָל בעטראַכטען דאָס לעבען פֿון די ערדישע בעשעפֿענישען. איך האָב געגעבען אַ בעפֿעהל, מען זאָל אָט דעם מלאך ברייננגען צו מיר.

„פֿאַרוואָס ביסט דו אַזוי טרויעריג?" האָב איך איהם געפֿרעגט.

„פֿאַרוואָס נעהמסט דו ניט קיין אָנטהייל אין די פֿערשיעדענע שפּיעלען און טענץ פֿון די מלאכים און נימפֿען? פֿילייכט קענסט דו מיר דערצעהלען די אורזאַכען פֿון דיין טרויער?"

דער מלאך האָט אויפֿגעהויבען צו מיר זיינע גוטע, בלויע אויגען, אין וועלכע עס האָט געבליצט אַ פּערל-טרעהר, און מיט אַ ציטערענדער שטימע האָט ער געזאָגט:

„קעניגין פֿון ליכט! בעלייכטערין פֿון דער וועלט! דו פֿרעגסט מיך די אורזאַכע פֿון מיין טרויער, איך וועל עס דיר זאָגען. איך קום פֿון דער ערד, פֿון'ם קעניגרייך פֿון די שטערבליכע, און דאָס וואָס איך האָב דאָרט געזעהן, דאָס וואָס איך האָב דאָרט געהערט, צורייסט מיין האַרץ אין שטיקער. עס פֿילט אָן מיין ברוסט מיט צאָרן און גיפֿט, און אָט דער פּראַכטפֿולער הימלישער גן-עדן מיט זיין גלאַנץ, מיט זיין לוקסוס, איז מיר ניט ליעב. מיר קומט פֿאָר, עפּעס אַזוי ווי דער הימעל אונזערער וואָלט געווען פֿערשפּריים מיט טויטע מענשליכע קערפּערס, אַזוי ווי די גן-עדן-בלומען וואָל-טען געשמעקט מיט מענשליכען בלוט!

„אָה, קעניגין פֿון ליכט, וואַרף נור אַ בליק אויף די מענש-

ליבע וועלט! זעה, וואָס עס טהוט זיך דאָרט! אין טרערען און בלוט זיינען פערשוואומען טויזענדע מענשען־קינדער. דער שטאַר־קער דריקט דעם שוואַכען, דער זאַטער גלויבט ניט דעם הונגע־ריגען. ליגען און נידערטרעכטיגקייט טריאומפירען, וואַהרהייט און ליעבע שמאַכטען אין קייטען! וויפיעל אונשולדיגע פרויען ווערען דורך נויטה געטריבען צו אַ לעבען פון שמאַך און שאַנד! וויפיעל יונגע מענער זיינען געצוואונגען צו ווערן פערברעכער, רויבער, מערדער, ווייל אונוויסענהייט, האַרצלאָזיגקייט, אָרימקייט האָט זיי אַרומגערינגעלט פון קינדהייט אָן! די מענשהייט רעבעלירט געגען ערדישע און הימלישע געטער, ווייל די ערשטע און די לעצטע זיינען ניט מעהר ווי טיראַנען, ניט מעהר ווי קאַלטבלוטיגע פייניגער פון די ערדישע קינדער! זיי געניסען אַ וועלט פון לוקסוס און צופרידענהייט, זיי שלאָפען אויף דופטענדע בלומען, זיי טרינקען דערקוויקענדען וויין, אין דער צייט וואָס דאָס אָרעמע פאָלק אַר־בייט פאַר זיי, שמאַכט פאַר זיי און ווערט נאָך דערפאַר געטראָטען מיט די פיס! נור אייזלען גלויבען נאָך אויף דער ערד אין דער גערעכטיגקייט פון הימעל. זיי גלויבען, ווייל די נאַטור האָט פון זיי אַוועקגערויבט די פעהיגקייט צו דיינקען און פערשטעהן. אָבער אַלעס, וואָס איז געזונד אין פערשטאַנד, אַלעס, וואָס האָט אַ מענשליך האַרץ, שיקט אַ דרייפאַכען פלוך דער קראַפט, וואָס האָט געמאַכט די מענשהייט אזוי אונגליקליך, אַזוי עלענד, אַזוי בלוט־דורשטיג און באַרבאַריש!

„הייליגע געטין פון ליכט! ביי דיר אין די הענד איז דער סצעפּטער פון מענשליכען פריעדען און גליק. איין ריהר מיט דיין זונען־האַנד און די שקלאַפען־קייטען פאַלען, די באַרבאַרישע טראָהנען פערוואַנדלען זיך אין חורבות, און די טיראַנען וועלען זיך בוקען צו דיין ליכט! איין מאַך מיט דיין זונען־שווערד און

אַלעס, וואָס איז געמיין און ברוטאַל, ווערט פֿערשוואונדען פֿון דער ערד; די וועלט ווערט אַ צויבערהאַפֿטער גן עדן פֿון פֿריי־הייט, פֿריעדען און גליק!"

אַזוי האָט צו מיר גערעדט דער גוטער מלאך. און דאָס פֿייער פֿון זיינע הייליגע ווערטער האָט דורכגענומען מיין נשמה. אַלע שמערצען און טרעהרען פֿון די ערדישע מענשען־קינדער האָבען געברענט אין מיין ברוסט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך הער די האַרצרייסענדע געשרייען, די זיפֿצען און קרעכצען פֿון די אונגליקליכע אונטערדריקטע שקלאַפֿען פֿון דער ערד. פֿאַר מיר האָבען געשוועבט זייערע בלאַסע, פֿערוויינטע געזיכטער. זייערע פֿערטרערעהרטע אויגען האָבען געקוקט אויף מיר, ווי רופֿענדיג נאָך הילף, נאָך מיטלייד מיט זייערע שרעקליכע ליידען.

מיין האַנד איז שוין געווען גרייט אויפֿצוהויבען דעם סצעפּטער מיינעם געגען אַלע טיראַנען פֿון דער מענשליבער וועלט, צושמעטערן די טורמעס און די קייטען פֿון שקלאַפֿעריי, נאָר... פּלוצלינג איז צו מיר אין מיין הימלישען שלאָס אַריינגעפֿאַלען מיט אימפּעט דער גאָט פֿון אַלע געטער, דער טיראַן פֿון אונזער הימלישער מלוכה. דונער און בליץ זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך זיין יעדען טריט. ער האָט מיט ווילדען צאָרן געקוקט אויף מיר און אויף דעם איי־דעלען מלאך.

„ווער איז דאָס דער, וואָס וואַגט צו צווייפֿלען אין דער גע־רעכטיגקייט פֿון די הימלישע געטער?" האָט ער אויסגערופֿען מיט זיין דונערענדער שטימע, און אַלעס אַרום אונז האָט זיך אַרומ־געוואָרפֿען, ווי אין אַ געוואַלדיגען שטורם. אַלעס איז פּלוצלינג שטיל געוואָרען. נימפֿען און געטער האָבען אונז שווייגזאַם אַרומ־גערינגעלט און זיינען מיט אַרונטערגעלאָזענע קעפּ געשטאַנען פֿאַר זייער הימלישען הערר.

„דאָס בין איך דאָס דער, וועלכער צווייפעלט אין דער גע־רעכטיגקייט פון די הימלישע געטער און וועלכער אַנערקענט זייערע האַנדלונגען געגען די שטערבליכע, געגען די מענשען פאַר ברוטאַל, פאַר שרעקליך אונגערעכט!" האָט דער מלאך, דער הימלישער רעוואָלוציאָנער אויסגערופען מיט זיין מעכטיגען קול. „די מענשליכע וועלט איז אונגליקליך, טיראַניזירט איז זי, בערויבט פון פרייהייט און פריידען. אין נאָמען פון הימעל ווערן פער־שקלאַפט מיליאָנען מענשען, אין נאָמען פון הימעל ערלויבען זיך טיראַנען צו געוועלטיגען איבער גאַנצע נאַציאָנען, שמידען זיי אין די קייטען פון זייער הערשאַפט, רויבען, שענדען און מאָרדען אונשולדיגע מענער און פרויען, — אַלעס אין נאָמען פון הימעל, פון הימלישער גערעכטיגקייט! ווער זיינען איצט אויף דער ערד די פריסטער פון הימלישער גערעכטיגקייט? ווער זיינען זיי? שמו־ציגע היפאָקריטען, ליגען־פערשפרייטער, פערטהיידיגער פון טי־ראַניי און פאָלקס־פערדומונג, — דאָס זיינען די פריסטער פון הימלישער גערעכטיגקייט. אַרונטער מיט אַזעלכע געטער, וואָס האָבען ניט קיין מאַכט און קיין פערנונפט צו מאַכען פון דער וועלט אַ גן עדן פאַר די לעבעדיגע!"

די פלאַמענדע ווערטער פון דעם גוטען מלאך האָבען געמאַכט אַ מורא׳דיגען איינדרוק אויף די הימלישע פאַראַזיטען. זיי האָבען געציטערט פאַר שרעק און האָבען אַלע געקוקט אויף זייער אַל־מעכטיגען מאָנאַרך, וועלכער איז יעצט געווען אויסער זיך פון ווילדען צאָרן.

„פערדאַמטער גערעכטיגער!" האָט מיט שוים אין זיין געט־ליכען מויל אויסגעשריען דער הימלישער הערשער. „איז דען דער הימעל ווען עס איז געווען אונגערעכט געגען דער ערד?"

„יאָ!" האָט אויסגערופען דער מלאך.

„יאָ!" האָב איך איהם אונטערשטיצט. „די הימלישע געטער זיינען ניט מעהר ווי פּאַראַזיטען, וועלכע העלפען די טיראַנען אונטערדריקען די מענשהייט, און איך פאָדער די בעפרייאונג פון דער מענשליכער ראַסע פון אַלע איהרע הימלישע און ערדישע געטער!"

דער גוטער מלאך האָט מיט ליעבע און צערטליכקייט גע־וואָרפען אַ בליק אויף מיר.

„איך פאָדער דאָסזעלבע!" האָט ער זיך געווענדעט צו די הימלישע געטער און נימפען. „ווער פון אייך אָנוועזענדע שטימט איין מיט אונז?"

די שעהנע נימפען, די גאָלד-לאָקיגע מלאכים זיינען געשטאַנען שטום און האָבען מיט שרעק געקוקט אויף זייער הימלישען מייסטער.

„האַ, וואָס קומט דאָ פאָר? אַ רעוואָלוציאָן!" האָט געדונערט דער הימלישער מאָנאַרך. „ניין, דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין! נידער מיט די רעבעלען! שלעפּט זיי אין תפיסה, און לאָזט זיי ניט פריי ביז איך וועל אייך געבען מיין בעפעהל!"

מען האָט ביי מיר אָבגענומען מיין זונען־שווערד, אַרונטער־געריסען פון קאָפּ מיין זונען־קרוין און מיך אַריינגעוואָרפען אין קערקער אַלס אַ רעבעל געגען הימלישער הערשאַפט. דעם גוטען מלאך האָט מען אָבגעהאַקט זיינע גאָלדענע פליגלען און אַריינ־געזעצט ווי מיך אין תפיסה...

די בלאַסע לבנה איז אַ ווײַלע געבליבען שטיל. דער יונגער טרוימער האָט טרויעריג געקוקט אויף זיין הימלישע געליעבטע און געוואַרט אויף'ן סוף פון איהר לעבענס־געשיכטע.

— וואָס עס האָט פּאַסירט ווייטער, — האָט פאָרטגעזעצט די בלאַסע לבנה — איז זעהר טרויעריג. מען האָט מיך פער־

ריבען פֿון מיין גן עדן, מען האָט מיך פֿעראורטהיילט צו זיין אַן ייביגע נאַכט-וואַנדלערין. איך קען זיך נור דאַן ווייזען פֿאַר דער וועלט, ווען פינסטערניש בעדעקט די ערד-קוגעל. דער ערשטער שטראַהל פֿון פֿריה-מאָרגען פֿעריאָגט מיך צוריק אין מיין הימעל-תפיסה. אָבער דערפֿאַר בין איך נאָהענט צו דער ליידענדער מענשהייט און מיט מיינע בלאַסע שטראַהלען בעלייכט איך אָפֿט זייער וועג אין דער פֿינסטערניש... איך בין די פֿריינדין פֿון אַלע פֿערליעבטע און ליידענדע. די דיכטער בעזינגען מיך, וויל זיי פֿיהלען, אַז איך בין אויך אַ ליידענדע, אַ ליעבענדע זעעלע ווי זייערע. און וואו איז דער גוטער מלאך? פֿרעגסט דו. איך וועל עס דיר זאָגען: די אויפֿגערייצטע געטער האָבען איהם פֿערוואַנדעלט אין אַ שטורמישען ים.

„דו ליעבסט די מענשען?" האָט צו איהם געזאָגט דער הימלישער טיראַן, „גוט, איך וועל דיך שיקען צו זיי. נאָר ניט אַלס מלאך; איך וועל דיך פֿערוואַנדלען אין אַ ים. דו וועסט אימער יידען און רוישען. דיין ברוסט וועל איך אָנפֿילען מיט פֿערשיעדענע שלאַנגען און אַלערליי ברואים. אויף דיינע אַקסלען וועסט דו טראָגען שיפֿען מיט דיינע ליעבלינגע, מיט די, וועלכע דו האָסט אַזוי גוט פֿערטהיידיגט אין הימעל. אָבער פלוצלינג וועסט דו זיך דערמאָנען אָן מיין נקמה. דיין ברוסט וועט זיך אָנפֿילען מיט ווילדען צאָרן, זי וועט זיך הויבען ווי זודיגע וואולקאַנען און דו וועסט אומבריינגען אין די קאַלטע כוואַליעס די, וועמען דו האָסט אַזוי ליעב!... איך וועל דיך אַרומרינגלען מיט אַ פֿעלזען-טהורם, אָן וועלכען דו וועסט זיך אומזיסט אָנשלאָגען מיט דיין אויפֿגערעגטער ברוסט. דו וועסט ניט צוברעכען די פֿעלזען און וועסט אימער זיין מיין שקלאַף!"

דאָס איז געווען דער שרעקליכער אורטהייל פֿון דעם הימ-

לישען היינקער. אָבער דער גוטער מלאך האָט נאָך איצט אויך ניט פּערלאָרען זיינע האָפנונגען אויף דער צייט, ווען די מענשליכע וועלט וועט זיך בעפּרייען פּון אַלע הימלישע און ערדישע געטער. איך זעה זיך מיט איהם אָפט; ווען איך מאַך מיין נאַכט-רייזע שטעל איך זיך אָב לעבען דעם רוישיגען ים, אין וועלכען עס שלאָגט נאָך דאָס נאָבעלע האַרץ פּון מיין עהרליכען פּריינד. מיט מיינע בלאַסע שטראַהלען בעריהר איך זיין ציטערענדע ברוסט. ער דערפּרעהט זיך מיט זיין אַלטער פּריינדין און איך הער ווידער זיין שטאָלצע העלדען-שטימע:

שעהנע, ליידענדע הימעל-וואַנדערין! איך בין ווי אימער נאָך פּול מיט שטאָלץ, קראַפט און ליעבע. די צייט איז נאָהענט, ווען אַלע הימלישע און ערדישע טיראַנען וועלען פּאַלען, פּינסטערניש וועט פּערשווינדען, און די שקלאַפען-פּעלזען וועלען אומגעוואָרפּען ווערן דורך די שטורם-כוואַליעס פּון דער אויפגעוואַכטער פּרייהייט. דאַן וועלען מיר ווידער זיין צוזאַמען; איך, מלאך פּון מענשען-גליק, און דו, שעהנע געטין פּון זונען-ליכט! אומאַרעמט וועלען מיר בעגעגענען די ליידענדע מענשהייט און עפּענען פּאַר איהר דעם גן עדן פּון אַ פּרייען, דערקוויקענדען לעבען פּון ליעבע, פּריעדען און גליקזעליגקייט. ליכט און וואהרהייט מוזען זיעגען! און די, וועלכע זיינען בעוואַפּענט אין זייער נאָמען; די, וואָס שטעלען ליכט און וואהרהייט אַלס ענד-ציעל פּון דער מענשהייט, — זיי דאַרפען אימער זיין שטאָלץ און מונטער, ווייל די שעהנ-סטע פּערל-קרוין פּון דער מענשליכער וועלט בעדעקט זייער קאָפּ!

מוזיק.

(אַ געדיכט אין פּראָזאַ.)

איך האָב געהערט מוזיק, הייליגע בעצויבערענדע מוזיק; מוזיק, וואָס מאַכט פייכט דאָס אויג און וואַרעם דאָס האַרץ; מוזיק, וואָס צוגיסט זיך איבער אַלע גלידער, ווי אַן ערקוויקענדער באַלזאַם; מוזיק, וואָס טראָגט אייך אַוועק אויף איהרע זילבערנע פליגעל אין אַ וואונדערבאַרע וועלט פון זונענשיין, בלומען און ליעבע.

אָה! ווי זיס זיינען די בעגייסטערענדע מעלאָדיען! די מוזיק-פּאָעמאַ פון אַ ווערדי, די נאָבעלע, הערליכע האַרמאָניע פון אונשטערבליכע קינסטלער, ווי מאַיערבעער, גונאָ, ראָסיני...

ווי גליקליך פיהלט מען זיך צווישען די זיס-רוישענדע וועלען פון אַ מוזיקאַלישען ים!

ער וויגט אונז איין אין אַ גאָלדענער וויעג פון זיסע טרוימען, ער טראָגט אונז אַוועק ווייט און ווייטער פון אַלע ערדישע שטרע-בונגען און ליידענשאַפטען!

די גאָלדענע שטערען פון ליעבע, דער בלויער געוועלב פון הייליגסטע אידעאַלען, די שטילע, בלאַסע לבנה פון פּאָעטישען טרויער — אַלעס, אַלעס שפּיגעלט זיך אָב אין דעם גאָלדענעם ים פון דער מוזיק; אַלעס געפינט אַן אָבקלאַנג אין איהר בעצוי-בערענדער האַרמאָניע!

וועמען זיינען ניט בעקאַנט די נעמען פון די קינסטלער און געטער פון דער מוזיק? ווער פון אונז האָט ניט געהערט פון אַ בעטהאָווען, מאָצאַרט, וואַגנער, מאַיערבעער, גונאָ, ווערדי, ראָסיני, ליסט, שאָפען און רובינשטיין? די וועלט קרוינט זיי מיט לאָרבער-קראַנצען פון רוהם און אונשטערבליכקייט, זייערע גריבער זיינען בעדעקט מיט אונפערוועלקטע בלומען.

עס איז אָבער דאָ אַ געניאַלער, בעגייסטערטער דיכטער פון דער מוזיק, וועמעס נאָמען איז בעקאַנט נאָר ווייניגע, וועמעס קאָפּ איז ניט בעדעקט מיט לאָרבער-קראַנצען פון דער וועלט און דאָך האָט דיזער קינסטלער געגעבען דער מענשהייט אַן אונשטערבליכעס מייסטערווערק, וואָס וועט אימער לעבען אין האַרץ פון פאָלק און פיהרען איהם צו די נאָבעלסטע העלדען-טהאַטען.

זיין נאָמען איז רוזשע דע-ליסעל, זיין מייסטערווערק — די מאַרסעליעזע. ער האָט פערפאַסט דיזען וואונדערבאַרען שטורם-געזאַנג, דיזען געזאַנג פון פרייהייט און שטאָלצער אונאַבהיינגיגקייט אין 1792טען יאָהר, אין דער צייט פון רעוואָלוציאָנערען שטורם. דאַרום קלינגט אויך זיין מוזיק מיט אונבעזיגבאַרען מוטה, מיט הייליגער בעגייסטערונג פאַר אַלעס, וואָס איז נאָבעל און ערהאַבען.

הערט זיך צו צו דער מאַרסעליעזע, — פיהלט איהר ווי אין אייער האַרצען דערהויבט זיך אַ שטורם? פיהלט איהר, ווי אַן אונבעזיגבאַרע, שטאָלצע קראַפט רייסט אייך אַוועק פון אייערע אַלטעגליכע רעכענונגען, פון אייערע וואָכעדיגע געדאַנקען און עס ציהט אייך פאָרווערטס, פאָרווערטס אין פרייהייטס-קאַמפף: פאָרווערטס אויף דעם ברייטען שלאַכט-פעלד, וואו עס פלאַטערען די רויטע פאָהנען, וואו עס הילכען די קאַנאָנען, וואו אונזערע קאַמעראַדען פעכטען אַזוי בראַוו געגען שונא און קעמפפען ווי לייבען פאַר דער אַלגעמיינער בעפרייאונג! זאָלען מיר קאַלטבלוטיג

בלייבען שטעהן פֿון דער ווייטען? זאָלען מיר אָבגעבען אונזער לעבען, אונזער שטאָלצע יוגענד דער שמוציגער, בורזשואַזער וועלט פֿון שקלאַפֿען, פֿייגלינגע און פּאַראַזיטען? די וואונדערבאַרע מע־לאָדיע גרייפֿט אַלץ טיעפֿער און טיעפֿער אין אונזער האַרצען מיט איהר הערליכער שטימע: ניין! דו וועסט ניט איינבויגען דיין שטאָלצען קאָפּ פֿאַר די פֿערשימעלטע געטער פֿון לוקסוס, אונ־מענשליכקייט און צולאָזענהייט! ניין, דו וועסט צוברעכען די קייט, וועלכע שמידט דיך צו צו דיזען קליינגייסטיגען לעבען, און טראָץ אַלע הינדערניסע, טראָץ האַס און פֿערדאַמונג פֿון דיין פֿרעכען פֿיינד און דעם געלעכטער פֿון זאַטע נאַרען, וועסטו טראָגען פֿאָר־ווערטס דאָס עוואַנגעליום פֿון דער מענשען־ליעבע, דעם פֿאַקעל פֿון פֿרייהייט און גערעכטיגקייט!

איך געדיינק אַ טרויעריגען אָבענד. איך בין געזעסען אַליין אין מיין צימער. שוואַרצע געדאַנקען פֿון ווילדער פֿערצווייפֿלונג האָבען, ווי געדיכטע שטורם־וואָלקען, פֿערדעקט מיין לעבענס־וועג; מיינע הייליגסטע האָפֿנונגען, מיינע שטאַרקסטע איבערצייגונגען, צובראָכען פֿון ביטערען שטורם, זיינען ווי פּוסטע חורבות געלעגען שטום און לעבענסלאָז.

איך האָב געוויינט... געוויינט איבער מיינע געשטאָרבענע האָפֿנונגען; געוויינט איבער מיין פֿערוואונדעטע יוגענד, געוויינט איבער די טהייערע הייליגע אידעאַלען, וועלכע די וועלט האָט אַזוי ציניש, אַזוי ברוטאַל געטראָטען מיט איהרע פֿיס!

וועלט! וואָרום ביסטו אַזוי אונמענשליך? וואָרום אַזוי אונבאַ־רעמהאַרציג צו אַלעס, וואָס איז נאָבעל און פֿריי?

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ געזאַנג, אַ וואונדערבאַר־זיסען געזאַנג. איך בין געזעסען ווי בעצויבערט.

איז דאָס מעגליך, אַז דיזע נאָבעלע, הייליגע מענער, פֿול מיט טרייסט און אויפֿמונטערונג, זאָלען קומען פֿון דער מענשען־וועלט, פֿון דער קאַלטער פֿערפֿראָרענער וועלט? די טרערען האָבען זיך אָבגעשטעלט אין מיינע אויגען, איך האָב געפֿיהלט ווי מיין האַרץ צוגעהט פֿון דער צערטליכקייט פֿון דער מוזיק.

איז דאָס אַ טרוים? פֿאַר מיינע אויגען שוועבט אַן עדעלעס, ליעבענסווירדיגעס געזיכט: וואונדער־שעהנע אויגען פֿול מיט ליעבע און מיטלייד בליקען פֿריינדליך אַריין אין מיינע פֿערוויינטע אויגען. איך הער, ווי אין אַ טרוים, אַ זיס קלינגענדע שטימע: ליידענדער, היימלאָזער! זאָרג ניט, טרויער ניט, דו ביזט ניט אַליין אויף דער וועלט. איך בין מיט דיר, איך, די שטאָלצע ליעבהאָבערין פֿון יעדען פֿרייען גייסט; הויב אויף דיין שטאָלצען קאָפּ! צינד אָן אויף דאָס נייע דיין רויטען פֿאַקעל! קלינג אין די גלאָקען פֿון אויפֿשטאַנד! וועק דיינע ברידער!

איך האָב מעהר ניט געוויינט. שטאָלץ האָב איך אויפֿגעהויבען מיין קאָפּ. אין מיין קראַנקער ברוסט, ווי אונטער די וואַרעמע שטראַהלען פֿון אַ פֿריהלינגס־זונן, האָבען ווידער אָבגעלעבט און אויפֿגעבליהט פֿרישע בלומען פֿון נייעם לעבען, מוטה און בעגייסטערונג.

אונטער מיין פֿענסטער איז געשטאַנען אַן אָרימער, בלינדער מוזיקאַנט און האָט געשפּיעלט די מאַרסעליעזע. דאָס איז געווען אַ היימלאָזער וואַנדערער, אַן אונגליקליכעס קינד פֿון דער קונסט. זיינע קליידער זיינען געווען זעהר אָרעם. זיין געזיכט — צוקנייטשט און אַלט; אָבער איצט האָט אויף דיזען געזיכט געשפּיעלט אַ וואונדערבאַרער שטראַהל פֿון ענטהוזיאַזמוס, פֿון בליצענדער בעגייסטערונג. האָט ער אין דיזע מינוטען געטרוימט פֿון זיין געליעבטער היימאַטה פֿראַנקרייך? האָט אין זיין ברוסט געשטורמט

דער פֿרייער גייסט פֿון 1793? אָדער פֿילייכט האָט ער זיך ערינערט אָן די פֿערגאַנגענע טעג פֿון זיין יוגענד, ווען פֿול מיט האָפֿנונג און מוטה האָט ער אין די אָרעמס פֿון זיין געליעבטער געטרוימט פֿון אַ גאָלדענער צוקונפֿט? איך ווייס ניט. פֿול מיט פֿלאַקערענדען ענטהוזיאַזמוס, פֿול מיט נאָבעלע געפֿיהלען, וועלכע געפֿינען זייער שפּראַך נור אין האַרצען פֿון מוזיק, האָבען זיך די טענער מיט געניאַלער קראַפֿט אַרויסגעריסען פֿון אונטער זיינע פֿינגער.

די מאַרסעליעזע איז ענדליך פֿערשטאָרבען אין דער לופֿט. איך בין אַליין געשטאַנען ביי מיין פֿענסטער. דער בלויער הימעל האָט געפֿונקעלט מיט מיריאַדען פֿון שטערען, די בלאַסע לבנה האָט לעבהאַפֿט אַראָבגעקוקט אויף דער ערד און... אַ וואונדער־באַרער געדאַנק! מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך הער, ווי די פֿונקעלענדע שטערען, ווי די שטאָלצע לבנה און מיט זיי די גאַנצע נאַטור זינגט די מאַרסעליעזע... די בלאַסע ליליע, די בלוט־רויטע ראָזע, די ערוואַכטע נאַכטיגאַל — אַלע און אַלעס זינגט דאָס היילינגע ליעד פֿון פֿרייהייט, — די אונשטערבליכע מאַרסעליעזע.

ארטיקלען

פרינציפּענלאָזיגקייט פון דער זשארגאנישער ליטעראַטור אין אמעריקא.

וועלכער דיינקענדער מענש בעוואונדערט ניט די הייליגע פרייהייטס-ליעבע, דעם גייסטיגען לוקסוס, דעם אונבעזיעג-באַרען מוטה פון דער רוסישער יוגענד אויף'ן סאָציאַלען שלאַכט-פעלד? און ווילט איהר וויסען די קוועלע פון וועלכער די רוסישע העלדען האָבען געשעפּט זייער מוטה און בעגייסטערונג? ווילט איהר וויסען, וועלכע זיינען די וואָרצלען, וואָס פון זיי האָבען אַרויסגעשפּראָצט די גייסטרייכע בלומען, וועלכע בילדען יעצט אַ פּראַכטפאָלען רויזען-קראַנץ צווישען די דערנער פון דער רוסישער געשיכטע? — קוקט דורך די רוסישע ליטעראַטור פאַר די לעצטע 30 אָדער 40 יאָהר; וואַרפט אַ בליק אויף די אונשטערבליכע שריפטען פון איסקאַנדער, טשערנישעווסקי, ביעלינסקי, דאָבראָ-ליובאָוו, פּיסאַרעוו, שטשעדרין, טורגעניעוו, נעקראַסאָוו און פיעלע אַנדערע גלענצענדע פערטהיידיגער פון גלייכהייט און גערעכטיג-קייט, הייליגע אַפּאָסטאָלען פון פרייהייט און מענשען-ליעבע! הערט זיך צו צו זייער מעכטיגער שטימע, וועלכע קלינגט ווי אַ צורוף-גלאָק און וועקט יעדעם יונגע האַרץ צו אַ הייליגער טהעטיגקייט, צו אַן ענערגישען ווידערשטאַנד געגען דעם רוסישען בלוט-דורשטיגען דעספּאָטיזמוס! הערט זיך צו צו דער רעוואָלו-ציאָנערער שטימע פון דער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור — און איהר וועט בעגרייפען די מעגליכקייט פון אַזעלכע וואונדערבאַרע

ערשיינונגען, ווי די אונשטערבליכע פרייהייטס-קעמפּפער און קעמפּפערינען אויף דעם רוסישען סאָציאַלען שלאַכט-פעלד, וועלכע געפינען נור זייער גלייכען אין די קלאַסישע בילדער פון דער גריכישער און רוימישער געשיכטע!

די אַלע גלענצענדע דיינקער און פערטהיידיגער פון דעם אונטערדריקטען רוסישען פאָלק זיינען ערצויגען געוואָרען אויף דעם גייסט פון דער רוסישער ליטעראַטור. די פרייע רוסישע שריפט-שטעלער, דיכטער און קריטיקער האָבען אַריינגעאָטהעמט אין זייער הייליגע אַרבייט די ערהאַבענסטע אידעאַלען פון דער דיינקענדער מענשהייט. די עקאָנאָמישע און מאָראַלישע וואַהרהייטען פון 19טען יאָהרהונדערט, דער עסענץ פון אַלעם וואָס איז עדעל, טיעפזיניג און גייסטרייך האָט זיך קריסטאַליזירט אין דער רוסישער ליטע-ראַטור און האָט געשאַפען אַ פרישע, געזונדע גייסטיגע נאַהרונג פאַר דער בליהענדער רוסישער יוגענד. דער פרייער גייסט האָט פערשפּרייט זיינע הייליגע פליגעל, האָט דורכגעשניטען די טונקעליכע פינסטערניש און מיט זיין זונען-שווערד געצייגט דעם יונגען רוסישען פאָלק דעם ליכטיגען וועג צו אַלגעמיינער פרייהייט.—

עס איז וואַהר, אַז ניט בלויז די ליטעראַטור, נאָר אויך אַנדערע היסטאָרישע אומשטענדען האָבען געהאָלפען אויסאַרבייטען דיזען גייסטיגען עלעמענט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג; דאָך שטעהט עס פעסט, אַז די רוסישע ליטעראַטור איז געווען דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דער מאָראַלישער און רעוואָלוציאָ-נערער ענטוויקלונג פון דעם רוסישען יונגען דור.—

יעצט לאָמיר איבערגעהן אויף דעם אַמעריקאַנישען באָדען, וואו טויזענדע רוסיש-אידישע יונגע לייט, אָבגעריסען פון זייער היימאַטה, שפּראַך און ליטעראַטור, האָבען געמאַכט די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור פאַר זייער איינציגע קוועלע, פון וועלכער זיי שעפּען

יעצט זייערע בעגייסטערונגען, זייערע מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע אַנשויאונגען.

יעדער דיינקענדער מענש, וואָס איז בעקאַנט מיט דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור אין אַמעריקאַ, מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אַז זוכען אין דער אידישער זשורנאַליסטיק עפּעס אַ פּרינציפּ, אַן עהרליכע נאָכפאָרשונג נאָך וואַהרהייט איז איינפאַך לעכערליך. די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אין אַמעריקאַ האָט אַרויסגעהאַנגען אַ גרויסע רויטע פאָהן — אָבער ניט אַלס צייכען פון פרייהייט אָדער רעוואָלוציאָן, אָה ניין! די רויטע פאָהן בעדייטעט נור אַן אָקשיען, אַן אויספערקויף. די פאָהן צייגט אָן, אַז אויף דעם מאַרק פון דער אידישער זשאַרגאָן־שרייבאַכץ פערקויפען זיך אויס פאַר ביליגע פרייזען פון אונטערן האַמער פערשיעדענע חפצים: מענשליכער געוויסען, געשוואָרענע טרייהייט צום פאָלק, הייליגע אידעאַלען, עהרע, גייסט, מענשליכקייט, ברודער־ליעבע, רעספּעקט פאַר זיך זעלבסט, מיט איין וואָרט — אַלעס, מיט וואָס די ענטוויקעלטע מענשהייט פון היינטיגער צייט שטאָלצירט! אויף דיזען ליטעראַטור־אָקשיען קריגט איהר אַלעס, וואָס פערדאָרבען איז, און וואָס עס בעצאָהלט זיך בעסער, דאָס ווערט אַם מייסטען דאָרטען אָנגעשלעפּט.—

דאָך, אינטערעסאַנטער פאַר אַלעס זיינען די מערקווירדיגע קונצען־מאַכער, וועלכע איהר בעגעגענט אויף דיזען מאַרק. אין אייערע אויגען פערוואַנדלען זיך מענשען אין עולען. און זיי קלאַפּען מיט די גרויסע אויערען און הירזשען אויף אייך טאַקע ווי עולען. פּלוצלינג ווערט פון דעם עוזל אַ בילענדיגער הונד, וואָס שפּרינגט אייך אין פּנים אַריין און רייסט אייך פאַר די פּאָלעס — אַלעס אַזוי געשווינד און מערקווירדיג, אַז איהר מוזט ניט ווילענדיג אָנהויבען קליאַטשען בראַוואָ דעם אָרעמען קינצלער! און וואָס

מיינט איהר, קריגט ער פֿאַר דער גאַנצער אַרבייט? אַ גראָשען אָדער צוויי, אַ גלעט איבערן הַיִּקִל פֿון „גרויסען אָקשיעניער" און אַ צוזאָג פֿילייכט אויף נאָך אַ דושאָב!...

איהר בעגעגענט אויף דיזען ליטעראַטור-מאַרק די בעקאַנטע „כאַמעלעאָנס", די פֿיעל בעריהמטע חיה'לעך, וואָס בייטען אַלע מינוט זייער פֿאַרב און געשטאַלט, ווי עס פּאַסט זיי בעסער צו די אומשטענדען. זייער פֿעדער פֿערוואַנדלען זיי אין אַ נעץ צו פֿאַנגען גראָשענס; פֿון די פּריוויהייטס-שלאַכט-באַריקאַדען מאַכען זיי מאַרקעט-סטענדס, וואו זיי פֿערקויפֿען דעם פֿאָלק זייער'ע ווערטער „צוויי פֿאַר אַ פעני"—און דאָך זעלטען ווער עס ווערט ערשטוינט, זעהענדיג ווי

דאָס, וואָס היינט ווערט געלויבט און פֿערגעטערט,
ווערט מאָרגען מיט בלאָטע בעדעקט,
און איבערמאָרגען שוין ווידער פֿערצוקערט,
געשמייכעלט, גע'חנפ'עט, געלעקט...

און ווען איהר בעטראַכט אָט די אַלע טרויעריגע און לעכער־ליכע בילדער פֿון דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור און הויבט אויף אַ דונערענדען פראָטעסט געגען דער פּרינציפּענלאָזיגקייט, געגען דעם ציניזמוס, פּראָסטיטוציאָן פֿון אַ פֿערדאָרבענער, קאָרומפּירטער פּרעסע, דאַן הערט איהר אַ קאַלטבלוטיגען געלעכטער פֿון די „פּראַקטישע" מענשעלאַך: „קינד, וואָס מאַכסטו אַזאַ ליאַרם? אַ מענש דאַרף אַ לעבען מאַכען; זאָל זיך דיר דוכטען, אַז ער איז אַ שוסטער, וואָס קריגט בעצאָהלט פֿאַר זיינע שיך!" — „אָבער, איהר פּראַקטישע אונמענשען", שרייט דער אידעאַליסט, „מיר ריידען יעצט ניט וועגען שוסטעריי; מיר ריידען וועגען ליטעראַטור, פּרינציפּען, לעהרען!" — וואָס געהט דאָס איהם דעראָן? פֿון זיינעטוועגען רופֿט דאָס ניט ליטעראַטור נאָר שוסטעריי, אַבי ער זאָל דערביי אַ לעבען מאַכען...

מיר קענען ניט זיין אַזעלכע קאַלטע „פראַקטיקאַנטען" צוצו-זעהען רוהיג, ווי מען האָדעוועט דאָס אָרעמע פאָלק מיט פערטוכ-לטע, פערגיפטעטע קריטיקער; מיר זיינען ניט אַזוי פיעל „פראַקטיש" צו געבען אַ מאַך מיט דער האַנד אויף אַלעס אַחוץ אונזער מאָגען; מיר זיינען ניט אַזוי פיעל קאַלטבלוטיג צו בלייבען רוהיג, זעהענדיג ווי מען פערגיפטעט די גייסטיגע נאַהרונג פון דער אידישער יוגענד. מיר גלויבען אין דער מענשליכער ערציהונג דורך שריפט און וואָרט און מיר שטרעבען צו זעהען אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור אַזעלכע פערזייטע קערנער, פון וועלכע עס מוזען אַרויסשפראָצען די הייליגע בלומען פון פרייהייט, ליעבע און גערעכטיגקייט!

דער געזונדער עלעמענט, וועלכער לעבט נאָך אין פאָלק מוז ערוועקט ווערן צו הייליגער טהעטיגקייט! דער אונערבאַרמליכער בייטש פון שניידענדער קריטיק, פון פלאַמענדער סאַטירע מוז צושמעטערן די בלעבענע געטשקעס, צו וועלכע עס בוקט זיך יעצט די אונענטוויקעלטע מאַסע! דער באָדען פון דער זשאַרגאָני-שער ליטעראַטור מוז גערייניגט ווערן, די גיפטיגע גראָזען מוזען אויסגעריסען ווערן מיט'ן וואָרצעל און מאַכען פלאַץ פאַר איידעלע, הייליגע בלומען און פלאַנצונגען, וועלכע זאָלען ערוועקען און ערהויבען דעם גייסט פון'ם יונגען אידישען דור!—

זשארגאנישע דיכטער.

ענגלישע, דייטשע, רוסישע דיכטער, דיכטער פֿון יעדער שפּראַך האָבען זייערע קריטיקער, וועלכע צייגען אָן דעם דיכטער'ס גוטע און שלעכטע זייטען, צוגלידערן זיינע ווערקע, ווייזען איהם אָן זיין פּלאַץ אין דער ליטעראַטור און לערנען אויך דעם פובליקום צו אורטהיילען ריכטיג, אויף וויפֿיעל דער אָדער יענער דיכטער פֿערשטעהט דעם גייסט פֿון זיין צייט און אויף וויפֿיעל ריכטיג עס שפּיגלען זיך אָב אין זיינע ווערקע די מענשליכע נאַטור, שעהנ־הייט און הומאַניטעט, וואַהרהייט און פֿרייהייט, ליעבע און האַס, בעגייסטערונג פֿאַר די ערהאַבענסטע אידעאַלען פֿון דער מענשהייט און פֿאַר אַלעם, וואָס איז הערליך און פֿריי, איידעל און מענשענ־ווירדיג.

די וואַהרע קריטיק האַט פֿאַר זיך אַ צוויפֿאַכע אַרבייט. ערשטענס, אָנצואווייזען דעם קינסטלער זיינע פֿעהלערן, זיינע שוואַכקייטען, און אויב די קריטיק איז נור פֿערנינפֿטיג און אונ־פּאַרטייאיש שטרעבט זי דעם קינסטלער אויסצובעסערען. צווייטענס, אויסצואַרבייטען דעם געשמאַק פֿון די לעזער. די קריטיק צייגט זיי אָן דעם אונטערשיעד צווישען טאַלאַנט און פּאַטשקעריי, צווישען אַ ווערק, וואָס איז דאָס גייסטיגע קינד פֿון'ם שרייבער, פֿון זיין פֿיהלען און דיינקען און צאַפּעלט זיך אין זיין האַרץ ביז עס רייסט זיך אַרויס אויף דער פֿרייער וועלט צו שעפּען לופֿט און פֿרייהייט, און צווישען אַ שטיקעל געאָרדערטע, בעצאָהלטע אַרבייט, מיט גלעקלאַך און ווינצלאַך, אין וועלכער איהר זעהט ניט קיין שפּור פֿון

אַ דיכטער, נאָר דערפאַר שפּרינגט אייך אין צורה אַ פּאַיאַץ, אַ קאָמעדיאַנט, אַ „שוט־גאָראַכאָוואָי״, וועלכער בעשימפּפט די קונסט און חנפ׳עט די נידעריגסטע אינסטינקטען פון דעם האַלב־ענטוויקעלטען לעזער.—

די צייטונגס־קאָמעדיאַנטען האָבען, צו אונזער בעדויערען, אַ גרויסען ערפאָלג ביי דעם אידישען פּובליקום. די אורזאַכע פון דיזען טרויעריגען ערפאָלג איז פון איין זייט די אונוויסענהייט פון דעם זשאַרגאָנישען לעזער און פון דער צווייטער זייט די אָבוועזענהייט פון אַ וואַהרער פערנינפטיגער קריטיק, וועלכע זאָל זיין געשמאַק אין אַן אמת׳ן וועג אויסבילדען.

דאָס פערשווייגען פון אַלעס, וואָס איז וויכטיג, גייסטרייך און ערנסט ווערט אַזוי וייט געטריבען אין אונזער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, דאָס דער אידישער לעזער קעהרט זיך אָב פון אייך ווי פון אַ משוגענעם, אויב איהר גיט איהם עטוואָס אַזעלכעס צו לעזען, וואו ער דאַרף צולייגען אַביסעל זיין פערשטאַנד, אָנשטריינגען אַביסעל זיין פערנונפט. דאָס, זאָגט ער, איז עפּעס ניט פאַר מיר. דערפאַר אָבער וואַרפט ער זיך אַרויף ווי אַ הונגעריגער וואָלף אויף אַלעס, וואָס איז וויציג, לייכטזיניג, פּוסט און צווידערדייטיג, אָפטמאָל אויך ציניש, גראָב און נאַריש. שוין ניט ריידענדיג פון דעם, וואָס אַזאַ מין ליטעראַטור לאָזט ניט איבער אין זיין קאָפּ קיין איינציגען הערליכען געדאַנק, פערדאַרבט זי נאָך מעהר זיין געשמאַק, ערוועקט אין איהם אַן אַפּעטיט צו אַלעס, וואָס איז פּראָסט, כאַראַקטערלאָז און לייכטזיניג.

אונזערע זשאַרגאָנישע שרייבער, אָנשטאָט אויסצובילדען דעם אידישען לעזער און איהם פיהרען פאָרווערטס, מאַכען זיך אונטער אונטער׳ן נידריגען טאָן פון דער אונוויסענדער מאַסע, קרימען זיך און ברעכען זיך פאַר איהר און זיינען שטאָלץ מיט זייער ערפאָלג,

שטאָלץ מיט דער בלאָטע, אין װעלכער זײ זינקען אַלץ מעהר און מעהר, ביז זײ פֿערזינקען אין איהר אויף אײביג. דעם אידישען דיכטער, אויב ער איז װירקליך אַ דיכטער און ניט קײן בדחן, קומט אויס זעהר שלעכט צװישען דעם באַרג מיסט, װאָס „ער־שײנט" פֿאַר דעם אידישען פּובליקום אַלס קונסט און ליטעראַטור.

װאָס טױג דעם אידישען זשאַרגאָנישען לעזער, װעלכער איז ערצױגען אויף װיציגער ליטעראַטור, װאָס טױג איהם, פֿרעג איך אײך, אַן ערנסטער דיכטער, װעלכער, בלײבענדיג טרײ דער קונסט, דער װאַהרהײט, דעם גײסט פֿון זײן צײט, קען זיך ניט קרימען און קוליען פֿאַר דעם אידישען פּובליקום? װאָס טױג דעם אידישען לעזער דער קראַנקער דיכטער פֿון אונזער יאָהרהונדערט מיט זײן קלאָגענדיגער האַרפֿע, אין װעלכער עס קלינגען אָב די האַרצרײ־סענדע געשרײען פֿון זײנע מיליאָנען בערױבטע, פֿערשקלאַפּטע, פֿערהונגערטע ברידער! װאָס געהען איהם אָן דיזע טרױעריגע מעלאָדיען, אין װעלכע עס הערען זיך די זיפֿצען, דער פֿלוך פֿון טױזענדער פֿרױען, ערנידעריגטע, געשענדעטע פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אונזער „בעסטער" געזעלשאַפֿט! װאָס דאַרף זיך דער אידישער זשאַרגאָנישער לעזער צוהערען צום טרױעריגען טױטען־מאַרש, װאָס רײסט זיך אַרויס װי אַ שטורם פֿון דיכטער'ס האַרץ, אַ מאַרש פֿול מיט טרױער אָהן אַ סוף נאָך טױזענדע יונגע בליהענדע בלימעלאַך פֿול מיט לעבען און הימלישער שעהנהײט, װעלכע װערן צוטראָטען פֿון די שמוציגע פֿיס פֿון אונזערע „ציװיליזירטע" הער־שער, פֿון אונזערע „אַנשטענדיגע" בירגער...

װאָס געהט דאָס אַלעס אָן דעם אידישען לעזער! זינג איהם װיציגע ליעדעלעך, טאַנץ פֿאַר איהם אַ קאַזאַטשקע, קוליע זיך פֿאַר איהם, ברעך זיך פֿאַר איהם װי אַ גאַסען־קאָמעדיאַנט, און ער װעט דיר אַפּלאָדירען, ער װעט דיר פֿאַלען אויף'ן האַלז און שרײען: בראַװאָ!

אָרעמער אידישער דיכטער! פֿאַר וועמען שפּיעלט דיין האַרפֿע? פֿאַר וועמען פֿאַלען דיינע טרערען? וועמען לאָזסטו אַריין אין די היילינגסטע ווינקעלאַך פֿון דיין ליעבענדער, ליידענדער זעעלע!

די טרויעריגע ראָלע פֿון יעדען וואַהרען אידישען דיכטער האָט גוט פֿערשטאַנען און געשילדערט דער געניאַלער רוסישער און אידישער פּאָעט ש. פֿרוג. לעזט דורך זיינע עטליכע סטראָפֿען און איהר וועט זעהן דעם אונטערשיעד פֿון אַ וואַהרען דיכטער ביז אַ גראַמען־שרייבער. איהר וועט הערען די מעלאָדיע פֿון אַ פּאָעטישער האַרפֿע, אין וועלכער עס צאַפּעלט זיך אַ האַרץ, אַ גרויס מענשליך האַרץ, וואָס קלאַפּט פֿאַר די ליידענדע, פֿאַר די אונטערדריקטע, וואָס פֿיהלט טיעף די אונענדליכע ליידען פֿון דער מענשהייט און קען ניט שמייכלען, קען זיך ניט אָבגעבען מיט וויצען און ווערטלאַך, קען ניט טאַנצען אַ קאַזאַטשקע, ווען ביי איהרע פֿיס זיפֿצט און בלוטעט די פֿערשקלאַפֿטע מענשהייט.

אָט דאָס זיינען פֿרוג׳ס הייליגע ווערטער:

די גאַנצע נאַטור איז מיין רבי געווען:
זי האָט מיך געלערענט אי זינגען, אי שפּיעלען,
זי האָט מיך געלערענט אי דיינקען, אי פֿיהלען,
זי האָט מיר געצייגט וואָס איז מיאוס און וואָס שעהן,
דאָס האַרץ זאָל זיין פֿריש און דער קאָפּ זאָל זיין ניכטער,
צו אַלץ זאָל איך האָבען אַ וואָג און אַ מאָס...
און איך בין געוואָרען, צו מזל, אַ... וואָס?
אַ דיכטער, רבותים, אַ א י ד י ש ע ר ד י כ ט ע ר!

איהר ווייסט וואָס דאָס איז? וואָס דאָס האָט פֿאַר אַ ווערטה?
פֿון וואַנען דאָס נעהמט זיך?... אַך, לאָזט מיך צופֿריעדען!
פֿערשאָלטען איז דער, וועמען גאָט האָט בעשערט
צו זיין אַ משורר... ביי אידען!

א משורר — אַ כלי-זמר, אַ בדחן איז ער:
אַ גראַם און אַ ווערטעל, אַ ליעדעל, אַ נגון,
אַ דרעה זיך אַהין און אַ קרים זיך אַהער—
דער עולם זאָל האָבען פון איהם פערגניגען.

און וועה איז צו איהם, אויב עס זיצט אין זיין ברוסט
אַ לעבעדיג האַרץ, פול מיט ליעבע און צאָרען,
וואָס לאָזט איהם ניט מאַכען צו שפּאָט און צו לוסט
די האַרפּע, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען,
ער זאָל אויף איהר שפּיעלען דאָס הייליגע ליעד
פון האָפנונג און ליעבע, ער זאָל מיט זיין שפּיעלען
ערוועקען די גוטע און ריינע געפיהלען
פון טרייהייט און עהרליכקייט, פריינדשאַפט און פריעד.

יאָ, וועה איז צו איהם! — ער וועט זיין ווי דער קול,
וואָס שרייט אין דעם מדבר צו שטיינער און ביינער:
עס וועלען איהם הערען דער באַרג און דער טהאָל,
דער וואַלד און דאָס פעלד... אָבער מענשען — ניט איינער!
אַ איד וועט זיך נעהמען דאָס בערדעל אין האַנד,
וועט שטעהען דעם קאָפּ אויף אַ זייט אָנגעבויגען,
וועט הערען מיט אויערען, קוקען מיט אויגען
און טאַקע פערשטעהען... אַזוי ווי די וואַנד!...

אַך, זאָגט מיר, ערקלעהרט דאָס מיר ריכטיג און גוט,
וואָס איז דאָס מיט אידען געוואָרען?—
אַזוי פיעל געליטען אין שרעק און אין צאָרען,
אַזוי פיעל פערגאָסען אי טרערען, אי בלוט;
אַ טאָג געהט ניט פאָר, וואָס ער זאָל ניט צוקראַצען,
צושטעכען אַ מכה אָט וואו נאָר אַ גליעד;
עס שיטען זיך צרות ווי באָב — און אַ איד?—
אַ איד דאַרף אַ כלי-זמר מיט פויקען און טאַצען,

אַ בדחן מיט גראַמען און ווערטלעך; אַט דאָס
פֿערשטעהט ער, אויף דעם איז ער, זעהט איהר, אַ מבֿין:
עס וואַקסט אין איהם פשוט דאָס האַרץ ווי אויף הייוועז,
ער טרינקט פֿון דעם נחת און פֿרייד אָהן אַ מאָס;
אַ פשט׳ל, אַ ווערטעל, אַ נגון, אַ ליעדעל,
אַ מעשה, אַ חידה, אַ גראַם און אַ שפיעל...
פֿאַר וואָס-זשע זינגסט דו אַזוי טרויעריג, שטיל,
מיין פֿיעדעל, מיין אַלטע, צובראָכענע פֿיעדעל?

רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק.

דיין אַ רעוואָלוציאָנער הייסט, ניט נור גלויבען אין דער סאָציאַלער אומוועלצונג, אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, נאָר האַנדלען רעוואָלוציאָנער אין אַלע הינזיכטען, אין אַלע אַנגעלעגענהייטען, וואָס האָבען עטוואָס צו טהאָן מיט דער בעפרייאונג פון דעם פערשקלאַפּטען פּראָלעטאַריאַט.

אַ רעוואָלוציאָנער האָט נור איין וועג פאַר זיך, דאָס איז דער וועג פון פעסטע, אייזערנע רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען, וועלכע שטיצען זיך אויף פאַקטען פון דער וועלט־געשיכטע, אויף די ריינע, נאַקעטע וואַהרהייט, אויף דעם געזונדען מענשען־פערשטאַנד. דיזע איבערצייגונגען ערלויבען ניט קיין קאָמפּראָמיסען (פשרות) אונטער קיינע אומשטענדען.

ווי שווער, ווי אונאַנגענעהם דער רעוואָלוציאָנערער וועג איז; וואָס פאַר שטעכענדיגע, גיפטיגע דערנער עס זאָלען ניט זיין דאָרט; וואָס פאַר הויכע בערג און שרעקליכע פעלזען עס זאָלען זיך איהם ניט פאָרשטעלען אויף זיין געפעהרליכען וועג, — טאָר דער רע־וואָלוציאָנער ניט אָבטרעטען ניט אויף אַ האַלבען שריט פון דער ליניע, וועלכע ליגט פאַר איהם רויט אַנגעצייכענט מיט טרעהרען און מיט בלוט פון די ערמאָרדעטע שקלאַפען; ער טאָר ניט אָב־טרעטען פון דער רעוואָלוציאָנערער ליניע, וועלכע פיהרט צו דער פרייהייט, צו דער פאָלקאָמענער בעפרייאונג פון דער הערשענדער טיראַניי

יעדער רעוואָלוציאָנערער שריט פאָדערט אָפּפער. ער מוז

געמאַכט ווערען מיט געוואַלט, מיט העלדענמוטה און מיט אייזערנער ענערגיע. יעדער נייער שריט בעשאַפֿט דעם רעוואָלוציאָנער נייע פֿיינד צווישען די אונטערדריקער און נייע פֿריינד צווישען די אונטערדריקטע.

דער רעוואָלוציאָנער האַסט די דיפּלאָמאַטיע, ער קען ניט ליידען די הינטער־פּיסלעך, ער קאָקעטירט ניט מיט די אַרבייטער, ער מאַכט ניט קיין חן'דלעך דער אונוויסענדער מאַסע, אום צו געווינען איהר פֿערטרויען, מיט אַ פֿעסטער האַנד רייסט ער אַראָב דעם פֿאָרהאַנג פֿון אַלע שרעקליכע פֿערברעכען און נידערטרעכטיגקייטען פֿון דער היינטיגער געזעלשאַפֿט; מיט דעם אייזערנעם האַמער פֿון זיינע פֿעסטע, אונבעשטרייטבאַרע איבערצייגונגען צוהאַקט ער די גאָלדענע און שטיינערנע געטער, פֿאַר וועלכע די מאַסע בוקט זיך אין איהר אונוויסענהייט.

ווען די מאַסע געהט אַרויס אין קאַמפּף און געברויכט וואַפֿען, וועלכע זיינען מעהר שעדליך פֿאַר די קעמפּפֿענדע, איידער פֿאַר די, וועמען זי וויל בעקעמפּפֿען; ווען דער רעוואָלוציאָנער פֿערשטעהט, אַז אַלע שרעקליכע אָפּפֿער, וועלכע דער קאַמפּף פֿאָדערט, זיינען נוצלאָז, אַז די אַלע אָפּפֿער קענען קיינמאָל ניט בעפֿרייען דעם שקלאַף פֿון זיינע קייטען, — דאַמאָלס מוז דער רעוואָלוציאָנער צייגען זיינע ברידער די וואַהרהייט, ווי אונאַנגענעהם זי זאָל ניט זיין.

שרייען צום פֿאָלק, „דו האָסט געזיעגט!" ווען דער זיעג בעדייטעט ווייטערע שקלאַפֿעריי, ווייטערע רויב און מאָרד פֿון דער הערשענדער קלאַסע איבער דעם אונטערדריקטען פּראָלעטאַריאַט; שרייען צום פֿאָלק: „דו האָסט געזיעגט!" דאַן, ווען דער שקלאַף מוז אָנטהאָן אויף דאָס ניי די פֿערבלוטיגטע שקלאַפֿענקייטען און צוזאַמען מיט זיין פֿרוי און קינד אָנבויגען דעם אויסגעמאַטערטען רוקען פֿאַר דעם פֿעטען בורזשוא, פֿאַר דעם טיראַ־

נישען אויסבייטער, שרייען — זאָג איך — אין אזעלכע ביטערע מינוטען צום פֿאָלק: „דו האָסט געזיעגט!" קען נור אַ קריכער, אָבער ניט קיין רעוואָלוציאָנער.

די ריינע, נאַקעטע וואַהרהייט! קיין קאָמפּראָמיסען אונטער קיינע אומשטענדען! דאַרף זיין דאָס מאָטטאָ פֿון אַ רעוואָלוציאָנער. מען וועט אונז זאָגען: „ס'טייטש! דאָס איז דאָך אונפּראַקטיש!" דאַן, זאָג איך, וויל איך בעסער שטעהן פֿאַר אַן אונפּראַקטישער וואַהרהייט איידער פֿאַר אַ פּראַקטישען ליגען! און וואַרום איז די וואַהרהייט אונפּראַקטיש? לאָמיר אומיסטען זעהן, וואָס האָבען אויפֿגעטאָהן די פּראַקטישע מיט זייער פּראַקטיק? וואָס איז געװאָרען פֿון די מיליאָנען סאָציאַליסטישע שטימען אין דייטשלאַנד? וואָס איז געוואָרען פֿון די גרויסע פּאַראַדען, פֿון די גרויסאַרטיגע מאַרטשען, פֿון דעם זיעג איבער ביסמאַרק און פֿון די אַנדערע פּראַקטישע זיעגען?

דער קייזערליכער סאָציאַליסט איז איצט בעשעפֿטיגט מיט „פּראַקטישע" רעפֿאָרמען, ווי בעסער צו דערשטיקען די סאָציאַלע בעוועגונג אין דייטשלאַנד: „אַזוי וויל איך! אַזוי בעפֿעהל איך!" איז איצט זיין מאָטטאָ. אין זיין רעדע צו די סאָלדאַטען האָט ער זיך זעהר דייטליך אויסגעשפּראָכען, אַז דער איצטיגער פֿיינד פֿון דייטשלאַנד איז ניט רוסלאַנד, ניט פֿראַנקרייך, ניין! דיעזער פֿיינד איז דער דייטשער סאָציאַליזמוס און מיט איהם דאַרף מען זיך איצט ראַנגלען! מיט אַנדערע ווערטער, די מאָרד־קאַנאָנען פֿון דער דייטשער אַרמעע דאַרפֿען איצט געריכטעט זיין געגען די פֿערטהיידיגער פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט! די לעצטע רעפֿאָרמע פֿון דיזען קייזערליכען סאָציאַליסט, ווי די צייטונגען מעלדען, איז דער פֿערבאָט, אַז די בערלינער סאָלדאַטען זאָלען ניט בעזוכען די 79 ווירטהשאַפֿטען, וועלכע געהערען צו די סאָציאַל-דעמאָקראַטען.

אַלזאָ, דאָס זיינען די פּרוכטען פון דעם פּראַקטישען וואהל־קאַמפּף! דאָס זיינען די פאָלגען פון די גלענצענדע מאַרטשען, פון די מיליאָנען שטימען, וועלכע זיינען איצט פערשטומט געוואָרען פאַר די דעספּאָטישע שטימע פון אַ געקרוינטען באַנדיט!

די בעגעבענהייטען פון'ם דייטשען געזעצליכען סאָציאַליזמוס זיינען פאַקטען, שלאָגענדע בעווייזע, דאָס דער רעוואָלוציאָנער האָט נור איין וועג: דעם אונגעזעצליכען, דעם ריין רעוואָלוציאָנערען; דאָס אַלע געזעצליכע, פּאַרלאַמענטאַרישע רעפאָרמען, וועלכע געהען דורך די הענד פון בורזשואַזנע פּאָליטיקער, זיינען נור זייפען־בלאָזען, וועלכע הייבען זיך אין דער הויך, שפּילען און גלענצען מיט שעהנע פאַרבען און — פּלאַצען באַלד, איבערלאָזענדיג אביסעל שמוציגע וואַסער.

דער רעוואָלוציאָנער מוז פאָרטזעצען זיין וועג, ווי שווער, ווי אונדאַנקבאַר ער זאָל איצט ניט זיין; ער טאָר זיך ניט יאָגען נאָך אַן ערפאָלג, ווען דיזער ערפאָלג מוז געקויפט ווערען אפילו מיט דעם קלענסטען קאָמפּראָמיס; ער טאָר ניט פערשווייגען, וואָס איז וואהר און לאָגיש. ער מוז דורכברעכען דעם ניט אויסגעטראָטענעם וועג צו דער אַלגעמיינער פרייהייט, ער מוז מיט זעלבסט־אויפאָפּפערונג, מיט שווייס און בלוט פערטהיידיגען זיין פרייהייטס־לעהרע. פעראַכטעט, פערפאָלגט, אפילו אונטער דעם שוואַרצען שאָטען פון דער תליה, מוז ער געדיינקען זיין מאָטטאָ: די ריינע, נאַקעטע וואהרהייט! קיין קאָמפּראָמיסען אונטער קיינע אומשטענדען!!

אנארכיזם־קאמוניזם.

מאַכט אַ פֿאָרשלאַג אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט צו בויען נייע טורמען, נייע אַסטראָגען, נייע דול-הייזער; מאַכט אַ פֿאָרשלאַג פֿאַר נייע פינקערטאָנס, פֿאַר נייע מאָרד-אינסטרומענטען, און טויזענדער וועלען אייער פֿאָרשלאַג אונטערשטיצען און אָנווענדען אַלע קרעפֿטען איהם דורכצופֿיהרען.

פרואווט אָבער איבערציינגען דער געזעלשאַפֿט, אַז די מענשהייט איז ניט קיין ווילדע חיה און דאַרף ניט קיין אייביגע קייטען און שטייגען; זאָגט איהר, אַז מיר קענען עקזעסטירען אָהן הערשער, אָהן טיראַנען, אָהן פינקערטאָנס, אָהן מאָרד-אינסטרומענטען, אָהן באַרבאַרישע געזעצען, אָהן געזעצמאַכער — און מען וועט אייך אָנקוקען ווי אַ משוגענעם, ווי אַ רוהע-שטערער, און ווען איהר וועט טרייבען אייערע איבערצייגונגען צו וייט, וועט מען אייך אַריינוואַרפֿען אין קערקער אָדער דערשטיקען אויף דער תליה.

נאָך מעהר, די אונטערדריקטע מאַסע אַליין, אין די אינטערעסען פֿון וועלכע איהר טרעט אַרויס געגען שקלאַפֿעריי, און אויך דער פֿאָרטגעשריטענער עלעמענט פֿון דער מאַסע, וועט אויף אייך קוקען מיט פֿורכט און צווייפֿעל און וועט אייך זאָגען אַזוי:

יאָ, ברודער, דו ביזט טאַקע גערעכט, בערויבט זיינען מיר, אונטערדריקט זיינען מיר, אָבער וועלען מיט אַמאָל גאָר ניט האָבען קיין רויבער און גאָר קיין אונטערדריקער, דאָס איז אונמעגליך! מיר קענען די קייטען פֿערבייטען אויף קייטעלאַך, די בלוט-צאַפֿערס אויף בלוט-צאַפֿערלאַך, די גרויסע באַרבאַרישע געזעצען אויף

קליינע באַרבאַרישע געזעצלאַך, אָבער עקזיסטירען אָהן אַ שום רעגירונג, אָהן וואָסערע עס איז געשריבענע געזעצען, — דאָס קען נור פאָדערן אַ פערריקטער!

איצט לאָמיר אַקאָרשט זעהן, אויב צו פאָדערן די אָבשאַפונג פון יעדע רעגירונג, פון יעדען באַרבאַרישען געזעץ דאַרף מען זיין פערריקט, אָדער פיליכט גאָר פערקעהרט, דאָס הייסט רעגירונגען און געשריבענע געזעצען האָבען נור אַ מאַכט איצט דערפאַר, ווייל די מאַיאָריטעט פון דער הייגטיגער געזעלשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר אַ גוטען קאַנדידאַט פאַר אַ דול-הויז...

די יעניגע, וואָס פאָדערן די אָבשאַפונג פון רעגירונגען, אין וואָס פאַר אַ פאָרמע זיי זאָלען ניט זיין, די אָבשאַפונג פון געשריבענע געזעצען, וואָס פאַר אַן אינהאַלט זיי זאָלען ניט האָבען, — דיזע מענשען הייסען אַ נ אַ ר כ י ס ט ע ן. דאָס וואָרט אַנאַרכיזמוס בעדייטעט הערשאַפטסלאָזיגקייט, דאָס הייסט, די אַנאַרכיסטען שטרעבען צו אַזאַ צושטאַנד, וואו איין מענש וועט ניט הערשען איבער דעם צווייטען, וואו אַ ל ע וועלען זיין גלייך אין זייערע מענשען-רעכטע.

וואָס קען זיין, דוכט זיך, איינפאַכער און נאַטירליכער, ווי צו פאָדערן, אַז דער צווייטער זאָל ניט קאָמאַנדעווען איבער מיר, און וואָס קען זיין עהרליכער און נאָבעלער, ווי צו שטרעבען צו אַזאַ צושטאַנד, וואו איך זאָל ניט האָבען די מעגליכקייט צו קאָמאַנדעווען איבער'ן צווייטען? דאַרף מען דען נאָך ברייננגען וויסענשאַפטליכע פאַקטען, אום צו דערווייזען, אַז בעהערשען דעם צווייטען, אָדער זיין אַליין אונטער'ן צווייטענס הערשאַפט, איז אַ געוואַלדיגער פערברעכען געגען מענשליכע פרייהייט און גליק?

נאָך ווילדער קלינגען אונז די אַרגומענטען געגען אַבסאָלוטע הערשאַפטסלאָזיגקייט, ווען מיר פאָרשען נאָך די ענטשטעהונג

און ענטוויקלונג פון רעגירונגען, און פון דעם שטאַאַט איבער־הויפּט.

ווילדהייט, אונוויסענהייט, און פינסטערניש דאָס איז די מוטער פון רעגירונגען. ברוטאַליטעט, העסליכע שקלאַפעריי און מאַסען־מאָרד זיינען זייערע קינדער. ווען די מענשהייט איז געווען נאָך אין איהר קינדהייט, אויף די ערשטע שטופען פון איהר ענטוויקלונג און האָט געלעבט אין זאָגענאַנטע „טרייבס“, שבטים, ווי איצט די ווילדע אינדיאַנער, דאַמאָלס זיינען ענטשפּרונגען די ערשטע טיפען פון רעגירער און רעגירונגען. דאָס זיינען געווען די יעניגע פון די ווילדע, וועלכע האָבען געהאַט אַ שטאַרקערע פיזישע קראַפט און האָבען זיך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט מיט ווילדע טהיערען און אין בלוטיגע מלחמות מיט אַנדערע ווילדע: אַמאָל פאַר אַ פרוי, אַמאָל פאַר אַ פעל פון אַ דערשלאָגענער חיה; אָדער זיי פלעגען בעווייזען זייערע מאַיעסטעטישע אייגענשאַפטען מיט דעם, וואָס זיי פלעגען מזיק'ן יעדען איינעם, וואָס איז זיי געשטאַנען אין וועג. אָט פון דיזע ברוטאַלע וואַלד־גזלנים זיינען ענטשטאַנען אונזערע רעגירער און אונזערע רעגירונגען. אָט דאָס איז דאָס אייזען, פון וועלכען יאָהרהונדערטע האָבען געשמידט קייטען פאַר דער ליידענדער מענשהייט און האָבען געשטיקט אויף יעדען שריט און טריט דעם פרייען מענשליכען גייסט.

עס וואָלט גענומען פיעל צייט דורכצוקוקען אַלע שטופען וועלכע די רעגירונגען זיינע דורכגעגאַנגען, ביז זיי זיינען געקומען צו דעם איצטיגען צושטאַנד פון ציוויליזירטע הערשער. איך וועל נור זאָגען, וויפיעל פאָרמען און וואָס פאַר פאָרמען די רעגירונגען האָבען אָנגענומען אין זייער עקזיסטענץ, וואָס פאַר נעמען זיי האָבען זיך געגעבען און וואָס פאַר מאַסקעס זיי האָבען געטראָגען, — איין זאַך שטעהט פעסט, די וויכטיגע אייגענשאַפט

פֿון הערשער: אונוויסענהייט, טיראַניי און ברוטאַליטעט, זיינען געבליבען, ווי אַ'מער, דער פֿונדאַמענט פֿון רעגירונגען. אונטער דעם פֿראַק פֿון אַ רעפּובליקאַנישען שטאַאַטס-מאַן שטעהט פֿאַר אונז דער ווילדער וואַלד-גזלן, וואָס איז בערייט צו דערווערגען יעדען איינעם, וואָס פּראָטעסטירט געגען זיין פּאָליטיק-שווינדעל אָדער דעספּאָטיזמוס. דער אונטערשיעד איז נור, וואָס די ווילדע פֿלעגען זיך בענוגענען מיט דעם פֿלייש פֿון אַ חיה און היינטיגע הערשער דורשטען נאָך מענשליך בלוט און פערצעהרען דאָס פֿלייש פֿון זייערע אייגענע שוועסטער און ברידער. מיר קענען זאָגען, אַז נאָך קיינמאָל האָבען רעגירונגען ניט עררייכט אַזאַ ברוטאַלע קראַפֿט, אַזאַ געוואַלדיגע טיראַנען-מאַכט ווי איצט. צוזאַמען מיט די רעליגיאָנס-פֿערפֿינסטערער, צוזאַמען מיט די רויבער פֿון דעם אָרעמען אַרבייטער-פֿאָלק, שטעהן די רעגירונגען ווי אייזערנע פֿעלזען אויף דער ברוסט פֿון'ם פּראָלעטאַריאַט. וועלכער מענש מיט אַ געזונדען פֿערשטאַנד, וועלכער מענש מיט אַ פֿונק פֿון עהרליכקייט און פֿון מענשליכע געפֿיהלען וועט ניט פֿאָדערן מיט יעדען טראָפּען פֿון זיין בלוט די אַבסאָלוטע פֿערניכטונג פֿון יעדען סאָרט רעגירער און רעגירונג אין דער מענשליכער געזעלשאַפֿט!

דער באָדען, אויף וועלכע רעגירונגען זיינען געשטאַנען און שטעהן נאָך איצט, איז בעגאָסען מיט אונשולדיגען בלוט פֿון זייערע הימעל-שרייענדע נידערטרעכטיגקייטען. טויזענד-יאָהריגע קאָרופּציאָן און די שענדליכסטע פּראָסטיטוציאָן האָבען דאָרטען געבויט זייערע נעסטען. אויף אַזאַ באָדען איז ניטאָ קיין פּלאַץ פֿאַר עטוואָס מענשליכעס. עס קען ניט ווערן רעפֿאָרמירט, עס קען ניט ווערן געהיילט. אַזאַ פּעסט פֿאָדערט פֿערניכטונג, אַבסאָלוטע צושטערונג. דאָס וואָרט רעגירונג האָט קיין פּלאַץ אין דעם ווערטער-בוך פֿון פֿרייע מענשען.

וואָס פֿאַר אַ נאָמען איהר וועט ניט געבען דער הערשאַפֿט, דער רעגירונגס-מאַכט, — אונטערדריקונג וועט זיין איהר אויפֿגאַבע, נייע קייטען צו שמידען פֿאַר דעם פֿרייען מענשליכען גייסט וועט זיין איהר אַרבייט. זי וועט דיזע קייטען אָנרופֿען געזעצען, און פֿיליכט אויך ליבעראַלע, פֿערנינפֿטיגע געזעצען, אָבער אין דער ווירקליכקייט וועט דאָס נור זיין אַ מיטעל, ווי אַם בעסטען צו עקספּלאָאַטירען און צו מאָנאָפּאָליזירען דעם שוואַכען, דעם שוצלאָזען, דעם אונערפֿאַהרענעם מענשען.

פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב ביז איצט געזאָגט, איז קלאָר, אַז יעדער רעכט-דענקענדער מענש איז מאָראַליש פֿערפֿפֿליכטעט צו קעמפּפֿען געגען יעדען סאָרט רעגירונג, געגען דער מאַכט פֿון יעדען מין געשריבענע געזעצען, וועלכע זיינען ניט מעהר ווי אַ טיראַנען-געוועהר, געריכטעט געגען די אָרעמע און אונערפֿאַהרענע מענשען.

אָבער (און דאָס איז אַ גרויסער אָבער) פּאָליטישע פֿרייהייט איז נאָך ניט קיין פֿרייהייט. מיר מוזען זיין אויך עקאָנאָמיש פֿריי, אום צו קענען געניסען די פֿולע מענשליכע פֿרייהייט. און דאַרום זיינען מיר ניט נור אַנאַרכיסטען, נאָר — אויך ק אָ מ וּ נ י ס ט ע ן.

מיר ווייסען די געשיכטע פֿון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט און מיר זיינען איבערצייגט, אַז פּריוואַט-אייגענטהום איז ניט מעהר ווי אַ טויזענד יעהריגע רויבעריי פֿון דעם שטאַרקען ביי דעם שוואַכען; אַז דער היינטיגער זאָגענאַנטער שטאַאַט איז אַ גיגאַנטישע ברוטאַלע רויבער-באַנדע, צוזאַמענגעשטעלט פֿון אייגפֿאַכע גנבים, פּאַראַזיטען, פֿוילענצער און פּאָליטישע שווינדלער. מיט דער הילף פֿון רעליגיאָנס-פֿערפֿינסטערער און געשיצט פֿון בעצאָהלטע בלוט-הונד, פֿון ביקסען און קאַנאָנען, רויבען זיי אויף וואָס די וועלט שטעהט אַלעם, וואָס די אַרבייטער-קלאַסע פּראָ-

דוצירט מיט איהר שוויים און בלוט. דיזע רויבער־באַנדע האָט פערכאַפּט אין איהרע לאַפּעס אַלע מיטלען פון זעלבסטשטענדיגער פראָדוקציאָן: מאַשינען, ווערקצייג, לאַנד, — אַלעס, וואָס איז אויף דער ערד און אין דער ערד בעלאַנגט צו איהר; דאָס איז איהר הייליגעס אייגענטהום. לאַנגע יאָהרען פון רויב און מאָרד האָבען איהר געגעבען דאָס געזעצליכע רעכט אויפצוהייגען אַ שלאָס אויף די רייכטהימער פון דער נאַטור, אויף די פרוכטען פון פרעמדער אַרבייט — און איצט, אום צו האָבען ברויט, אום צו האָבען מיטלען פאַר אייער עקזיסטענץ, מוזט איהר פערקויפען אייער אַרבייטס־קראַפט צו דיזע באַנדיטען אָדער אַליין ווערען אַ באַנדיט, ווען איהר האָט דערצו פעהיגקייטען און געלעגענהייט. דער אַר־בייטער ליגט איצט אונטער דעם אייזערנעם פוס פון קאַפּיטאַליזמוס. ער האָט ניט קיין זעלבסטשטענדיגע היים; ער איז קיינמאָל ניט פערזיכערט, אַז ער וועט מאָרגען האָבען זיין שטיקעל ברויט; ער איז אַ שקלאַף, און פיליכט דער אונגליקליכסטער שקלאַף פון אַלע שקלאַפען פון דער פערגאַנגענהייט.

איך דיינק ניט, אַז עס איז נייטיג צו דערצעהלען אייך אַלע גרויזאַמע בלוטיגע לעבענס־דראַמען, וואָס אַזאַ באַרבאַרישע שקלאַ־פעריי פעראורזאַכט צווישען די אָרעמע קלאַסען. ווערמען פון אייך זיינען ניט בעקאַנט דיזע טרויעריגע האַרצרייסענדע בילדער פון׳ם פראָלעטאַריער׳ס לעבען? וועמעס האַרץ קען בלייבען רוהיג, זע־הענדיג, ווי אונשולדיגע יונגע מענער, פרויען און קינדער אין דער בליהונג פון זייער לעבען מוזען אומקומען אין די פינסטערע קערקערס פון לוין־שקלאַפעריי? ווער שוידערט ניט ביי דעם גע־דאַנק, אַז אויך זיין ברודער קען דורך נויט געטריבען ווערן צו די גרויזאַמסטע פערברעכען, אַז אויך זיין שוועסטער — צו דעם שענדליכסטען האַנדעל מיט זיך, אום צו קענען שטילען איהר

הונגער! ווענען האָרץ בלוטעט ניט ביי די צייטונגס־נאַכריכטען, אַז דאָ אָדער דאָרט זיינען אין קאַפּיטאַליסטישע מינען לעבעדיגערהייט בעגראָבען געוואָרען הונדערטע עהרליכע אַרבייטער, איבערלאָזענדיג פרויען און קינדער, וועלכע וועלען פיליכט דאַרפען געהן בעטלען, אָדער וועלען זיין דורך נויטה געטריבען צו פּראָסטיטוציאָן אָדער זעלבסט מאָרד! ווער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר די אונצעהליגע אָפּפער פון דער קאַפּיטאַליסטישער טיראַניי? פאַר די צוטראָטענע לעבענס, פאַר די קערפּער פון די ערמאָרדעטע מיינערס? אַלעס רופט נאָך ראַכע! נאָך ראַכע פאַר אונשולדיג בלוט, פאַר מענשליכע בלוט, וואָס ווערט פערגאָסען טאָג־טעגליך פון די נידריגע, געזונקענע הערשער פון דער היינטיגער געזעלשאַפט! וועלכער מענש, ביי וועמען דער דיינקונגס־אַפּאַראַט איז ניט פערדאָרבען, די מענשליכע געפיהלען ניט אָבגעשטאָרבען, וועט ניט פעראורטהיילען צום טוידט אזא באַרבאַרישע געזעלשאַפט! ווער, אַחוץ אַ פייגלינג אָדער אַ שוועכלינג, וועט זיך ענטזאָגען צו שטעלען זיך אין די רייהען פון די, וואָס ווילען צושטערען די פערבלוטיגטע טראָהנען פון באַרבאַרישער הערשאַפט?

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מוז געשטירצט ווערן! און דאָס קען נור געשעהן דורך אַ געוואַלדיגע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן. עס איז אַן אונזין צו דיינקען, אַז מען קען מיט וואַלד־רויבער דורכקומען אויף אַ פריעדליכען וועג. ווען עס וואָלט ווירקליך געווען אַ מעגליכקייט צו מאַכען אַ סוף צו דעם היינטיגען שקלאַפען־סיסטעם אָהן בלוט־פערגיסונג, וואָלטען די אַנאַרכיסטען פיליכט געווען די ערשטע צו פערמיידען דאָס שרעקליכע בלוט־באָד; אָבער נור קינדער קענען גלויבען, אַז די היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וועט אָבגעבען איהרע פּריווילעגיען און איהרע אָנגערויבטע רייכטהימער אָהן אַ ביטערן בלוטיגען קאַמפף.

אַ געוואַלדיגע שלאַכט פון דעם פֿעראייניגטען פּראָלעטאַריאַט פון דער וועלט געגען זיינע אויסבייטער און אונטערדריקער איז דער איינציגער וועג צו דער פֿאָלקס-בעפֿרייאונג, און דער טאָג איז ניט וייט, ווען דיזע שלאַכט וועט ערשיטערן אַלע דעספּאָטישע טראָהנען און צוברעכען אַלע שקלאַפֿען-קייטען!

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט מוז מאַכען פּלאַץ פֿאַר אַ נייע קאָמוניסטישע געזעלשאַפֿט. אַלע גיטער און רייכטהימער פון דער וועלט ווערן געמיינשאַפֿטליך פּראָדוצירט פון דער אַרבייטער-קלאַסע און דאַרום איז עס ניט מעהר ווי לאָגיש און רעכט, אַז דיזע אַלע רייכטהימער זאָלען אויך ווערן געמיינשאַפֿטליך געברויכט פון אַלע די, וואָס האָבען גענומען אַנטהייל אין דער שאַפֿונג פון דיזע רייכטהימער.

מיר זיינען ניט איינפֿערשטאַנען מיט די סאָציאַליסטען, וועלכע בעהויפּטען, אַז אויך אין דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿט וועט דער שטאַרקערער האָבען אַ פֿאָרצוג געגען דעם שוואַכען. „יעדער איינער — זאָגען זיי — וועט בעצאָהלט ווערן אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל ער איז אימשטאַנד צו פּראָדוצירען, און דער, וואָס האָט אַ פּאָר פֿונט מעהר פֿלייש און איז פֿיזיש שטאַרקער פון מיר, זאָל אויך קענען פֿערדינען מעהר ווי איך“. דיזער בעגריף פון שטאַרקערע און שוואַכערע איז די אייגענשאַפֿט פון אַ קאַפּיטאַליסטישער גע-זעלשאַפֿט. אין אַ פֿרייער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט וועט יע-דער אַרבייטען נאָך זיינע קרעפֿטען און געברויכען נאָך זיינע בע-דירפֿניסע.

אין דער מענשליכער פֿאַמיליע קען הערשען די הייליגסטע האַרמאָניע פון אַ גליקליכען ברידערליכען לעבען. די נאַטור האָט גענוג רייכטהימער פֿאַר איהרע אַלע קינדער, גענוג קאָרן און זונענשיין פֿאַר דער גאַנצער מענשהייט. די בעהויפּטונג, אַז די

מענשליכע געזעלשאַפט איז ניט פעהיג פאַר אַ פרייען קאָמוני־סטישען צוזאַמענלעבען, איז גרונדלאָז און פאַלש.

יעדער איינער איז פעהיג צו פערבייטען אַ קערקער אויף אַ פּאַלאַץ, טרוקען ברויט אויף אַ זיסען קובען, דעם בייטש פון אַ שקלאַפען-הענדלער אויף אַ פריי פאַמיליען־לעבען. נאַטירליך, ווען ער האָט דערצו די מעגליכקייט.

דער מענש איז איצט ברוטאַליזירט דורך דעם אונענדליכען קאַמפף פאַר זיין עקזיסטענץ, דורך די ביטערע ערנידערונגען, וואָס ער שטעהט אויס טאָג־טעגליך פון זיינע אויסבייטער. וואַרפט פון איהם אַראָב דעם יאָך פון שקלאַפעריי, רינגעלט איהם אַרום מיט אומשטענדען פון אַ פרייען מענשליכען לעבען, גיט איהם די מעגליכקייט צו אַרבייטען דריי, פיער שטונדען אַ טאָג, (און מעהר דאַרף אַ מענש ניט אַרבייטען פאַר זיין עקזיסטענץ אין אַ פרייער געזעלשאַפט), אַרבייטען ניט אונטערן בייטש פון אַ פאָרמאַן, נאָר צווישען פרייע ברידער און האָבען אַלעס וואָס קען בעפריעדיגען די בעדירפניסע פון אַ פרייען מענשען, און דאַן וועט נור אַ פערריקטער זיין פעהיג צו בעגעהן עטוואָס אַן אונרעכט אָדער אַ פערברעכען געגען זיינע מיט־מענשען.

99 פראָצענט פון היינטיגע פערברעכען ווערן פעראורזאַכט דורך די שלעכטע עקאָנאָמישע פערהעלטניסען, אין וועלכע די איצטיגע געזעלשאַפט ווערט מעהר און מעהר פערדאָרבען און געטריבען צו רויב און מאָרד, צו פראָסטיטוציאָן און זעלבסט־מאָרד. אין אַ פרייער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, וואו יעדער וועט האָבען די מעגליכקייט צו ערווערבען אַ פרייען גליקליכען לעבען דורך לייכטע אַרבייט און זיין אַ פרייער בירגער פון אַ פרייער געזעלשאַפט, וועלען אַלע דיזע קראַנקהייטען פון דער היינטיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג זיין פאָלקאָם געהיילט, און

די געפֿענגניסע, דולהייזער און גאַלגענס וועלען פֿערשווינדען צוזאַמען מיט דער באַרבאַרישער געזעלשאַפֿט, אין וועלכער מיר לעבען איצט.

איך דיינק, אַז דאָס וואָס איך האָב דאָ געזאָגט איז גענוג צו איבערצייגען אַ מענשען אָהן פֿאָראורטהיילען, אַז דער אַנאַר־כיזמוס־קאָמוניזמוס איז ניט קיין פֿאַנטאַזיע, נאָר אַ וויסענשאַפֿט־ליכעס געזעלשאַפֿטס-סיסטעם. די ענטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן פֿון איין זייט, און פֿון דער צווייטער זייט די אָב־שטאַרבונג פֿון הערשאַפֿטס־ און רעליגיאָנס־אָבערגלויבען וועלען אונז העלפֿען פֿערווירקליכען דעם אַנאַרכיזמוס־קאָמוניזמוס אין דער צוקינפֿטיגער געזעלשאַפֿט. נור אַזאַ געזעלשאַפֿט, וואָס ווערט געבויט אויף פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, קען ער־רייכען די העכסטע שטופֿע פֿון איהר פֿיזישער און גייסטיגער ענטוויקלונג.

פּאָליטישע פֿרייהייט אָהן עקאָנאָמישע איז קיין פֿרייהייט ניט; עקאָנאָמישע פֿרייהייט אָהן גלייכהייט, איז ווידער ניט קיין פֿרייהייט. אַנאַרכיזמוס־קאָמוניזמוס פֿעראייניגט אין זיך פּאָליטישע און עקאָ־נאָמישע פֿרייהייט און אויך גלייכהייט. דאַרום איז ער דער ער־האַבענסטער אידעאַל פֿון פֿרייהייטס-ליעבענדע מענשען! אַ אידעאַל, פֿאַר וועלכען עס איז ווערטה צו אָפּפֿערן אַלעס, אַ אידעאַל, וואָס וועט מיט זיך מאַכען אונשטערבליך די, וועלכע וועלען אַרבייטען און קעמפּפֿען פֿאַר איהם...

ע נ ד ע.